STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05216

IN DER MELUKHE FUN FAYER

Mayne Reid

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ י י ן ר י ד.

אין דער מלוכה פון פייער

יידיש: ר—וויטש.

פארלאג / ב. שימין /

ווארשע. 1921.

WARSZAWA
Druk. SZ. SIKORA i I. MYLNER, Nowolipki 6.

ים! ים!

דאָס פאַר אַ ליבער, שיינער אַלט-פּאַרצייטישער שאָסיי ציט זיך צווישן לאָנדאָן און פּאָרטסמוט! דאָס איז זיכער איינער פון די שענסטע וועגן אין איינגלאַנד. ער דערוועקט ביים טוריסט די שענסטע ערינערונגען! איצט איז ער נאַטירלאַך פאַרוואָרפן, אָפּגעלאָזט און פאַרנאַכלעסיקט! זעלטן פאָרט דאָרט פאַרביי אַ רייכער סקווייר אָדער עס שלייכט דורך אַ דאָרפסדאָקטאָר אויף אַן איינפאַך פורל. אַ ביסל עפטער קען מען זען אַ וואָגן, וואָס איז שווער באַלאָדן מיט היי אָדער סנאָפּעס. נאָך עפטערער טראָגט זיך אַדורך אַן אויסגעפּוצטער קאַבריאָלעט פון אַ פערמער, וואָס פאָרט אויפן יריד אין אַ שכניש דערפל. אָבער נישט אַזוי האָט דאָ אויסגעזען מיט פופציק יאָר צוריק. דעמאָלט פלעגט דאָ דורכפליען אַ טאָג ביז פערציק פּאָסט-דיליזשאַנסן, געשפּאַנט מיט פיר פערד. געפאָרן זיינען זיי פון דער הויפּטשטאָט און פון דעם וויכטיקסטן פּאָרט אין איינגלאַנד און זיינען געווען פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן.

דאָס רוב פּאַסאַזשירן זיינען געווען בראַווע מאַטראָזן. אַ טייל פון

זיי, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַ לאַנגער נסיעה אַרום דער
ערד, זיינען געפאָרן קיין לאָנדאָן פון פּאָרטסמוט. די איבעריקע
האָבן געאיילט פון לאָנדאָן קיין פּאָרטסמוט, נישט צו פאַרזאַמען
די שיפן, וואָס האָבן זיך ערשט געזאָלט איבערגעבן די פּאַרפּי-
רערישע כוואַליעס. אויסער דיליזשאַנסן זיינען דאָרט אַדורכגע-
פאָרן אַ סך לייכטע, שיינע עקיפּאַזשן. דערדאָזיקער וועג האָט אויך
געוואוסט פון אַ סך סחורות, וואָס ווערן היינט איבערגעשיקט מיט
דער באַן. אַלע גרויסע איינגלישע ים-רייזנדער ווי ראָדניי, קאָנ-
דרינגטאָן, קאָטשרען, קאָלינגוואוד און אַפילו נעלסאָן אַליין זיי-
נען אויך נישט איינמאָל געפאָרן איבער דעמדאָזיקן שאָסיי. אַ
געדיכטער וואָלקן פון שטויב האָט באַגלייט זיי צוזאַמען מיט
זייערע אָנטרייבער, וואָס זיינען געזעסן אויף די קאָזלעס אין
אָנגעפּודערטע פּאַרוקן.

דאָס אַלץ איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק. היינט זעט מען
דאָס גאָרנישט. פאָרט עמיץ אַדורך דעם שאָסיי, זעט ער, ווי
איין צוג נאָך צווייטן פליט איבער די רעלסן, וואָס ציען זיך
נעבן דעם אַלטן שאָסיי, און ער הערט יעדע רגע דעם שאַרפן
לאַנגן פייף פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס לאַכט זיך, קענטיק, אויס פון
די אָרימע דורכגייער, וואָס שלעפּן זיך אַזוי פּאַמעלעך.

אָבער ביז היינט איז נאָך פאַרבליבן דערדאָזיקער שיינער שאָסיי,
וואָס איז אַרומגערינגלט מיט געדיכטע הונדערטיאָריקעביימער.
ס'זיינען אויך פאַרבליבן די פריילאַכע אכסניות, וואָס האָבן אַמאָל
געהאַט אַזאַ קלינגנדיקן נאָמען.

אָרימע אַכסניות! היינט זיינען זיי אָפּגעלאָזט און פאַרוואָרפן.
די ווענט זיינען האַלב איינגעפאַלן, די הויפן זיינען פאַרוואַקסן
מיט ווילדן גראָז. די פערדשטאַלן שטייען ליידיק. היינט זעט מען
דאָרט פּשוטע אַרבעטער אין בלוזעס. אַמאָל אָבער האָט מען
דאָרט געזען סאַמע אויסגעפּוצטע וועגלייט אין באַטפּאַרטן מיט
שפּאָרן, אין ווייסע הויזן און אין מאַרינאַרקעס באַצויגן מיט
גאָלד. די פאַרצייטיקע קוטשערס האָבן געטראָגן געשטרייפטע
אַרבל און לאַנגע לעדערנע געטרעס.

צווישן פאַרשידענע מעשות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן שאָסיי,

זיינען פֿאַראַן אויך טראַגישע, ווי, אַ שטייגער, די מעשה מיטן „טייוולשן פּונש-בעכער". דעמדאָזיקן נאָמען טראָגט דער פֿינסטערער מוראדיקער אָפּגרונט, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן שפּיץ פֿון סאַוט דאַונער באַרג. דער שאָסיי הייבט זיך אויף אויפֿן באַרג און שליינגלט זיך פֿאַרביי דעם אָפּגרונט. אויפֿן סאַמע ברעג פֿון אָפּגרונט שטייט אַ הויכער דיינקמאָל פֿון גראַניט. ער שטייט דאָ צום אָנדיינק פֿון אַ מאַטראָז, וואָס באַנדיטן האָבן אים דערהרגעט און דערנאָך אַראָפּגעוואָרפֿן אין „בעכער". די אויפֿשריפֿט אויפֿן דיינקמאָל פֿאַרציילט, אַז די פּאָליציי האָט געפֿונען די מערדער און האָט זיי אויפֿגעהאַנגען אויף דעמזעלבן אָרט, וואו זיי האָבן באַגאַנגען זייער פֿאַרברעכן.

אין אַ שיינעם יוני-פֿרימאָרגן האָט אַ יונג ייִנגל, פֿון אַ יאָר פֿערצן העכסטנס פֿופֿצן זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען ביים סאַמע דיינקמאָל. די זון האָט זיך שוין רעכט אויפֿגעהויבן אויפֿן הימל, אָבער דער באַרג איז נאָך אַלץ געלעגן איינגעהילט אין אַ מילכווייסן נעפּל, וואָס איז אַזאַ אָפֿטער גאַסט אין סאַוט-האַמפּשיר. דער נעפּל איז געווען אַזוי ווייס, אַז פֿון ווייטן האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פֿון שניי. די אילוזיע האָט זיך נאָך פֿאַרשטאַרקט צוליב דעם, וואָס דער נעפּל איז געלעגן אויף אַ גאַנץ קליינעם שטח, און די באַרג- און וואַלד-שפּיצן האָבן אַרויסגעשטעקט פֿון אים, ווי קליינע אינזלאַך מיט שאַרף באַצייכנטע ברעגעס.

דער יונגער רייזנדער אָבער, וואָס איז נאָר וואָס אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג, האָט נישט געלייגט קיין שום אַכט דערויף. ווי ס'זעט אויס, האָבן אַנדערע, ריין פּערזענלעכע בילדער, באַהערשט זיין יונגע פֿאַנטאַזיע. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער האָט זיך גלייכגילטיק באַצויגן צום נעפּל. פֿאַרקערט, דער נעפּל האָט אים געקוויקט אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל ער האָט אים באַהאַלטן פֿאַר פֿרעמדע בליקן. דאָס האָט זיך נאָך פֿריער געלאָזט מערקן, ווען ער האָט זיך שאַרף אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, בשעת ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער זיך אָפּשטעלן און פֿלעגט זיך אויפֿמערקזאַם צוהערן צו יעדן קלאַנג. ווען ער האָט איינגעזען, אַז אַרום אים איז שטיל און

רוהיק, אַז קיינער ווייזט זיך נישט אויפן שאָסיי, איז ער ווייטער מיר געגאַנגען אויפן באַרג. ווען ער איז צוגעקומען צום סאַמע שפּיץ באַרג, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען און האָט אַוועקגעלייגט נעבן זיך אַ קליין פּעקעלע. ווי ס'זעט אויס, זיינען עס געווען מאַנכע קליידער, איינגעוויקלט אין אַ ציצן טיכל. זיין אַנזוגל איז באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטן שטויב: ער האָט, קענטיק, דורכגעמאַכט אַ שטיק וועג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון דערהיים. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט זיין אויסזען דערוועקט אַ טיפן צוטרוי צו אים. זיין אָנגענעם, סימפּאַטיש געזיכט און די נאַאיווע האַלטונג האָבן עדות געזאָגט, אַז דער יונגער וואַנדערער מוז זיין אַ גוטער דאָרפסיינגל, אַ זון פון נישט זייער רייכע, דאָך אָבער פאַרמעגלאַכע עלטערן. זיין גאַנצער חטא איז מסתמא באַשטאַנען דערין, וואָס ער איז אַוועק פון דערהיים אָן דעם וויסן פון די עלטערן.

אַזוי האָט דאָס אויסגעזען, און אַזוי איז דאָס טאַקי געווען אין דער ווירקלאַכקייט. דער יונגער וואַנדערער האָט געהייסן האַרי טשעסטער. ער איז געווען אַ זון פון אַ בכבודיקן פערמער אין האָדאַלמיני, וואָס איז געלעגן אַ מייל דרייסיק פונדאַנען. און אָט דעם לאַנגן וועג איז ער דורכגעגאַנגען צופוס. פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דערהיים, וועלן מיר זיך לייכט דערוויסן פון די ווערטער, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן אויפן באַרג, ריידנדיק צו זיך אַליין, ווי עס טוען על-פּי-רוב מענטשן, וואָס זיינען פאַרנומען מיט איין געדאַנק:

„ביזן פרישטיק וועט מען נישט באַמערקן, אַז איך פעל—האָט ער זיך געזאָגט—און צו יענער צייט וועל איך שוין זיכער זיין אין פאָרטסמוט. אויב ס'וועט מיר אָפּגילטן צו באַקומען אַ פּאָסטן אויף אַ שיף, וועל איך נישט אַראָפּגיין אויפן ברעג, ביז די שיף וועט אַוועק אין ים אַריין. נאָכדעם האָב איך מיך שוין נישט וואָס צו שרעקן. במילא וועט דעם טאַטן נישט איינפאַלן מיך צו זוכן אין פאָרטסמוט. דער אַלטער פורמאַן וועט אים געוויס איבערגעבן מיינע ווערטער, אַז איך וויל אַוועקפאָרן קיין לאָנדאָן, און מיין פאָטער וועט מיך זוכן אין לאָנדאָן, נישט אין פאָרטסמוט.“

דער ייִנגל האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אַלעמען קונציק אויסגענאַרט. באַלד אָבער איז ער פון דאָסניי געוואָרן ערנסט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער מוטער און אָן איר גרויסן צער.

„די מאַמע וועטליידן, — האָט ער שטיל געשעפּטשעט, — און די קליינע עמיליע וועלן וויינען... דאָס וועט אָבער לאַנג נישט דויערן איך וועל זיי באַלד שרייבן אַ בריוו, לאָמיר זיך נאָר איינאָרדנען. אגב וועל איך דאָך אַמאָל קומען צוריק...

ווי עס שיינט אָבער, האָבן דידאָזיקע ווערטער נאָך נישט באַרויִקט דעם ייִנגלס געוויסן, ווייל באַלד דערויף האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גאַנצע פאַרטיידיקונגס-רעדע:

„ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַנדערש טאָן? דער פאָטער האָט מיך דורכויס געוואָלט מאַכן פאַר אַ פערמער, דאָס איז געווען זיין רצון. ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער ברודער דיק קען אים פאַרטרעטן אָן מיר. דאָס אַלץ האָט אים אָבער נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט דורכויס געוואָלט, אַז איך זאָל מיין גאַנץ לעבן זיך טענטלען אַרום ערד־אַרבעט. און איך וויל דורכשניידן דעם, ווי עס זאָגט זיך אין אַ ליד, איך וויל דינען דעם ים. דאָס גאַנצע לעבן וואָלט איך געוואָלט זיין אַ פשוטער מאַטראָז. אָך, דער ים! דער ים! בעסער דער ים, איידער די ערד! דורכן ים וועל איך זען די גאַנצע וועלט, כ׳וועל זיין אין די גרעסטע פאָרטן און הויפּט-שטעט. כ׳וועל מיך באַקאָגען מיט פאַרשידענע פעלקער און וועל באַזוכן אומבאַקאַנטע אינזלען. כ׳וועל זיך אַריבערטראָגן פון דער וואונדערשיינער טראָפּישער נאַטור אין די ערנסטע שטרייַנגע פּאָל-לענדער. איך וועל אָבער נישט לאַנג פאַרבלייבן אַ פשוטער מאַטראָז, איך שווער דערויף! איך וועל אַרבעטן אַזוי פלייסיק און טריי, אַז איך וועל זיך מוזן אויסצייכענען. ווער קען וויסן, אפשר וועל איך אין פיר-פינף יאָר אַרום צוריק קומען אהיים מיט גאָלדענע אָפיצירן-קנעפּ און גאָלדענע עפּאָליעטן? ווער וועט דעמאָלט קוקן מיט גרויס ליבע אויף מיר? מיין ליבע מאַמע און די קליינע עמיליע. און דער טאַטע וועט אויך מוזן מודה זיין, אַז איך האָב גוט געטאָן.“

דערווייל האָט די זון אינגאַנצן פֿאַרטריבן דעם נעבל, און האַרי טשעסטער האָט ערשט דעמאָלט באַמערקט, אַז ער זיצט ביי אַ גרויסן דיינקמאָל. פֿריער האָט ער אים גאָרנישט באַמערקט. דעמאָלט האָט ער איבערגעלייענט די אויפֿשריפֿט וועגן דעם פֿאַרברעכן און וועגן דער שטראָף, וואָס די באַנדיטן האָבן באַקומען. אַ לייכטער וואָלקן האָט זיך געלייגט אויף האַריס באַוועגלאַך פּנימל. אפשר האָט דער גורל פֿונעם אומגליקלעכן מאַטראָז, וואָס איז דאָ דערהרגעט געוואָרן, געדאַרפֿט אים וואָרענען פֿאַר די געפֿאַרן, וואָס זיינען מעגלעך, אויך אים פֿאָרגעשטאַנען אין לעבן? האַרי איז נישט געווען קיין שרעקעדיק ייִנגל, דאָך אָבער האָט אים עפּיס באַהערשט אַ שווער געפֿיל. ער האָט זיך דייטלעכער פֿאָרגעשטעלט דעם צער פֿון זיין מוטער און שוועסטער און דעם כּעס פֿונעם טאַטן. די שטים פֿון געוויסן האָט אָנגעהויבן העכער צו קלינגען. ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו וואַקלען. אין זיין נשמה איז פֿאָרגעקומען אַ שטאַרקער קאַמף צווישן זיין ליבע צו די עלטערן און צווישן זיין באַגער צו ווערן אַ מאַטראָז.

ווען עפּיץ, אַ גוטער און אַ טרייער און אַ ליבער, וואָלט זיך איצט געפֿונען נעבן אים און וואָלט אים געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער, וואָלט אפשר האַרי זיך אומגעקערט צוריק קיין גראַלמיכי, צו זיינע נאָענטע, וואָס האָבן אים שוין באַוויינט. אָבער אַזאַ פֿריינט האָט זיך נעבן האַרין נישט געפֿונען, און דאָס ייִנגל האָט באַשלאָסן ווייטער צו גיין קיין פּאָרטסמוט.

ער איז אַרויף אויפֿן שפּיץ באַרג. ביי זיינע פֿיס האָט זיך געצויגן דער האַמפּשירער ברעג, און דאָרט ווייטער האָט געדרעמלט דער אומענדלעכער ים, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי אַ בלוי שטיק גלאָז. זיין בלויקייט האָט זיך אומבאַמערקט צוזאַמענגעגאָסן אויפֿן האָריזאָנט מיט דער צאַרטער, בלאַסער בלויקייט פֿונעם הימל. דאָס דאָזיקע בילד האָט אינגאַנצן באַפֿרייט דעם ייִנגל פֿון אַלע זיינע ספֿקות. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער דערזען דעם ים און ער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז ער געהערט דעם ים מיט לייב און לעבן און אַז קיין שום מענטשלעכע קראַפֿט וועט נישט זיין מסוגל אָפּצורייסן אים פֿון דער דאָזיקער סטיכיע. זיין

פאַנטאַזיע האָט אים באַלד אָנגעהויבן צו מאָלן מינאַרעטן, און פּאַלמען, און אומבאַקאַנטע ברעגן, וואָס קיינער האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען און ער וועט זיין זייער אַנדעקער. האַרי האָט פאַרגעסן אָן זיין מידקייט און איז מיט שנעלע טריט אַוועק צום האַפן, וואָס האָט אים געזאָלט עפענען דעם צוטריט צו דעם גרויסן, גרויסן שייגעם ים.

נישט ווייט פון פאָרטסמוט האָט ער ביים סאַמע וועג דערזען אַ פּראַכטפולן שלאָס אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן פּאַרק. און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער שלאָס געהערט צום סער טשאַרלז נעפּיר, וואָס איז געוועזן איינער פון די באַרימטעסטע ענגלישע אַדמיראַלן. דאָס מאָל האָט ער אין דעם פּאַקט געזען אַ גוטן צייכן פאַר זיך.

„פאַרוואָס זאָל איך מיט דער צייט אויך נישט קענען ווערן קיין אַדמיראַל״?—איז אים אַדורכגעלאָפן אַ גליקלעכער רעיון און מיט לייכטע זיכערע טריט איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער פאָרשטאָט פון פּאָרטסמוט.

די אויסגעשטערנטע פאָן.

אויף די פּאָרטסמוטער זייגערס איז געווען ניין אַ זייגער, ווען האַרי טשעסטער האָט זיך דערנעענטערט צו דער באַרימטער האַפן-שטאָט. ביים ערשטן בעסטן דורכגייער האָט ער געפרעגט, ווי אַזוי גייט מען קיין פּאָרטסי. דאָס איז געווען יענער שטאָט-טייל, וואו ער האָט געהאָפט צו זען אַ סך שיפן. מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געלאָזט אַהין.

ביים סוף פון אַ לאַנגער, גלייכער גאַס האָט האַרי דערזען אַ גאַנצן וואַלד פון מאַסטן באַפּוצט מיט שפּיצן פון זעגלען און באַצויגן מיט שטריק. פריער האָט דער יינגל געזען שיפן בלויז אין זיין פאַנטאַזיע אָדער העכסטנס אויף אַ בילד. איצט וויגן זיי זיך אַזוי ווי לעבעדיקע פאַר זיינע אויגן. דאָס איז געווען נישט איין שיף און נישט צען שיפן, נאָר הונדערטער, הונדערטער שיפן און אַלע פון פאַרשידענע גרויס און פאַרשידן געבויט און באַפּוצט און מיט פאַרשידענע נעמען. די שענסטע פון זיי זיינען געווען שוואַרץ געפאַרבט, זיי האָבן זיך פעסט

געהאַלטן אויף זייערע אַנקערס, אַרומגערינגלט פֿון אַ גאַנצע מחנה שיפֿלאַך.

האַרי האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, און ווי ער האָט זיך נאָר דערוואוסט, אַז דאָס זײַנען קריגסשיפֿן, האָט ער זיך אויפֿגעהערט מיט זיי צו אינטערעסירן, ווײַל ער האָט געזוכט אַ האַנדלסשיף. ער האָט געוואוסט, אַז אַ לערנייִנגל, וואָס קומט אָן אַלס פּשוטער מאַטראָז אויף אַ קריגסשיף, האָט נישט וואָס צו האָפֿן אויף אַ העכערן אַמט. אויסערדעם, האָט האַרי גאָרנישט געוואָלט בלײַבן שטעקן אין עפּיס אַ פּאָרט אָדער אַ ים-סטאַנציע, וואו עס שטייען על-פּי-רוב די קריגסשיפֿן. ער האָט געטרוימט פֿון ווײַטע נסיעות און פֿאַרשידענע לענדער, און דאָס האָט ער געקאָנט דערגרייכן נאָר מיט דער הילף פֿון האַנדלסשיפֿן וואָס באַוועגן זיך איבער אַלע ימים און אָקעאַנען. עס איז אַפֿילו כּדאַי צו באַמערקן, אַז האַרי טשעסטער האָט שוין צו דער צײַט באַוויזן אויפֿצוגעבן זײַן האָפֿנונג צו ווערן אַן אַדמיראַל און ער וואָלט געווען זייער צופֿרידן, ווען ער וואָלט געקאָנט אָנקומען אַלס מאַטראָז אויף אַן אייגנפֿאַכן שיפֿל, וואָס כאַפּט וואַלפֿישן. דעריבער האָט ער געפֿרעגט דעם ערשטן בעסטן דורכגייער, צי ס׳געפֿינט זיך נישט אַמאָל אַזאַ מין שיף אינם פּאָרטסמוטער האַפֿן. האָט יענער אַ שמייכל געטאָן מיט פֿאַראַכטונג און זיך אָנגערופֿן:

—וואָס פּלאַפּלסטו? ביסטו פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן, וואָס דו זוכסט אַזאַ מין שיף אין אַן ענגלישן פּאָרט? דאָס וועסטו מיין ליבער געפֿינען אַ ביסל ווײַטער אין די קאַלטע צפֿונלענדער.

האַרי האָט זיך געפֿילט אַ ביסל פֿאַרשעמט פֿון אַזאַ ענטפֿער און מיט אַ געפֿאַלענער שטים אַ פֿרעג געטאָן, וואו עס שטייען די אייגנפֿאַכע האַנדלסשיפֿן. אַז ער האָט באַקומען אַן ענטפֿער, איז ער אַוועק אינם האַנדלסהאַפֿן. אין האַנדלסהאַפֿן האָט געקאָכט און גערוישט. די טרעגערס זײַנען געלאָפֿן אַהין און צוריק געשלעפּט שווערע פּעק, און האָבן אָנגעלאַדעוועט און אויסגעלאַדעוועט פֿאַרשידענע פּעק סחורות. שיפֿלאַך זײַנען לאַנגזאַם צוגעשוואומען צו די שיפֿן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף אַנקערס. אַ טייל שיפֿן האָבן פֿאַרענדיקט אָנצולאַדעווען זייער משׂא, די אַנדערע ווידער, וואָס

זיינען שוין געזעסן טיפער אין וואַסער, זייבען, קענטיק, געווען גרייט אַפּצעשווימען אַ ליאַדע מינוט. צו די לעצטע שיפן האָט זיך געווענדט דער יונגער וואַנדערער, ווייל ער האָט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער פאַרשאָלטענער יבשה, וואו ער איז נישט זיכער מיט זיינע חלומות.
ער האָט זיך געשטאַרקט, געמאַכט זיך מוטיק, אַרויף אויף אַ שיף און זיך אָנגערופן, אַז ער וויל זיך זען מיטן קאַפּיטאַן. האָט מען אים אָנגעוויזן, וואו דער קאַפּיטאַן געפינט זיך. אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט גרויס דרך-ארץ, האָט ער באַשיידן אויסגעדריקט דעם קאַפּיטאַן זיין בקשה.
—הער קאַפּיטאַן!—האָט ער שטיל און פּשוט געזאָגט.—איך האָב מיך דערוואוסט, אַז איר דאַרפט האָבן אַ לער-יינגל. אפשר וועט איר מיך אָננעמען אויף אייער שיף?
דער ים-וואָלף האָט אָפּגעמאָסטן דאָס יינגל פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ שאַרפן בליק און טרוקן אַ זאָג געטאָן:
—כ'ברויך נישט קיין יינגלאַך!...
דעמאָלט האָט זיך האַרי פאַרגייגט און איז אַוועקגעגאַנגען און דער קאַפּיטאַן האָט אים נאָכגעשריען:
—ווען איך וואָלט אַפילו יאָ באַדאַרפט צו האָבן אַ לער-יינגל, וואָלט איך בשום-אופן נישט גענומען אַזאַ שמענדריק.
האַרי האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט און אַ בעמישטער, האָט ער געמאַכט שנעלערע טריט. האָט ער ווייטער געפּרובט זיין מזל. אָבער מען האָט אים אומעטום געענטפערט אַזוי גראָב און אין דעמזעלבן נוסח.
—כ'ברויך נישט קיין חזירימלאַך...—האָט איינער אַפילו געענטפערט.

—צו וואָס טויגן מיר געגזעלאַך?—האָט אַ צווייטער אָפּגעשניטן.

—טראָג זיך, טראָג זיך אָפּ!..—האָט אַ דריטער געוואָרטשעט.
האַרי האָט אָבער נאָך אַלץ נישט פאַרלאָרן די האָפענונג און איז געקראָכן פון איין שיף אויף דער צווייטער, אָבער אומעטום האָט ער געכאַפּט דעמזעלבן פּסק. אין אַ פינף-זעקס שעה האָט ער

באַוויזן דורכצוגיין אַלע שיפן, וואָס זיינען שוין געווען גרייט אָפּצעשווימען.
ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט האָט ער געהאַט שלעכט אויסגע-רעכנט. ס׳איז ווייט נישט געווען אַזוי לייכט אָנצוקומען אויף אַ שיף, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. מען באַדאַרף נישט פאַר-געסן, אַז דאָס איז געשען אין אַן איינגלישן פּאָרט, וואו מען נעמט אָן לערנייינגלאַך אויף אַ שיף אָן שום פאָרמאַליטעטן, אויב די קאַנדידאַטן געפעלן נאָר דעם קאַפּיטאַן. אין פראַנקרייך וואָלט האַרי אינגאַנצן נישט בעקענט זיך דערקריגן צו אַ שיף, ווייל דאָרט פאָדערט מען פון אַ לער-ייִנגל דאָקומענטן, אַ פאָרמעלע דערלויב-ניש פון זיינע עלטערן, באַשטעטיקט דורכן מער פונם געהעריקן וואוינאָרט. אין פראַנקרייך וואָלט מען אים אַרעסטירט אַלס אַרומ-שלעפּער, מען וואָלט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען און מען וואָלט אים מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט אַהיים.

דאָ אָבער איז האַרין געשטאַנען אין וועג דאָס, וואָס ער איז אינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט מיטן פאַך אויפן ים. ביי טאָג האָט ער אַזוי־אַרום פאַרלאָרן אַלע זיינע האָפנונגען, וואָס האָבן זיך אַזוי צעבליט אינדערפרי. ער האָט זיך געשפּירט שטאַרק דערשלאָגן און האָט שוין אַפילו געטראַכט, צי וואָלט נישט גליי-כער געווען זיך אָפּצעזאָגן פון זיינע אומגליקלאַכע פּלענער און זיך אומצוקערן אַהיים, קיין גאָדאַלמינג.
פּלוצלונג אָבער איז זיין בליק געפאַלן אויף אַן אומבאַקאַנטער פּאָן, זי האָט נעפלאַטערט איבער אַ האַנדלסשיף פון אַ זעקס-זיבנהונדערט טאָן. דאָס איז געווען אַ ווייס-רויטע פאָן מיט שטערנד-לאַך אין אַ ווינקל. אַ פאַרצווייפלטער, איז ער שוין אַ פּאָר מאָל פאַרבייגעגאַנגען די שיף, וואָס האָט געהייסן „קאַליפּסאָ“. ער האָט זיך אָבער נישט דערוועגט אַרויפצוגיין אויף איר, ווייל די פאָן איז נישט געווען קיין איינגלישע. וואָס האָט ער געקענט דער-וואַרטן פון אַן אויסלענדער, ווען מענטשן פון זיין אייגן פאָלק האָבן אים אַזוי גראָב געענטפערט. דאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָן און צו וואָסער מלוכה געהערט זי.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז די פאָן פון די פאַ-
רייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, האָט ער אַ קלער געטאָן, אַז פאַרט
זיינען די אַמעריקאַנער שטיקלאַך מחותנים מיט די איינגלענדער,
ווייל זיי געהערן צו דערזעלבער ראַסע אוןריידן אויף דערזעל-
בער שפּראַך. און ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן די לעצטע פּראָ-
בע אויף דער אַמעריקאַנישער שיף.

„אויב דאָ וועט מען מיך אויך פאַרטרייבן,—האָט ער אַ קלער
געטאָן,—וועל איך נאָך זען, וואָס איך האָב צו טאָן. אַהיים וועל
איך אַלעמאָל באַוויזן זיך אומצעקערן"...

ער איז אַרויף אויפן טראַפּ פונם „קאַליפּסאָ", און האָט צום דריי-
סיקסטן מאָל איבערגעחזרט דידאָזיקע פראַגע:

—צי קען איך מיך זען מיטן קאַפּיטאַן?

—איצט איז ער נישטאָ אויפן שיף—האָט אים גאַנץ העפלאַך
געענטפערט אַ יינגל אין זיינע יאָרן—אפשר קענט איר מיר זאָגן,
סער, צו וואָס איר דאַרפט אים?

דער טאָן איז געווען אַ פריינטלאַכער און האָט צוגעגעבן מוט.
דער ים-רייזנדער אָבער איז נאָך געווען אַזוי יונג, אַז האַרי האָט
נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע ווערטער אָבער דאָס בחורל
האָט גערעדט זייער זיכער און האָט נישט אויסגעזען ווי אַ
פּשוטער מאַטראָז, הגם ער איז געווען אָנגעטאָן, ווי אַ ים-רייזנ-
דער. ער האָט געטראָגן אַ דין לייוונטן העמדל מיט גאָלדענע
קנעפּ אויף די אַרבל. אַ שטרויענער פּאַנאַמע-הוט האָט געשיצט
זיין צאַרט געזיכט פאַר דער זון. האַרי האָט אים שאַרפער אָנ-
געקוקט און האָט ווייך אַ זאָג געטאָן:

—אפשר קאָן איך באַקומען אַ שטעלע אויף דער שיף?

דער קליינער ים-רייזנדער האָט געענטפערט:

—איך קאָן אייך דערויף גאָרנישט זאָגן... דער קאַפּיטאַן איז
איצט אין צאָל-קאַמער. ער וועט מסתמא באַלד קומען אין אַ
שעה אַרום וועט איר אים געפינען... מאָרגן וועט ער זיין
אויף שיף ביז צוועלף אַ זייגער פאַר האַלבן טאָג.

נישט געקוקט אויף זיין דאָרפישער נאַאיוויטעט איז האַרי געווען
אויף אַזוי פיל דערצויגן, אַז ער האָט גאָרנישט געזאָגט, און

האָט זיך העפּלאַך צוזעגנט מיטן יונגן ים-רײַנדער.

האַרי האָט פון דאָסניי באַקומען אַ האָפנונג.

ווען ער איז אַרונטערגעגאַנגען אויפן ברעג, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער הימל איז בלויער געוואָרן און די זון שיט הויפנס גאָלד אויפן ים.

פּלוצלונג האָט אים פאַרטשעפּעט עפּיס אַ באַנדע יונגע לאַבוזעס, וואָס האָבן, קענטיק, געהערט צו די גאַסן-יונגען אָדער צו די אַזוי גערופענע „האַפנמייז", וואָס זײַנען שטאַרק פאַרשפּרייט אין די האַפנשטעט.

—איר קוקט נאָר אָן דעם גולם!—האָט איינער פון די לאַבוזעס אַ זאָג געטאָן, אָנווייזנדיק אויף האַרי—מען זעט באַלד, אַז דאָס איז אַ פויער. וואָס פאַר אַ מלבושים ער טראָגט? כאַ-כאַ-כאַ!

די גאַנצע באַנדע האָט זיך צעלאַכט. דאָס גאַנצע בלוט איז געקומען האַרין אין פּנים אַרײַן. ער האָט שוין געוואָלט אַפילו פאַרפאָרן דעם גאַסניונג אין די ציין, אָבער ער האָט זיך איבערגעלייגט, אַז אייגנטלאַך איז דער לאַבוז גערעכט. אפשר זעט ער טאַקי אויס, ווי אַ פויער? איז אפשר נישט גלייכער איבערצעטוישן די דאָרפישע מלבושים אויף אַ שטאָטישן אַנצוגל אָדער נאָך בעסער—אויף אַ... מאַטראָזנבגדל?.. דעמאָלט וואָלט געווען גלייכער צו באַקומען אַ פּאָסטן, ווייל דער פויער וועט זיך אַזוי נישט וואַרפן אין די אויגן אויפן לעבעדיקן פּאָן פון ים.

מיט זיכערע טריט איז האַרי אַוועק אין אַ געשעפט פון פאַרטיקע קליידער און אין אַ פערטל שעה אַרום איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, אָנגעטאָן ווי אַ מאַטראָז פון קאָפּ ביז די פיס—אמת, ער האָט אויסגעגעבן כמעט זײַן גאַנץ געלט, דערפאַר אָבער האָט ער מיט רעכט געטראַכט, אַז אין דעמדאָזיקן אַנצוגל וועט אים קיינער נישט דערקענען, אַפילו דער טאַטע אויך נישט. איצט איז ער נאָכמער אָפּגעשניטן פון דערהיים, ווי פריער...

אין זײַן נייעם בגד איז ער אַוועק צוריק צו דער „קאַליפּסאָ", און האָט געוואַרט אויפן ברעג, ביז דער קאַפּיטאַן וועט קומען. באַלד אָבער האָט ער דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט. פאַר דער

גאַנצער צייט האָט ער זיך קיין איינמאָל נישט צוגעזעצט און געגעסן האָט ער זייער ווייניק.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויפן ברעטער און נישט אַראָפּגעלאָזט דאָס אויג פון דער „קאַליפּסאָ".

נישט ווייט פון ברעג האָבן זיך באַוויזן צוויי פרויען, איינע איז געווען גאָר גאָר אַ יונגע, די צווייטע—אַ בכבודיקע דאַמע שוין אין די מיטעלע יאָרן. זיי האָבן פאַרפירט אַ שמועס מיטן יונגן מאַטראָז, וואָס האָט פריער אַזוי העפלעך גערעדט מיט האַרין. עס האָט אויסגעזען, ווי די דאַמען וואָלטן אויך געוואַרט אויף דער שיף.

„זאָלן דאָס זיין פּאַסאַזשירקעס? האָט האַרי געטראַכט.—אָבער צו וואָס זיינען זיי געקומען אַזוי פרי? מסתמא זיינען דאָס דעם קאַפּיטאַנס ווייב און טעכטערל... און דער יונגער מאַטראָז, קאָן זיין, איז זיין זון"...

און האַרי האָט לאַנג געטראַכט פון קאַפּיטאַן און האָט זיך אַליין געפרעגט:

„וואָס פאַר אַ מענטש קאָן זיין דער קאַפּיטאַן פון דער „קאַליפּסאָ". ער איז געווען נייגעריק צו זען, צי וועט ער נישט דער־קענען דעם קאַפּיטאַן צווישן די האַפנלייט. דאָס איז אָבער גע־ווען אַן אוממעגלאַכע זאַך, ווייל כמעט אַלע דורכגייער האָבן דאָ אויסגעזען, ווי קאַפּיטאַנען... דאָך האָט ער געזען אַ סך מאַ־טראָזן אין בלויע בלוזעס ברייטע הויזן און שטרויענע היטן באַ־פוצט מיט העלע, פלאַטער-בענדער. שטורמאַנס אין רעגנמאַנטלאַך און אין לעדערנע היטלאַך, וואָס לאָזן נישט דורך קיין וואַסער. אַרבעטער אין פילפאַרביקע יאַקן און געשטריקטע היטלאַך. פון צייט צו צייט פלעגט דורכגיין אַן אָפיציר מיט גאָלדענע שנאָ־רעלאַך און מיט אַ שוואַרצן שיידל אויפן שווערד... אַמאָל פלעגט פלוצלונג פאַרבייגיין אַן אַלטער, אויסגעדינטער לאָצמאַן.

נעמט מען אָבער אַראָפּ די אויגן פון די ים-לייט, זעט מען גע־וויינלאַכע מענטשן, אָבער זייער פאַרשידן לויטן אויסזען און טראַכט. טערקן און אַראַבער מיט קליינע רויטע פעסקעס אויף די קעפּ, יידן, פראַנצויזן, הישפּאַניער, דייטשן, נאָרוועגער, פּאָרטו־

גען, שווערן מיט פלאַקסענע האָר און געקרייזלטע נעגערס.

האַרי האָט געגלאָצט מיט די אויגן אויף דעמדאָזיקן געמיש פון פעלקער און פלוצלונג האָט זיך אָפּגעשטעלט זיין אויג אויף אַ גאַנץ אויסטערלישער גרופּע: אַ מאַנספּערשוין פון אַ יאָר דרייסיק, אַ יינגל פון אַ יאָר פופצען און אַ מיידעלע פון אַ יאָר דרייצען. אַלע דריי זיינען געווען זייער קליינטשקע מענטשעלאַך, מיט אַ טונקל-רויטער הויטפאַרב, מיט גלאַטע, האַרטע האָר, און מיט קוילן-שוואַרצע אויגן. די נאָז—אויבן שמאָל, אונטן זייער ברייט, דער שטערן אַ נידעריקער און אַ פלאַכער. אַלע זיינען געווען ענ-לאַך צו אייגאַנדער, אָבער אַ מאָדנע זאַך: די קינדער האָבן גע-מאַכט אַן אָנגענעמען איינדרוק, בשעת דער עלטערער מאַנספּער-שוין האָט אויסגעזען זייער העסלאַך. באַזונדערס ליב און חנעוו-דיק איז געווען דאָס מיידעלע. אין איר נאַציאָנאַלן טראַכט וואָלט זי אפשר געווען גאָר שיין. אירע באַגלייטערס האָבן געטראָגן אייראָפּעאישע קליידער און דעריבער האָבן זיי אויסגעזען אומגע-לומפּערט און משונה. דאָס מיידעלע האָט געטראָגן אַ געשטרייפט קליידל, אַ שאַל פון קרעפּע און אַ שטרויענעם הוט. די מענער האָבן אויסגעזען ווי מאַלפּעס אין זייערע טוכענע בגדים אין די צילינדערס און לאַקירטע שיך. דער יינגל האָט זיך געשפּילט מיט זיין שטעקל, ווי אַ פּאַצעט פון האַנדן-פּאַרק. נאָך מער האָט האַ-רין געוואונדערט, וואָס די אויסטערלישע מענטשן ריידן גאַנץ פריי אויף איינגליש, הגם דאָס וואָרט קייקלט זיך זיי עטוואָס אין האַלז. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פונקט נעבן האַרין, ווייל זיי האָבן זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער „קאַליפּסאָ".

—גיב נאָר אַ קוק, אָקאַכלו,—האָט דער מאַנספּערשוין אַ זאָג גע-טאָן צום מיידל,—דאָס איז דאָך דיזעלבע פּאָן, וואָס מיר זעען זי אַזוי אָפט ביי אונזערע ברעגעס.

—טאַקי דיזעלבע!—האָט דאָס מיידל אויסגערופן—דו זעסט, אָרונ-דעליקאָ? האָט זי געפרעגט דאָס יינגל.

—טאָ וואָס איז, אַז איך זע?—האָט דער יונגער פּאַצעט

געענטפערט מיט גדלות, ווייל אַזאַ מין טאָן האָט ער, קענטיק, געהאַלטן פאַר אַן אויסדרוק פון אַ גוטער דערציונג.—דאָס איז אַן אמעריקאַנישע שיף.

—עלעפאַרי,—האָט דאָס מיידעלע געפרעגט דעם. מאַנספערשוין— די אַמעריקאַנער ריידן דאָך אויף דעמזעלבן לשון, וואָס די הי- גע איינוואוינער?

יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

—יאָ, דערזעלבער לשון, אָבער זיי לעבן נישט בשלום. זייער אָפּט שלאָגן זיי זיך איינער מיטן צווייטן און נעמען איינער פון צווייטן גרויסע אויסלייז-סומעס. מען האָט עס מיר דער- ציילט אויף דער גרויסער קריגסשיף, וואָס האָט אונז געבראַכט אַהער.

—נו, דאָס איז זייער זאַך,—האָט אָרונדעליקאָ אַריינגעוואָרפן און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

דער מאַנספערשוין מיטן מיידל האָבן זיך אַוועקגעלאָזט נאָך אים.

האַרי האָט מער גאָרנישט געהערט, אַ קורצע ווײַלע האָט ער נאָכגעקוקט דידאָזיקע קאָמישע מענטשעלאַך, באַלד אָבער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט אַנדערע בילדער, וואָס האָבן אים אויסגעזען אַזוי ניי און אינטערעסאַנט. צולעצט אָבער האָט די מידקייט געזיגט, דאָס יינגל האָט פארמאַכט די אויגן, אַוועקגע- לייגט זיין בלאָנדן קאָפּ אויף אַ ברעט און איז שטיל איינגע- שלאָפן.

די האַפּנמייז.

האַרי האָט נאָך נישט באַוויזן רעכט איינצעשלאָפן, ווי פּלוצלונג האָבן אים אויפגעוועקט ווילדע געשרייען און אַ חוצפּהדיקער געלעכטער. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ער האָט באַלד איינגעזען, אַז דאָס שרייען אַזוי די ליבע האַפּנמייז. צוועלף „מייז" האָבן אַרומגערינגלט אַ צווויי-דריי ייִנגלאַך און האָבן זיי געשטויסן און געמאַכט חוזק פון זיי. האַרי האָט נישט געזען זייערע קרבנות, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז שטאַרקע פּייניקן די שוואַכערע. מיט דער באַנדע האָט אָנגעפירט דוקא דער מנובל, וואָס האָט פריער געלאַכט פון האַריס פויערשער קליידונג.

האַרי איז שנעל אויפגעשפרונגען און איז צוגעגאַנגען צו דער באַנדע. די זאַך האָט זיך אַרויסגעוויזן ערנסטער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. קודם האָט ער איינגעזען, אַז באַפאַלן האָט מען דיזעלבע רויטהויטיקע אויסלענדער, וועלכע ער האָט פריער געהאַט באַמערקט אין האַפן. אַרונדעליקאָ האָט געקעמפט מיט אַ יונג, וואָס איז געווען צוויי מאָל גרעסער און שטאַרקער פון

אים. עלעפּאַרי ווידער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ צענדליק שלעכ־
טע ייִנגלאַך, וואָס האָבן אים אָנגעכאַפּט פאַר די פיס און הענט,
און די אָרימע אָקאַכלו האָט ביטער געוויינט און זיך געבעטן,
מען זאָל נישט שלאָגן אירע פריינט. אין דעם אויגנבליק, ווען
האַרי האָט זיך דערנענטערט, האָט דער גאַסניונג אומגעוואָרפן
אָרונדעליקאָן, און דאָס מיידעלע האָט זיך ווילד צעשריען:

—ראַטעוועט! עלעפּאַרי, מען דערהרגעט מיין ברודער, ער איז
שוין געשטאָרבן...

—שאַ! כ'לעב נאָך!—האָט דאָס ייִנגל אויסגערופן און באַלד דע־
רויף אויפגעשפּרונגען, ווי אַ גומענע פּילקע—ז'ער אויסוואורף
האָט מיך אומגעוואָרפן מיט אַ פאַררעטערישן קלאַפּ—אָבער לאָז
ער נאָר פּרובן אַ צווייט מאָל!

און אָרונדעליקאָ האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין אַ שטאָלצער פּאָ־
זע, מיט אויסגעשטעלטע פויסטן.

אין דערזעלבער רגע האָט עלעפּאַרי זיך פּלוצלונג אַ ריס געטאָן
און האָט מיט איין מאָל אַראָפּגעשליידערט פון זיך אַלע אָנפאַ־
לער. מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען נעבן אָרונדעליקן.

—לאָז נאָר מיך!—האָט ער אויסגעשריען—איך וועל זיי שוין
ווייזן, ווער איך בין!...

—לאָזט נאָר מיך, דאָס איז שוין מיין זאַך!—האָט האַרי פּלוצ־
לונג אויסגערופן און זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס.

ער האָט אָפּגעשטופּט ביידע אויסלענדער און האָט זיך געשטעלט
פּנים אל פּנים געגן אָנפאַלער. ער האָט צוזאַמענגעדריקט די
פויסטן און זיינע אויגן האָבן געבליצט פאַר גרימצאָרן.

—וואָס קריכסטו מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַריין?
האָט אים דאָס גאַסניינגל גראָב אַ זאָג געטאָן.—איך טשעפּע דיך
נישט און קיינער האָט דיך נישט געפרעגט. איך קאָן דיך אַפילו
נישט!

אָבער האַרי האָט געשריען:

—ווילסטו מיך באַלד דערקאָנען!

און ער האָט אַ זעץ געטאָן דעם האַפּנמויז סאַמע אין שטערן.

געכאַפּט אַ פעסטן קלאַפּ, האָט די מויז תּיכּף געמאַכט פּליטה.

די חברהלייט האָבן באַלד אויפגעהערט צו לאַכן, ווי נאָר האַרי האָט זיך אַזוי ראַפּטום אַריינגעמישט. אַלע מייז זיינען געשפּרונגען פון דער הויט. לויט האַריס אויסשפּראַך האָבן זיי באַלד דערקאָנט, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דאָרפסיינגל, און דאָס האָט זיי נאָך מער אויפגערעגט. זיי האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל און געשריען, ווי שדים:

—וואָס האָט דאָ צו טאָן דאָס פויערל? וואָס מישט ער זיך אין פרעמדע געשעפטן?

—לאָמיר אים געבן אַ פאָרציע!

—מיר וועלן אים אויסלערנען, ווי אַזוי מענטשן האַלטן זיך אין פּאָרטסמוט!

האַריס לאַגע איז גאַנץ ערנסט געוואָרן, אָבער דער יונגער מאַטראָז פון דער „קאַליפּסאָ“ איז אים גראָד געקומען צו הילף.

—צו אַלדי שוואַרץ יאָר!—האָט יענער אויסגערופן מעשה בראַווער מאַטראָז.—וואָס, מען שלאָגט זיך גאָר? צען קעגן דריי? דאָס איז נישט קיין גלייכער קאַמף! נעד גאַניי איז נישט געוואוינט אין אַזאַ פאַל צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. הורראַ, זאָל לעבן די מינדערהייט! איך בין אויף איר זייט!

דער יונגער אַמעריקאַנער האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן האַרין גרייט צום קאַמף. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף די אָנפאַלער. די מייז האָבן זיך אַרומגעקוקט, גרייט צו מאַכן פּליטה. די באַפאַלענע האָבן באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג דורך צוויי געזונטע יונגלאַך. עס איז אָבער געווען נישט אַזוי לייכט צו אַנטלויפן. עלעפאַרי האָט פלוצלונג אָפּגעשטופּט אָקאַכלען, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט איינגעהאַלטן, און פאָכנדיק מיט זיינע לאַנגע שימפּאַנזע-הענט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן יינג, וואָס האָט פריער געשלאָגן אָרונדעליקאָן.

אין איין אויגנבליק האָט ער אים אויפגעהויבן אין דער לופטן און האָט אים אַ שליידער געטאָן אויף די שטיינער מיט אַזאַ כוח, אַז ביים אומגליקלעכן האָבן אַ קנאַק געטאָן די ביינער. דאָס איז געווען אַ גענוג האַרבע שטראָף. די גאַנצע באַנדע איז פאַרציטערט געוואָרן. פאַר עלעפאַרין אָבער איז דאָס נאָך ווייניק געווען. האָט ער געכאַפּט אַ גרויסן שטיין און האָט געוואָלט דער „מויז" שפּאַלטן דעם קאָפּ. האַרי טשעסטער מיטן יונגן אַמעריקאַנער האָבן אָנגעכאַפּט דעם ווילדן פאַר די הענט. קיין זאַך אָבער האָט אים נישט געקענט איינהאַלטן. דער שטיין וואָלט זיכער געעפנט דעם מוח ביי דעם גאַסניינג, ווען אַ שיפּסאָפיציר, וואָס איז פּלוצלונג אַזוי ווי אויסגעוואַקסן פון דער ערד, וואָלט דאָס קליינע מענטשעלע נישט אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער.

—פאַרוואָס שלאָגט מען זיך? האָט דער אָפיציר אַ פרעג געטאָן אַרונדעליקאָן. פועדזיאָ, וואָס טוט איר דאָ? ווי שעמט איר זיך נישט, עלעפאַרי? פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזט די שיף? ווער האָט עס אייך דערלויבט? מאַרש צוריק, איר וועט בלייבן אַרעסטירט אין אייערע קאַיוטעס איר הערט?

די דערפרייטע האַפנמייז האָבן תיכף-ומיד געמאַכט פליטה... דער אָנגעשלאָגענער ליך איז אויך באַלד אַנטרונען געוואָרן. עלעפאַרי און אַרונדעליקאָ האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. דאָס קליינע מיידעלע אָבער איז שנעל צוגעגאַנגען צו האַרין און נעדן, האָט זיך געשטעלט פאַר זיי אויף די קני און יעדן איינעם פון זיי אַ קוש געטאָן אין האַנט דערנאָך איז זי פאַרשעמט אויפגעשפּרונגען און איז אַוועקגעגאַנגען מיט אירע פריינט. אויפן קאַמפּספּלאַץ זיינען פאַרבליבן נאָר האַרי טשעסטער, נעד גאַניי און דער אָפיציר.

די יינגלאַך האָבן דערציילט דעם אָפיציר, וואָס דאָ איז געשען.

אויסגעהערט די קינדער, האָט זיי דער אָפיציר באַדאַנקט דערפאַר, וואָס זיי האָבן באַשיצט די רויטהויטיקע, וועלכע האָבן זיך, קענטיק, געפונען אונטער זיין השגחה.

דער אָפיציר, וואָס איז געווען דער קאַפּיטאַן פון דער שיף,

אויף וועלכער די קליינע מענטשעלאַך זיינען געפאָרן, האָט זיך אַ דריי אויס געטאָן און איז אַוועק.

—דערווייל האָט מען אייך געשטערט צו שלאָפן?—האָט דער יונגער אַמעריקאַנער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן צו האַרין.

ווער האָט אייך דען געזאָגט, אַז איך האָב געשלאָפן? האָט האַרי פאַרוואונדערט געפרעגט.

—ווער האָט מיר געזאָגט?—האָט זיך דער מאַטראָזל צעלאַכט—גאַנץ פשוט, מיינע אייגענע אויגן. אַ מינוט צוואַנציק בין איך געשטאַנען אויפן גרויסן מאַסטבוים. איר מעגט מיר גלויבן, אַז דאָס איז אַזאַ אָרט וואו מען קאָן זען די גאַנצע וועלט. פון דאָרט האָב איך גענוי געזען אַלץ, וואָס איר האָט געטאָן. איך האָב געזען, ווי איר זענט אַריין אין געשעפט פון פאַרטיקע קליידער, ווי איר זענט אַרויס פון דאָרט אין אַ נייעם מאַטראָזנקאָסטיום, ווי איר האָט זיך דערנאָך געזעצט אָפרוען און ווי איר זענט, צום סוף, געלאָפן העלפן די קליינע מענטשעלאַך. אויף מיין ערנוואָרט, איך וואָלט אויך אַזוי געטאָן... און איך האָב זיך טאַקי נישט געלאָזט בעטן. נאָר לאָמיר בעסער ריידן צו דער זאַך. איר זענט אַ דרייסטער יונג, איר ווייסט, דער קאַפּיטאַן איז שוין געקומען. דאָס איז מיין פאָטער. קומט מיט מיר, אויפן שיף וועל איך אייך אים פאָרשטעלן, און מיר וועלן שוין אייך ווי ס'איז איינאָרדנען.

ביידע יינגלאַך זיינען אַוועק צום ברעג. אין פינף מינוט אַרום האָט מען אַריינגעפירט האַרין אין דעם קאַפּיטאַנס אויפנאַמצימער און מען האָט אים פאָרגעשטעלט פאַרן קאַפּיטאַן.

דער קאַפּיטאַן גאַניי איז געווען אַ טיפּישער אַמעריקאַנער: אַ לאַנגער, באַוועגלאַכער בייניקער מאַן מיט בלויע אויגן, רויטע באַקן, געלע האָר און מיט אַ באָרד, ווי אַ בעזים. ווען דער זון האָט האַרין אַריינגעפירט אין צימער, האָט דער קאַפּיטאַן געהאַלטן די פיס אויפן טיש, ווי דער אַמעריקאַנער שיינער שטייגער איז. ער האָט געלייענט אַ צייטונג און האָט געריכערט אַ לאַנגע ליולקע.

—קאַפּיטאַן,—האָט געד זיך אָנגערופן צום פאָטער,—איך האָב דעם

כבוד אייך פאַרצעשטעלן מיין פריינט, דעם מיסטער האַרי טשעס-טער, וואָס וואָ׳ט געוואָלט אָנקומען אויף אונזער שיף אַלס לערנ-יינגל. וואָס וועט איר זאָגן דערויף?
דער קאַפּיטאַן גאַניי האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג, אָפּגעמאָסטן האַרין מיט אַ בליק פון קאָפּ ביז די פיס און אַ פרעג געטאָן:

—האָט איר שוין אַמאָל געדינט אויף אַ שיף?
—קיינמאָל נישט, קאַפּיטאַן!
—אייער טאַטע איז אַ ים-רייזנדער?
—ניין, קאַפּיטאַן!
—ווייסט איר כאָטש, וואָס איז אַזוינס אַ קאָמפּאַס? האָט איר אַ ידיעה אין געאָגראַפיע?
—איך קאָן גאָרנישט, קאַפּיטאַן!
—קענט איר ווייניקסטנס נעמען אַ ריף?
—כ׳ווייס אַפילו נישט, וואָס דאָס הייסט?
—האָט איר אַמאָל געקלעטערט אויף אַ מאַסטבוים?
—אָ, נאָך קיינמאָל נישט, קאַפּיטאַן!
—פאַרטראָגט איר אַ ים-קראַנקהייט?
—דאָס קען איך נישט וויסן, קאַפּיטאַן!
—צו אַלדי שוואַרץ יאָר!—האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן—וואָס פאַר אַ מאַטראָז וועט אַרויסקומען פון אייך! וועט איר ווייניקסטנס באַווייזן אויסצוואַשן די כלים און די פּאָדלאָגע?—קאָנט איר כאָטש האַלטן אַ האַנטטוך אין האַנט?
האַרי האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב, דאָך האָט ער רוהיק געענטפערט:
—איך האָב דאָס נאָך נישט געפּרובט, קאַפּיטאַן, אָבער איך פאַר-האָף, אַז איך וועל זיך דאָס אײַנגיכן אויסלערנען...
דעמאָלט האָט זיך דער קאַפּיטאַן אָנגערופן:
—גוט! פיר אַריין דעם יונג אין קיך! זאָג דעם קיכער, ער זאָל אים געבן צו שאָבן קאַרטאָפל און מאָרגן וועלן מיר זען, צי ער טויג זיך כאָטש צו קאַרטאָפל...
האַרי איז אַוועק נאָך זיין יונגן פירער, וואָס האָט שיר נישט

געפּלאַצט פאַר געלעכטער. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין גע-שטאַנען נעבן קוכער, אַ נעגער מיט געקרייזלטע האָר אויפן קאָפּ.

„זאָל דאָס זיין אַ פּראָבע?—האָט האַרי געטראַכט.—איך וועל מיך סטאַרען...“

ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז אויב אויפן שיף איז פאַראַן אַ באַשטימטע קיך-אַרבעט, דאַרפן זיי, נאַטירלאַך, אויסגעפירט ווערן דורך די מאַטראָזן, וואָס טויגן זיך נישט צו אַן אַרבעט. און ער האָט זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט. קיין קאַרטאָפל האָט ער נישט באַדאַרפט שיילן: עמיץ האָט זיי שוין לאַנג אָפּ-געשאָבן. ער האָט נאָר באַדאַרפט וואַשן דאָס געפעס און אַוועק-טראָגן דעם מיטאָג פאַר די הערן באַצמאַנס, וואָס זיינען געווען אין דער הינטערשטער קאַיוטע.

אַז ער האָט זיך אָבער צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן אויף די שיפטרעפּעלאַך, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע די פּאָרציעס פלייש, וואָס ער האָט גע-טראָגן.

דערזען דאָס פלייש אויף דער פּאָדלאָגע, זיינען אים די שיפס-לייט באַפאַלן מיט די שאַרפסטע זידלווערטער. איינער פון די אונטער-אָפיצירן, מיסטער לייאָנס, האָט אפילו אַרויסגעזאָגט דעם וואונש, אַז האַרי זאָל גיין אין דער ערד צוזאַמען מיט זיין פלייש. אַ צווייטער, דער שיפס-טשעסלער, מיסטער סיגריף, אַ גרויער ים-וואָלף, האָט אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט זיך נישט אויסלערנען צו דערלאַנגען פלייש ווי געהעריק, וועט ער שוין מיט אים לערנען בלק.

אַ צווייט מאָל האָט מיט אים פּאַסירט אַן אַנדער אומגליק: ער האָט אַרויסגעלאָזט די טעלער פון די הענט... מיס מאָד גאַ-ניי, נעדס שוועסטער האָט עס גראָד צוגעזען. דער קינפטיקער אַדמיראַל איז שיר נישט פאַרברענט געוואָרן פאַר חרפּה. בעת מעשה וואָלט ער זיך מיט פאַרגעניגן אַריינגעוואָרפן אין וואַסער מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַבי נישט איבערצולעבן אַזאַ שרעקלאַכע בושה. די באַגעגעניש מיט דער מיידל איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער

פֿרויסגעוויזן, נישט געווען קיין צופֿעדיקע. נעד האָט אומישנע געשיקט זיין שוועסטער, צו ווייזן איר דעם נייעם לערייגל אין זיין גאַנצער גלאַנץ. אַ דאַנק דעם אַלעם, האָט דער לערניינגל געהאַט זייער טריבע מחשבות, ווען ער האָט זיך צען אַ זייגער אין אָוונט געלייגט שלאָפֿן אויף זיין מאַטראָזן-קויקע.

ער האָט דאָך אָבער נישט פֿאַרלאָזן די היים צו ווערן עפּיס אַ קיך-יינגל, צו וואַשן די כלים און צו טראָגן די מאַטראָזן דעם מיטאָג. ער האָט געבייגקט נאָך עפּיס אַנדערש—נאָכן ים האָט ער געבייגקט, נאָך נייע אומבאַקאַנטע לענדער און נאָך... אַדמי-ראַלנקנעפּלאַך.

און האַרי האָט שוין איצט שטאַרק חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן עסק ביטערע טרערן האָבן זיך שטיל געגאָסן איבער די באַקן. בייטאָג וואָלט ער זיך דאָס בשום אופֿן נישט דערלויבט. צו-לעצט איז ער דאָך פֿעסט איינגעשלאָפֿן. די כוואַליעס, אויף וועלכע די שיף האָט זיך געוויגט, האָבן אים שטיל איינגעלוליעט.

די „קאַליפּסאָ“.

די „קאַליפּסאָ“ איז געווען אַ דריי מאַסטבוים-שיף פון 720 טאָן; פעסט געבויט לויט דער נייסטער קאָנסטרוקציע, איז זי זייער שנעל געגאַנגען. זי איז אינגאַנצן אַלט געווען צוויי יאָר. געהערט האָט זי צום קאַפּיטאַן גאַניי, וואָס האָט געהאַט נאָך אַ שותּף, אַן אַמעריקאַנער. מחמת די שיף האָט זיך זייער שנעל באַוועגט, האָט זי קורסירט צווישן ענגלאַנד און ניו-יאָרק—אַ מאַרשרוט, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין אַ שנעלער שיף.

געווינלאַך פלעגט די „קאַליפּסאָ“ פירן קיין אַמעריקע די טייערסטע פּראַכטן, ווי פּערל, שניצוואַרג, גלאָזוואַרג און דעסגלייכן. צוריק פלעגט זי פירן קאָנסערוון, פאַרשידענע געוועבן, געווער און שטאָלענע אויסאַרבייטונגען,—אַלץ סחורות, מיט וועלכע עס ווערט שטאַרק געמסחרט אויף די אָרטיקע מערק.

האַרי טשעסטער האָט אייגנטלאַך געפונען זייער אַ פּאַסנדיקע שיף, וואָס האָט אים געקאָנט באַקאַנט מאַ-ן מיט לענדער און פעלקער, דאָך אָבער האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז אויב

מען וויל ווערן אַן אייגענער מענטש אויפן ים, מוז מען פריער שאָבן קאַרטאָפל און וואַשן דאָס געפעס. דער זון פון גאָדאַלמינער פערמער האָט געטרוימט פון עפּיס אַנדערש. צום גליק אָבער איז האַרין באַשערט געווען נישט לאַנג צו פאַרבלייבן אין קיך. באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין אָנקומען אויפן שיף האָט פּאַסירט אַ פאַל, וואָס האָט האַרין אויפגעהויבן אין די אויגן פון קאַפּיטאַן. די שיף האָט באַדאַרפט טוישן דעם אָרט, וואו מען האָט זי געקאָנט לייכטער אָנלאַדעווען. דאָס איז אָבער געווען אַ שווערע זאַך, ווייל אין האַפן זיינען געשטאַנען אַ סך שיפן. אַזוי ווי די צאָל מאַטראָזן אויף דער „קאַליפּסאָ" איז געווען אַ קליינע, האָט דער קאַפּיטאַן אַליין אַרויסגערופן אויפן דעק. דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען אויפן פאָדערשטן טייל מיט אַ שפּאַקטיוו אין דער האַנט. נעד האָט דערפילט די פליכטן פון אַ לייטענאַנט, און איז געשטאַנען אויפן הינטערשטן טייל פון שיף.

בשעת די „קאַליפּסאָ", וואָס איז געשלעפּט געוואָרן דורך אַ קליינעם דאַמפּערל, איז דורכגעשוואומען צווישן צוויי שפּאַנישע שיפן, האָט איר זעגלשטאַנג זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ הויכן מאַסטבוים פון אַ שכנישער שיף און איז צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיקלאַך. עס איז געוואָרן אַ גאַנצע בהלה. אויף ביידע שיפן האָט מען זיך געקריגט, געשריען אויף צוויי שפּראַכן, און מיט די ערגסטע ווערטער געזידלט איינאַנדער. דער צעבראָכענער זעגלשטאַנג איז נאָך אָבער געבליבן היינגען הויך אויפן שטריק, און האָט געקענט אָנמאַכן נאָך גרעסערע שאָדנס.

דער קאַפּיטאַן גאַביי האָט געקירעוועט די שיף און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשיינקט דעם רודער. די מאַטראָזן ווידער האָבן געוואַרט אויף אַ באַפעל און האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. האַרי אָבער האָט באַלד איינגעזען, אַז מען מוז עפּיס טאָן, כדי אָפּצוהיטן די שיפן פון נייע שאָדנס. נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער געכאַפּט אַ האַק, אַריינגעשטעקט אים הינטערן הויזנגאַרטל און שנעל ווי אַ קאַץ גענומען קלעטערן אויפן מאַסטבוים.

דער צעבראָכענער זעגלשטאַנג האָט זיך אַרומגעוויגט אין אַלע זייטן. אַ ליאַדע מינוט האָט ער געקאָנט צעשמעטערן האַרין דעם קאָפּ און אַריינשליידערן אים אין ים. מיט אַ מערקווירדיקער קאַלטבלוטיקייט און געשיקטקייט פלעגט האַרי אַלע מאָל אויסמיידן דעם שטאַנג און איז אַלץ געקראָכן העכער. באַלד איז ער צוגעקומען צום געפערלאַכן שטאַנג, אַ קלאַפּ געטאָן אים מיטן האַק און דער זעגלשטאַנג איז מיט גרויס גערויש אַריינגעפאַלן אין וואַסער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט טריאומפגעשרייען פון די מאַטראָזן און אָפיצירן, און האַרי איז באַשיידן אַראָפּגעשפרונגען אויפן שיפדעק.

דער קאַפּיטאַן האָט עס, באַטירלאַך, באַמערקט און האַרי האָט זיך גלייך פאַרוואַנדלט פון אַ קיך-ייִנגל אין אַ מאַטראָז. אַז די שיף איז געבראַכט געוואָרן אויף איר נייעם אָרט, האָט דער קאַפּיטאַן צוגערופן דעם פערמערס ייִנגל און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

—פאַרוואָס האָט איר מיר פריער נישט געזאָגט, אַז איר קענט קלעטערן אויף זעגלשטאַנגען?

האַרי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט, אַז ביז איצט האָט ער אַליין נישט געוואוסט. אין דאָרף פלעגט ער קלעטערן אויף דעמבעס און טאָפּאָליעס, וואָס וואַקסן אין זיין פאָטערס פערמע. דעמאָלט האָט אים דער קאַפּיטאַן גענויער אויסגעפרעגט און האָט איינגעפונען, אַז האַרי איז זייער אַ דרייסטער, געשיקטער און בראַווער ייִנג. ער האָט באַלד באַפוילן, מען זאָל האַרין אַריבערפירן פון דער קיך אויפן דעק און האָט איבערגעגעבן לייאַנסן, ער זאָל לערנען האַרין דעם מאַטראָזן-פאַך.

בײַם מיטאָג האָט נעד דערציילט זיין מוטער און שוועסטער, ווי העלדיש האַרי האָט באַשיצט די רויטהויטיקע פון די „האַפּנמיינז". ביידע דאַמעס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן ייִנגל און האָבן געלאָזט רופן האַרין צו זיך. דאָס ייִנגל איז זיי געפעלן געוואָרן און אַ וואָך צייט איז ער געוואָרן דער ליבלינג אויפן שיף.

ער האָט שוין געקוקט מיט אַנדערע אויגן אויף זיין נייעם פאַך און אַז ער האָט זיך געלייגט שלאָפן אויף זיין קויקע, האָט ער

געטראַכֿט, אַז דער ים פֿאָדערט גרויסע כּוחות פֿונם מענטשן, און אַז דער מענטש קאָן זיך פֿאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין, אויף זיין אייגענער געשיקטקייט און ער מוז תּמיד אַרבעטן, אַרבעטן און נאָך אַמאָל אַרבעטן. און האַרי האָט באַשלאָסן צו זיין דער פֿלייסיקסטער אויף דער שיף.

נאָך האַריס אָנקומען אויפֿן שיף איז די „קאַליפּסאָ״ געשטאַנען אין פּאָרט נאָך פֿינף טעג. דורך דער גאַנצער צייט איז האַרי קיין איין מאָל נישט אַרונטערגעגאַנגען אויפֿן ברעג, אויס מורא, טאָמער וועט ער טרעפֿן אַן אַגענט, וואָס זוכט אים ארום און וויל אים אָפּפֿירן אהיים. באַלד אָבער ווי די „קאַליפּסאָ״ האָט זיך גערירט אין וועג אריין, האָט האַרי דורכֿן לאָצמאַן געשיקט צו זיין מוטער זייער אַ קלוג און גוט בריוועלע, אין וועלכֿן ער האָט אויסגעדריקט זיינע אַלע געפֿילן. אָט וואָס ער האָט איר געשריבן:

„טייערע מאַמעשי! וועסטו מיר אַמאָל מוחל זיין דאָס, וואָס איך האָב געטאָן? וועסטו מיר פֿאַרגעבן דעם גרויסן צער, וואָס איך האָב דיר פֿאַרשאַפֿט דורך מיין אַנטלויפֿן פֿון דערהיים? איך האָב מורא, אַז די וועסט עס מיר בשום אופֿן נישט קענען מוחל זיין! אָבער דאָך האָב איך אַ שטיקל האָפֿנונג, אַז דיין האַרץ וועט אָנגעפֿילט ווערן מיט ליבע צו דיין קינד.

איצט בין איך אַ ים-רייזנדער און איך געפֿין מיך אויף אַ שיינער שיף. מאַמעשי, מיין הייסעסטער ווונש איז דערפֿילט געוואָרן! אויב איך וואָלט דיר פֿריער געזאָגט, וואוהין איך פֿאָר, וואָלסטו עס דערציילט דעם טאַטן און ער וואָלט מיר בשום אופֿן נישט געלאָזט פֿאָרן. דעריבער האָב איך געמוזט אַלץ האַלטן פֿאַר דיר בסוד. און זיי עס מיר מוחל, מאַמעשי! דערמאָן זיך, ווי שווער איך בין געשטראָפֿט געוואָרן, ווען איך האָב געמוזט אַוועקפֿאָרן און זיך נישט געזעגענען מיט דיר. איך האָב זיך אָבער געזעגנט מיט דיר טויזנט מאָל אין מיינע רעיונות, אין האַרץ, אין דער נשמה. ווייסט גאָרנישט, ווי שווער מיר איז געווען אַוועקצוגיין פֿון דיר מיטוואָך פֿאַרנאַכֿט, דעם לעצטן אָוונט, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכֿט אין דערהיים. מיר האָט זיך אַלץ געוואָלט ווי-

גען... דאָס האַרץ איז מיר צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז איך וועל דיך אַ לאַנגע צייט נישט זען! טייערע, ליבע מאַמעשי! איך האָב געוואוסט, אַז אַט די גוטע אויגן, וואָס האָבן תמיד געקוקט אויף מיר מיט אַזויפיל ליבע, וועלן וויינען צוליב מיר. איך האָב דאָס אַלץ געוואוסט, אָבער העלפן האָב איך נישט געקענט. איך האָב דורכויס געוואָלט ווערן אַ ים-רייזנדער, און דערגרייכן דאָס האָב איך געקענט נאָר געגן דעם רצון פון מיין פאָטער. די שיף, אויף וועלכער איך געפין מיך, איז אַן אַמעריקאַנישע, און מיר איז זייער גוט. דו וועסט זיך אודאי וואונדערן, וואָס איך האָב נישט אויסגעקליבן קיין איינגלישע שיף. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און די אַמעריקאַנער באַהאַנדלען אַזוי, וואָס בעסער קאָן גאָרנישט זיין. די איינגלענדער וואָלטן מיך אודאי אַזוי נישט באַהאַנדלט. נישט לאַנג בין איך געזעסן צום מיטאָג ביי דעם קאַפיטאַנס פאַמיליע.

געוויס וועסטו זיך וואונדערן: וואָס הייסט ביי דעם קאַפיטאַנס פאַמיליע? פון וואַנען קומט דעם קאַפיטאַנס פאַמיליע אויף דער שיף? דאָס איז אָבער אַזאַ מנהג ביי די אַמעריקאַנער. ביי די איינגלענדער קאָן עס קיינמאָל נישט געשען. אַן אַמעריקאַנישער קאַפיטאַן אָבער נעמט שטענדיק זיין גאַנץ הויזגעזינד. דער קאַפיטאַן גאַניי האָט צוויי קינדער. זיין טאָכטער מאָד איז געבאָרן געוואָרן אויפן שיף. צו פופצן יאָר האָט זי שוין באַרייזט די גאַנצע ערד. זיין זון, נעד, איז מיט אַ יאָר עלטער פון מיר. ער איז געבאָרן געוואָרן אין מאַסאַטשוסעטס, נאָר שוין צוועלף יאָר ווי ער פאָרט אַרום מיטן פאָטער איבערן ים. לויטן ראַנג איז ער שוין אַ לייטענאַנט. ער איז זייער אַ וואוילער בחור און איך האָב אים זייער ליב. די ערשטע טעג נאָך מיין אָנקומען אויפן שיף האָט ער מיר אַ סך געהאָלפן. איצט זיינען מיר גוטע פריינט!

דער עקיפאַזש באַשטייט פון צוואַנציק פערזאָן, אויב מיר וועלן אַריינרעכענען דעם עלטערן באָצמאַן לייאָנס און דעם עלטערן טשעסטער, מיסטער סיגריף. דאָס זיינען קאָמישע מענטשן, דער-

פּאַר אָבער גוטע און ערלאַכע ים-רייזנדע. מיסטער לייאָנס איז זייער אַ שווייגנדיקער מענטש. אפשר איז ער באַלד געבאָרן געוואָרן אַ שווייגער, אָבער עס איז מעגלאַך, אַז ער איז עס געוואָרן אַ דאַנק זיינע לאַנגע ים-נסיעות. אין דער פרייער צייט שווייגט ער כמעט תמיד. ער עפנט דאָס מויל נאָר דעמאָלט, ווען ער וויל אויסדריקן זיין אומצופרידנהייט, בשעת עמיץ דערפילט נישט ווי געהעריק זיינע פליכטן. ער איז אָבער זייער אַ גערעכטער מענטש און פאָדערט נאָר דאָס וואָס אַ מענטש באַדאַרף טאָן אויף דער שיף.

דער עלטערער טשעסלער סיגריף איז שוין גאָר אַן אַנדער מין מענטש. ער איז שטענדיק פאַרטאָן אין דער שיף, ווי אין אַ הייליקייט. ער איז אַפילו נישט מער ווי אַ טשעסלער, אָבער ער מישט זיך אַריין אין אַלע שיף-ענינים. ער איז זייער אַ פּראַקטישער ים-מענטש און קאָן דעם ים אפשר בעסער פון אַן אַנדער קאַפּיטאַן. אונזער קאַפּיטאַן לאָזט דעם אַלטן ריידן, וואָס יענער וויל, ווייל ער שאַצט שטענדיק אָפּ, ווי געהעריק, זיינע פאַרדינסטן.

מאַמעשי, איך בין דער יונגסטער פון אַלע מאַטראָזן. יעדער פון זיי איז מיט צען אָדער צוועלף יאָר עלטער פון מיר. דעריבער בין איך נישט שטאַרק אויפגעטראָגן מיט זיי, אָבער איך לעב מיט אַלעמען בשלום. מיין בעסטער פריינט איז נעד. ער דערקלערט מיר אַלץ, וואָס איך פאַרשטיי נישט און גיט מיר ביכער צו לייענען, אָבער, מאַמעשי, איך האָב גאָרנישט בדעה מיין גאַנץ לעבן צו פאַרבלייבן אַ פשוטער מאַטראָז. איך וועל מיך לערנען, נאָכדעם זיך עקזאַמענירן און וועל ווערן אַן אָפיציר. אַ סך מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַזוי ווי איך און זיינען נאָכדעם געוואָרן גרויסע מענטשן. מיט וואָס בין איך ערגער פון זיי? פאַרוואָס זאָל איך נישט קענען ווערן אַ קאַפּיטאַן און אַפילו אַן אַדמיראַל? מען באַדאַרף נאָר נישט זיין פויל און וואָס מער אַרבעטן. עס קאָן אַ שטייגער, אויסברעכן אַ גרויסע מלחמה, וועל איך אָנקומען אויף אַ קריגסשיף. דאָרט וועל איך מיך אויסצייכענען און וועל דערגיין צו אַ הויכער מדרגה. שטעל זיך פאָר, מאַמע-

שי, ווי דו וועסט זיך פרייען, ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער אָפיציר. און וואָס פאַר אַ פרייד וועט דאָס זיין פאַר זמיליען, ווען זי וועט אין אַ שיינעם פרימאָרגן גיין שפּאַצירן געאָרעמט מיט אַן אָפיציר, וואָס וועט זיין איר אייגענער ברודער. אָ, דער פאָטער וועט מיר שוין דעמאָלט אויך מוחל זיין!

אַך, מאַמעשי, איך לאַך מיר, אָבער אינדערהאמתן שטייען מיר טרערן אין די אויגן. איך האָב גרויס עגמת-נפש צוליב דעם, וואָס דער טאַטע איז אין כעס אויף מיר. אָבער נישקשה, ער וועט מיר אויך מוחל זיין! טייערע מאַמעשי, איצט פאָרן מיר קיין ניו-יאָרק. אין דערדאָזיקער שטאָט וועלן מיר אָנקומען אין פינף וואָכן אַרום און מיר וועלן דאָרט פאַרבלייבן גאַנצע צוויי חדשים. שרייב מיר קיין ניו-יאָרק, מאַמעשי און דערפריי מיר דאָס האַרץ. פאַרלאָז נישט דיין זון אָן דיין ברכה און דיין באַרעמ-האַרציקייט. איך גריס זייער האַרציק אונזער קליינע עמיליע, זאָג איר, אַז איך וועל איר ברייגגען אַ שיינעם האַלז-באַנד פון מיינע נסיעות. דעם טאַטן זאָג, אַז איך וועל אים אַלעמאָל שעצן און אַכטן, ווי דער בעסטער און טייערסטער זון. און דו, טייערע מאַמעשי, זיי וויסן, אַז איך טראַכט פון דיר טאָג און נאַכט און דיינע גוטע אויגן לייכטן מיר שטענדיק אין האַרצן, ווי צוויי פייערלאַך.

פון מיר, דיין זון, וואָס האָט דיך
ליב מער, ווי דאָס לעבן
האַרי טשעסטער.

אין פינף יאָר ארום.

פינף יאָר זיינען אַוועק.

די האָפנונגען, וואָס האַרי טשעסטער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין בריוו צו דער מוטער, זיינען טיילווייז מקוים געוואָרן. אַ דאַנק זיין ענערגישער אַרבעט האָט ער זיך געניי באַקאַנט מיטן ים און האָט שוין פאַרנומען דעם אַמט פון אַ מיטשמאַן. דער קאַפּיטאַן גאַניי האָט געהאַט גרויס צוטרוי צו אים, נעד איז געווען זיינער אַ גוטער פריינט. מיס נעד האָט אין אים געזען איר צווייטן ברודער, און מיסיס גאַניי האָט אים געהאַלטן ווי זאַן אייגענעם זון. עס טרעפט זעלטן צו געפונען אַזאַ ליבע און גליקלאַכע פאַמיליע, ווי די פאַמיליע פון קאַפּיטאַן גאַניי. גאַניי פלעגט טאַקי אַמאָל אַ זאָג טאָן:

—אוי, מיר זיינען עפּיס צו-גליקלאַך! געדיינקט מייגע ווערטער: אַזוי קען זיך עס לאַנג נישט ציען! מיט אונז וועט מוזן טרעפן עפּיס אַן אומגליק!

זיינע גאָנטע האָבן געלאַכט פון אים. אַלנפאַלס זיינען זיי געווען צעפרידן, וואָס די גאַנצע צייט זיינען זיי געווען צוזאַמען,

נישט צעשיידן, און וואָס אַלע אומגליקן וועט זיי אויך אויסקו־מען איבערצעטראָגן צוזאַמען.

האַרי ווידער איז געווען זייער צעפרידן פון זיין פאַך. אמת, מען מוז אַ סך אַרבעטן, אָבער דער ים איז דאָס ווערט... ביס־לאַכוויַיז האָט ער זיך געגרייט צום עקזאַמען פון אַ שקיפּער און האָט גערעכנט חתונה צו האָבן מיט מאָדן און קויפן אַן אייגענע שיף. אָבער דערצו האָט נאָך געהאַלטן זייער וויַיט. האַרי האָט נישט בלויז געוואָלט זיין אַ קאַפּיטאַן נאָר אויך אַ שותּף פון אַ שיף, כּדי צו האָבן אַ דעה אין דער אָנפירונג. דערצו אָבער האָט מען געמוזט אָנקלויבן אַ היבשן קאַפּיטאַל, אָבער האַרי האָט נישט פאַר־לאָרן דעם מוט. ער האָט מיט גרויס פלייס געאַרבעט אויף דער „קאַ־ליפּסאָ”. מיט דער צייט זיינען אים אַנטפּלעקט געוואָרן די פּאָע־טישע זייטן פון זיין פאַך. אין די לאַנגע וואַך־שעהן האָט ער ליב געהאַט צו קוקן אויף די גאָלדענע שטערן און זיך צוהערן צו דעם קלאַנג פון דער באַזיגטער כוואַליע, וואָס האָט באַגלייט די שיף און צום ליד פונם צפון־ווינט, וואָס האָט געפייפט אין די הויכע מאַסטבוימער. ער האָט אַפילו ליב געהאַט דעם שווערן קאַמף מיטן שטורם.

יעדעס מאָל, ווען האַרי פלעגט זיך אָפּשטעלן אין אַ האַפן, פלעגט ער שוין דאָרט געפונען אַ בריוו פון דער מוטער און פון עמי־ליען, און איז געווען גליקלאַך, וואָס זיי פאַרגעסן אים נישט. ווי אַ שווערער שטיין אָבער האָט אים געדריקט דאָס שווייגן פון זיין פאָטער, וואָס האָט אים קענטיק, נישט מוחל געווען און האָט אים די גאַנצע צייט קיין איין וואָרט נישט אָנגעשריבן.

די „קאַליפּסאָ” האָט לעצטנס גאַנצע צוויי יאָר געשוואומען אין די וואַסערן פון די פיליפּינישע אינזלען און פונם נייען דרום־וואַליס. איצט איז זי געשוואומען צוריק קיין ניו־יאָרק. ער האָט געפירט מיט זיך אַ סך טייער סאַנדאַלן־האָלץ, שילדקרעט־שופּן, רויטן־האָלץ, פּערלמוטער און פּערל. דאָס לעצטע מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין האָנאָלולו, ביי די סאַנדוויטשעווער אינזלען. מיט פיר חדשים צוריק איז זי אָפּגעשוואומען פון האָנאָלולו און איז פאַרביַיגעגאַנגען די סאַנדוויטש־אינזלען און דעם קאַפּ האָרן,

אונטערוועגס האָט זי אויף אַ פאָר וואָכן פאַרהאַלטן אַן איינגעשלאָסן שטיל וועטער. אין די לעצטע טעג האָט אַפילו אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ גינסטיקער מערב-ווינט, אָבער קיין פאַרלייכטערונג האָט ער זיי דאָך נישט געבראַכט. די ווינטן האָבן פאַרטראָגן דעם שיף נאָענט צו די טשיזישע ברעגעס. דאָרט האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ציקלאָן, וואָס איז אַזוי געפערלאַך פאַר אַ שיף, באַזונדערס אין דידאָזיקע געפערלאַכע ימים.

דער ציקלאָן האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ דרום-מזרח-הוראַגאַן, די „קאַליפסאָ" האָט געמוזט שווימען, וואוהין דער הוראַגאַן האָט זי געטריבן און נישט-ווילנדיק איז זי געקומען צו די ברעגן פון דרום-אַמעריקע, צו דער אַזוי-גערופענער פאַטאַגאָניע אָדער פייערדיקער ערד.

די „קאַליפסאָ" איז אָפגעשוואַכט געוואָרן פון די וואַסער-זאַווערוכעס, מיט גרויס מי האָט זי זיך אַדורכגעשניטן צווישן די צעבושעוועטע כוואַליעס. אַלע מאַטראָזן האָבן זיך געפונען אויפן דעק. מען האָט בשום אופן נישט געטאָרט דערלאָזן, אַז די שיף זאָל דורכגעלעכערט ווערן, ווייל אין דידאָזיקע ערטער איז דאָס אויסערגעוויינלאַך געפערלאַך. ליינגאויס די ברעגן האָט זיך געצויגן אַ קייט פון גרויסע שטיינער, וואָס זיינען תמיד באַדעקט געווען מיט ווייסן שוים. ביים ים-רייזנדער האָט דערדאָזיקער אָרט געהייסן „מילך-וועג", דער באַרימטער נאַטורפאָרשער דאַרווין, וואָס האָט געזען דעמדאָזיקן ברעג, האָט זיך אויסגעדריקט: „דאָס בילד גופא פון די שרעקלאַכע שטיינער קען אַרויפוואַרפן אַ פחד אויף די־יעניקע מענטשן, וואָס זיינען נישט צוגעוויינט צום ים".

די פאַסאַזשירן פון דער „קאַליפסאָ" האָבן אַפילו נישט געקענט זאָגן, אַז זיי האָבן זיך נישט איינגעלעבט מיטן ים, דאָך האָט זיי אַלעמען דורכגענומען אַ קאַלטער שוידער. ווען זיי האָבן דערזען די שרעקלאַכע שוימיקע קייט, וואָס האָט זיך געצויגן ביי די ווילדע ברעגעס.

צעמישט און אויפגערעגט זיינען די מאַטראָזן אַרומגעלאָפן איבער דער שיף. האַרי איז געשטאַנען נעבן סטערמאַן, גרייט אים צו

העלפן אין פאַל פון אַ נויט. אייגנטלעך האָט ער געהאַט אַן אַנדער אַרבעט, אָבער איצט האָט יעדערער געמוזט טאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, כּדי צו ראַטעווען די שיף. דער קאַפּיטאַן און די אָפיצירן האָבן געאַרבעט צוגלייך מיט די פּשוטע מאַטראָזן. דער קאַפּיטאַן מיטן זון זיינען געשטאַנען אויפן פאָדערשטן דעק פון שיף און געמאָסטן מיטן שטריינגן בליק די געפאַר פון די שוימיקע כוואַליעס. זיי זיינען אויך גרייט געווען צו העלפן די מאַטראָזן אין פאַל פון אַ נויט. די שיף האָט זיך שטאַרק געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. מיט גרויס מי האָט דער קאַפּיטאַן געקענט לייענען די וואַנטקאַרטע. אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעשפּילט דער גאַנצער פּחד פאַרן גורל פון זיין פרוי און קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דערזעלבער געפאַר, ווי ער.

די מאַטראָזן זיינען שוין געווען אויסגעמאַטערט פון נישט שלאָפן און פון דער שווערער אַרבעט. דריי טעג האָבן זיי געאַרבעט אונטער אַ שלאַקס-רעגן.

די שיף האָט אַזוי ווי אויך אויסגעזען מיד. זי האָט פאַרלאָרן איר אַמאָליקן גלאַנץ. די פאַרב איז פון איר אָפּגעקראָכן, די זעגלען זיינען צעריסן געוואָרן, און ווי אַ זקנה האָט זי זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס. עס האָבן זיך אויפגעהויבן גרויסע וואַסערבערג, און אויפן דעק האָט צום ערשטן מאָל גענומען דונערן דעם קאַפּיטאַנס שטים. נאָר אָט האָט זיך אויפגעהויבן אַ מוראַדיקער וואַסערבאַרג, וואָס איז ווי אַ הויכע וואַנט געגאַנגען אויף דער שיף. אין דעם אויגנבליק האָט האַרי אַ קער געטאָן דעם אָפּגעשוואַכטן גוף פון דער שיף און זי איז געראַטעוועט געוואָרן. אָבער דער קאַמף איז ווייטער געגאַנגען און ביי אַ צווייטן וואַסערבאַרג האָט זיך די שיף שוין נישט געקענט באַוועגן. דער דריטער וואַסערבאַרג האָט אַזוי אויסגעבויגן די שיף, אַז זי איז איינגאַנצן פאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַסער.

דאָס איז געווען אַ מאָמענט פון גרויס פאַרצווייפלונג און אונטערגאַנג. קוים נאָך איין וואַסערבאַרג—און די „קאַליפּסאָ" וועט דערטרונקען ווערן, ווי אַ שטיק אייזן. זי האָט זיך אָבער דאָך

אַרויסגעראַטעוועט פון די שרעקלאַכע וואַסער-אָרעמס.

אַ פרייליכער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער גאַנצער שיף-קאָמאַנדע. די פרייד איז נישט קלענער געוואָרן אַפילו דע-מאָלט, ווען איין שיפל האָט זיך אָפּגעריסן פונם שיף און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אינם וואַסער. דער קאַפּיטאַן גופא האָט אויסגערופן: „זאָל לעבן מיין ליבע, בראַווע „קאַליפּסאָ"".

די פרייד אָבער האָט נישט לאַנג געדויערט. פון אונטן האָט זיך דערהערט אַ דערשראָקענע שטימע, וואָס האָט געוואָרנט פאַר אַ נייער געפאַר:

—מיר ווערן דערטרונקען! פאַראַן אַ לאָך אין שיף!..

דאָס וואַסער האָט זיך שנעל אַריינגעריסן אין שיף. מיט יעדער מינוט האָט עס זיך אויפגעהויבן אויף אַ פּאָר צאָל.

—סיגריף, וואָס טוט מען?—האָט דער קאַפּיטאַן אָן אויפגערעג-טער, אַ פרעג געטאָן דעם שיף-טשעסלער.

—ס'איז גאַנץ שלעכט!—האָט סיגריף געענטפערט. אָבער עס איז פאַראַן אַ שטיקל האָפנונג. כ'וועל פאַרשטאָפּן דאָס לאָך און איר הייסט דערווייל אויספּאָמפּען דאָס וואַסער.

דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילן:

—אַלע צו די פּאָמפּעס.

מען האָט זיך גענומען צו די פּאָמפּעס. דער עולם האָט געאַר-בעט שווייגנדיק. אַלע האָבן געוואוסט, אַז זיי אַרבעטן פאַר זייער אייגענער רעטונג. דער שטורם האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט און ס'האָבן אויסגעפעלט הענט צו אַרבעטן ביי די זעגלען. באַלד האָבן אַלע איינגעזען, אַז מען קאָן שוין נישט ראַטעווען די שיף. דאָס וואַסער האָט אַלץ געשטיגן. די „קאַליפּסאָ" האָט זיך מער נישט געלאָזט קירעווען. אַ ליאַדע מינוט האָט זי געקאָנט אונ-טערגיין. דער קאַפּיטאַן מיט אַ פאַרשוויצט פנים און ברייט אויפ-געריסענע אויגן, האָט אויסגערופן

—נו, קינדער, ס'איז נישטאָ וואָס צו מאַכן! וואַרפט אַוועק די פּאָמפּעס און זעצט זיך אַריין אין די שיפלעך! דאָס אַלץ מוז דורכגעפירט ווערן אין דער גרעסטער אָרדנונג. פון דעם הייגנט אָפּ אונזער רעטונג!

דער קאַפּיטאַן האָט דאָך נישט פאַרלאָרן דעם מוט און זיין פּעס־טער טאָן האָט באַרוהיקט אויך די מאַטראָזן. געניי און פינקטלעך האָט מען אַראָפּגעלאָזט די שיפלאַך אויפן וואַסער. צום אומגליק אָבער זיינען געווען אינגאַנצן דריי שיפלאַך. מיט גרויס מי האָבן אַלע געפונען ערטער פאַר זיך. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אָרט פאַר אַ ביסל פּראָוויאַנט און ס'איז אויך קיין צייט נישט געווען צו טענטלען זיך דערמיט. פאַרבלייבן אויפן שיף איז גע־ווען אַלץ געפערלאַכער.

מיטן שיפל, וואו ס'האָבן זיך געפונען די דאַמען האָט אָנגעפירט דער קאַפּיטאַן, מיטן צווייטן—זיין זון און מיטן דריטן—האַרי־טשעסטער. יעדערער האָט מיטגענומען מיט זיך, וואָס ס'האָט זיך געפונען אונטער דער האַנט, אַ ביסל קליידער, מכשירים, געווער און אַז. וו. מען האָט אויך באַשלאָסן, אַז אַלע שיפלאַך זאָלן זיך האַלטן נאָענט צו אייגאַנדער. די שיפלאַך האָבן זיך געלאָזט צום ברעג.

באַלד ווי זיי האָבן באַוויזן אָפּצעשווימען אויף אַ 500 מעטער פון דער „קאַליפּסאָ", האָט אַ נייער וואַסערבאַרג פאַרגאָסן די שיף און זי איז אונטערגעגאַנגען, ווי אַ שטיק אייזן, באַגלייט פון די מוראדיקע רויב־געשרייען פון אַלבאַטראָסן און מעוועס, וואָס זיי־נען פון אַלע זייטן אָנגעפלויגן צו דער אונטערגעגאַנגענער שיף.

קאַפּיטאַן גאַניי האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר מידע אויגן און שווער אַ קוק געטאָן אויף יענעם אָרט, וואו די שיף האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט.

—מיין אָרימע, טייערע „קאַליפּסאָ"! מיין אָרים שיפעלע! האָט ער געשעפּטשעט.—מיין גאַנצע מי און אַרבעט פון אַזוי פיל יאָרן איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין איין רגע!

און באַלד דערויף האָט ער העכער געזאָגט:

—יאָ, אָבער דאָס טייערסטע, דאָס לעבן איז אונז פאַרבליבן! איי, קינדער, נאָך איין אָנשטריינגונג און מיר זיינען געראַטע־וועט!

אויפן פעסטן באָדן.

דער שטורעם האָט נישט אויפגעהערט צו ווילדעווען. דער ווינט האָט אויפגעהויבן הויכע כוואַליעס-ווענט. די לאַגע אויף די שיפלאַך איז נישט לייכטער געוואָרן. די מאַטראָזן זיינען געקראָכן פון דער הויט, געאַרבעט, ווי אמתע ים-וועלף. אין דעם קאַפּיטאַנס שיפל האָבן זיך, אויסער אים און די דאַמען, געפונען דער באָצמאַן לייאָנס, דער קוכער פּאָלוקס און נאָך דריי מאַטראָזן. פאַרן קליינעם שיפל איז עס געווען אַ צו-גרויסע לאַסט און עס איז געזעסן טיף אין וואַסער. דער קאַפּיטאַן האָט אַליין געהאַלטן דעם שטריק פונם שיפל. זיין פרוי און טאָכטער האָבן זיך געטוליעט צו אים. אַלע איבעריקע האָבן גערודערט, אויסער פּאָלוקסן, וואָס האָט געדאַרפט אויסשעפן דאָס וואַסער פונם שיפל.

נעד האָט אָנגעפירט מיטן צווייטן שיפל. דאָרט זיינען געזעסן אויסער אים נאָך אַ צען מאַן. אויך האָט ער געהאַט מיט זיך פּראָוויאַנט אויף אַ פינף-זעקס טעג. זיין שיפל איז איבערהויפּט געווען אַ שטאַרק זיכער שיפל און דער קאַפּיטאַן וואָלט דאָרט

גערן אַרייַנגעזעצט זיין פֿרוי און טאָכטער, וועלכע האָבן אָבער דורכויס געוואָלט פֿאָרן מיט אים צוזאַמען.

אין האַריס שיפֿל זייַנען געזעסן פֿינף מאַטראָזן און דער טשעסלער סיגריף.

אַלע שיפֿלאַך האָבן געזאָלט שווימען צום ברעג, אָבער דאָס איז געווען זייער שווער. קערעווען די שיפֿלאַך האָט מען נישט געקאָנט און די גאַנצע מי און אַרבעט האָט מען אַוועקגעלייגט דערויף צו האַלטן זיך ווי-עס-איז אויפֿן וואַסער.

וויפֿיל די שיפֿלייט האָבן זיך נישט אָנגעשטרענגט, האָבן זיי דאָך נישט געקאָנט דערגרייכן דעם ברעג. דער שטאַרקער שטראָם האָט זיי בסדר אָפּגעשליידערט אין אַ זייט. מעגלאַך, אַז דערין איז באַשטאַנען זייער גאַנץ גליק, ווייל די פֿאַרעטערישע שטיינער פֿון ברעג זייַנען נאָך געווען ערגער פֿון די כוואַליעס.

די שיפֿלאַך האָבן זיך אָבער אויך מיט גרויסע שוועריקייטן געהאַלטן אויפֿן וואַסער, וואָס האָט געשפּילט מיט זיי אַ בייזן שפּיל, און אַט האָט מען אינגאַנצן פֿאַרלאָרן פֿון די אויגן דעם ברעג.

דער קאַפּיטאַן האָט באַפֿוילן צו שווימען אין דער צפֿונריכטונג, ווייל ער האָט געהאָפֿט דאָרט צו טרעפֿן אַ גינסטיקן ברעג. אין אַ פֿערטל שעה אַרום האָט זיך באַוויזן אַ נידעריקער ברעג.

די שיפֿלאַך זייַנען אַרייַנגעפֿאָרן אין אַ קליינעם רוהיקן ים-אויסגוס. דאָס וואַסער איז דאָ געווען רוהיק צוליב די קעלפּעס, אַ מין הויכע וואַסער-פֿלאַנצונג.

דידאָזיקע פֿלאַנצונג וואַקסט שטענדיק אויף אַ העכערן אָרט אויפֿן ים-דעק. זי איז זייער דין, דערפֿאַר אָבער דערגרייכט זי אַ הויך פֿון פֿערציק-פֿופֿציק מעטער און וואַקסט זייער געדיכט, אַזוי אַז ס'ווערט צעזאַמענגעפֿלאָכטן אין אַ גרויסן וואַלדפּלאָנטער, וואָס שטערט די באַוועגונג פֿון די שיפֿן. די וואַסער-וועלדער זָבער האָבן די מעלה, וואָס זיי צעטרייבן די כוואַליעס.

פֿאַר אונזערע שיפֿלאַך זייַנען דידאָזיקע קעלפּעס געווען די איינציקע תרופה צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן. פֿון דער צווייטער זייט אָבער איז מען נישט זיכער געווען, צי די שיפֿלאַך וועלן קענען דורך אַזאַ געדיכטן וואַלד זיך דערשלאָגן צום ברעג.

דאָ אָבער איז דער אַלטער ים-וואָלף סיגריף געקומען צו הילף. ער האָט שוין אַ סך מאָל געשוואומען אין דידאָזיקע ערטער און האָט זיי גוט געקאָנט. נישט לאַנג געטראַכט, איז ער אַרויס פונם שיפל און האָט אָנגעהויבן צו גיין איבער די צווייגן פון די קעלפּעס, וואָס האָבן געגרייכט ביז צו דער וואַסער-אויבערפלאַך. ער האָט געוואוסט, אַז דערדאָזיקער צמחים-מין איז זייער אַ פעסטער וואָס קאָן איינהאַלטן אַ מענטשן אויף זיך.

פון דערווייטנס אָבער האָט גאַנץ אויסטערליש אויסגעזען, ווי אַזוי דער אַלטער טשעסלער שפּאַרט אַרום איבערן וואַסער. ער האָט זיך אָבער גאָרנישט געקוקט דערויף און האָט געזוכט אַ באַקוועמען קאַנאַל, די שיפלאַך זאָלן זיך קענען דערשלאָגן צום ברעג.

ער האָט באַלד געפונען אַזאַ קאַנאַל און האָט זיך אומגעקערט צו די שיפלאַך און האָט געוויזן, ווי צו פאָרן. אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען די שיפלאַך אַדורכגעשוואומען דעם געדיכטן וואַלד פון די וואַסער-צמחים און זיינען צוגעשטאַנען צו אַ באַקוועמען ברעג, וואָס איז געווען גוט באַשיצט פון די אַרומיקע ווינטן.

צוערשט האָבן די שיפסלייט געגלייבט, אַז זיי געפינען זיך אויף דער פייערדיקער ערד. באַלד אָבער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז ס'איז אַ קליין אינזעלע, געדיכט באַוואַקסן מיט אַ זומפּיקער פלאַנצונג, וואָס האָט געהייסן טוקאַק.

די רייזנדע זיינען אַרויס אויפן ברעג און האָבן אויסגעזוכט אַ פּאַסיקן אָרט פאַר אַ לאַגער. און האַרי מיטן קאַפּיטאַן זיינען אַרויף אויפן נאָנטסטן בערגל און באַטראַכט דעם האָריזאָנט. ביידן האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ, ווייל נעד מיט זיין שיפל האָבן געפעלט...

אומזיסט אָבער האָבן זיי אָנגעשטריינגט זייער בליק, מען האָט נישט געזען קיין שום שיפל אויפן האָריזאָנט. די זון האָט זיך שוין געזעצט. ס'איז געוואָרן שטאָק-פינסטער. אין דער פינסטערניש האָט דער קאַפּיטאַן געזוכט די רויטע לאַמטערן פון נעדס שיפל. אָבער דער ים איז געווען שוואַרץ און רויִק.

דעמאָלט איז דער קאַפּיטאַן מיט האַרין אַוועק צו זייערע חברים. די מאַטראָזן האָבן פאַר דער צייט אָנגעצויגן אַ קליינעם זעגל אויף פיר רודערס און געמאַכט דערפון אַ מין געצעלט פאַר די דאַמען. די מידע רייזנדער האָבן אַ ביסל געשטילט זייער הונגער מיט דעם ביסל פּראָוויאַנט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט. אָבער אַלץ איז פאַרדאָרבן געוואָרן צוליב דעם געזאַלצענעם ים-וואַסער. דערנאָך זיינען אַלע אַנטשלאָפן געוואָרן מיט דעם שווערן שלאָף פון אויסגעמאַטערטע ים-לייט, וואָס זיי איז געשען אַן אומגליק אויפן ים.

בלויז צוויי מענטשן האָבן נישט געשלאָפן: דער קאַפּיטאַן מיט סיגריפן—זיי האָבן באַוואַכט דעם לאַגער. נאָך זיי האָט האַרי באַדאַרפט האַלטן וואַך.

די נאַכט איז שטיל אַדורכגעגאַנגען. אונזערע וואַנדערער זיינען אויפגעשטאַנען נאָך איידער עס האָט געשאַריעט אויף טאָג. זיי האָבן זיך געפילט זייער מונטער, גרייט אויף אַלץ, בפרט אָבער גרייט צו אַ גוטן זאַטן פרישטיק...

צו די צרות אָבער איז געווען זייער ווינציק פּראָוויאַנט, בפרט פאַר פופצען הונגעריקע מיילער. אַלץ צוזאַמען גענומען איז באַשטאַנען נאָר פון אַ פעסל אונטערגענעצטע סוכאַרעס, אַ שטיק געריכערטע פלייש, אַ זעקל קאַווע, אַ פונט טיי און אַ קאָפּ צוקער. אין זייער רשות האָבן זיי אויך געהאַט אַ קליין קיכל, אַ קעסעלע און אַ קאַוועפענדל.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען מיט פייער. וואו קריגט מען הייצמאַטעריאַלן אויף אַן אינזל, וואו אַלע פלאַנצונגען זיינען דורכגעזאַפּט מיט וואַסער און די ערד איז באַשטאַנען פון נאַסן טאָרף. שוועבעלאַך האָט נישט געפעלט, ווייל אַלע מאַטראָזן זיינען געווען פאַרברענטע רויכערער, ס'איז אָבער נישט געווען וואָס אָנצעצינדן.

—מיר מוזן אַריבערפאָרן אויף יענעם שטיק ערד, וואָס ליגט אין צפון—האָט דער קאַפּיטאַן אַ זאָג געטאָן צו סיגריפן—גיט נאָר אַ קוק, סיגריף, מיר דוכט זיך, אַז דאָרט זיינען אַלע בערגלאַך באַוואַקסן מיט וועלדער.

און ער האָט אים איבערגעגעבן זיין שפּאַקטיוו.
סיגריף האָט אַ קוק געטאָן אין שפּאַקטיוו און געזאָגט!
—דאָרט וואָלט אפשר געווען נישט שלעכט, אָבער... אויב איך האָב נישט קיין טעות באַוואוינען איילי־קאָלעפּן דעם פּועדזשער ברעג. דאָס איז דער סאַמע אכזריותדיקסטער שטאַם צווישן ווילדע. דאָס לעבן האָט זיי געמאַכט פאַר מענטשנפרעסער, ווייל זיי זיינען זייער אָרים און דער מאָגן פאָדערט דאָס זייניקע. מיט אַ יאָר זעקס צוריק האָבן זיי אויפגעפרעסן ביז איינעם אַלע מאַטראָזן פון אַ וואַלפיששיפל וואָס האָט זיך על־פּי־טעות דערנענט צו זייערע ברעגעס. מען קען נישט זאָגן, אַז די ווייסע זאָלן זיין אינגאַנצן גערעכט. צום באַדויערן, מוז מען מודה זיין, אַז זייער אָפט זיינען זיי נישט בעסער פון די ווילדע. אָבער איך מיין, אַז מיר האָבן נישט בדעה צו באַצאָלן מיט אונזער לעבן פאַר די ווייסע שלעכטע מענטשן.
—אָבער זיי קאָנען דאָך קומען אַהער,—האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט.
—דאָס איז נאָך נישט אַזוי געפערלאַך. פון יענעם שטיק ערד טיילט אונז אָפּ בערך זעקס מייל. דאָ בלאָזן שטאַרקע ווינטן און פאַר די ווילדע מיט זייערע שוואַכע שיפלאַך איז אַזאַ נסיעה זייער אַ שווערע אונטערנעמונג. וועלן זיי נאָר נישט דערגיין, אַז מיר געפינען זיך דאָ, וועלן זיי אודאי נישט קומען אַהער.

—און אויב זיי וועלן זיך פּלוצלונג דערוויסן? האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט און נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויף זיין טאָכטער און פרוי, וואָס האָבן מיט גרויסע צרות פאַרענדיקט זייער טואַלעט.—און וואָס טו איך מיט נעדן און זיינע חברים, פון וועלכע מיר ווייסן גאָרנישט. אפשר זיינען זיי צוגעשטאַנען צו יענעם ברעג?
סיגריף האָט אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן.
—דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען—האָט ער געזאָגט,—דערווייל לאָמיר זוכן הייץ־מאַטעריאַלן פאַרן קיכער. ער קען זיך גאָר קיין עצה נישט געבן מיט זיין קיך און קעסעלע.

מיט דידאָזיקע ווערטער איז סיגריף פֿאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די ברייטע בלעטער פֿונם טוקאַק. באַלד אָבער איז ער צוריקגעקומען, אַ צעפֿרידענער און אַ גליקלעכער, פֿאָכנדיק איבערן קאָפּ מיט אַ בינטל צמחים, ענלעך צו פֿאַרנקרויט.

פֿאָלוקס האָט אים אַ פֿרעג געטאָן:

—וואָס פֿרייסטו זיך אַזוי? מיינסט, אַז איך וועל קענען הייצן מיט די נאַסע שמאַטעס?

אָבער דער אַלטער ים-וואָלף האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אים:

—שאַ, דאָס איז גאָרנישט קיין נאַסע שמאַטעס. הייס בעסער די מאַטראָזן, זיי זאָלן ברענגען וואָס מער אַזוינע שמאַטעס. וועסט שוין זען, ווי גוט דאָס וועט ברענען.

פֿאָלוקס מיט נאָך אַ פּאָר מאַטראָזן האָבן מער נישט געריידט אַ וואָרט און האָבן איינגיכן געבראַכט גאַנצע פּעק פֿון דעמדאָזיקן פֿלאַנצונג. סיגריף האָט געהייסן אַלץ צוזאַמענלייגן אין איין הויפֿן, נאָכדעם האָט ער אויסגעקליבן אַ פּאָר גרעזעלאַך, האָט זיי אָנגעהויבן צו רייבן, ווי מען רייבט פֿלאַקס און נאָכדעם האָט ער דערפֿון געמאַכט אַ קיילעכל, באַלד דערויף האָט ער אָנגעצונדן פֿייער און געוואָרפֿן אַ פֿונק אין סאַמע מיטן פֿונם קיילעכל. אַ ווײַלע האָט ער געפּאָכט דערמיט אין דערלופֿטן און דאָס קיילעכל האָט אָנגעהויבן צו פֿלאַקערן. דעמאָלט האָט ער עס פֿאָרזיכטיק אונטערגעלייגט אונטער אַנדערע קיילעכלאַך, וואָס זיינען געלעגן אין די גראָזהויפֿנס. ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שיין פֿייער, הגם די אָנגעריסענע פֿלאַנצונגען זיינען געווען גוט נאַס.

פֿאָלוקס האָט זיך צעטאַנצט פֿאַר גרויס פֿרייד. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צוגרייטן דעם פֿרישטיק. וואָס איז באַשטאַנען פֿון געבלאָטענע פּענעצער פֿלייש, פֿון אויסגעטריקנטע סוכאַרעס און פֿון קאַווע. אין אַ שעה אַרום איז דער פֿרישטיק פֿאַרטיק געוואָרן און די וואַנדערער האָבן זיך גענומען צו דער אכילה, אויסזעצנדיק זיך אין אַ קרייזל אויפֿן זאַמד. זייער איינפֿאַכע סעודה האָט זיי אויסגעזען, ווי דער גרעסטער באַל.

ביים פֿרישטיק האָט סיגריף דערציילט פֿון דער אויסטערלישער

פלאַנצונג, וואָס האָט געבּרענט נאַסערהייט. זי איז שטאַרק פאַרשפּרייט אויף די פאָקלענדישע אינזלען און אויף דער פייערדיקער ערד. די איינגלענדער רופן זי ״גומיפלאַנצונג, ווייל זי אַנטהאַלט אין זיך אַ סך קליי. די איינגעבּאָרענע באַפעלקערונג באַנוצט דעם קליי, אַלס שמירעכטס צו וואונדן. די גרעסטע מעלה אָבער פון דער פלאַנצונג איז די, וואָס זי פלאַקערט שנעל אויף, הגם זי איז פייכט. דאָס האָט זייער אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דידאָזיקע ערטער, וואו יעדע פינף טעג פון זעקס פאַלט אַ רעגן.

אויף די פאָקלענדישע אינזלען, וואו עס זיינען נישטאָ קיין וועלדער, בּראָטן די ווילדע דאָס פלייש אויף שייטערס, וואָס זיי לייגן צוזאַמען העלפט אויף העלפט פון בּיינער און פון גומיפלאַנצונגען.

אַז מען האָט פאַרענדיקט דעם פרישטיק, האָט זיך דערהערט אַ לאַנג הייזעריק וואָיען. אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. דאָס וואָיען האָט זיך דערטראָגן פון הינטער אַ גרויסן בּרעגפעלז. דער ערשטער געדאַנק איז געווען—אַז די ווילדע זיינען געקומען און אַלע האָבן זיך גרייט געמאַכט צום קאַמף.

די ערשטע שלאַכט

בּלויז איין סיגריף האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און האָט געשמייכלט אונטער די אַלטע וואָנסן.

—גייט, גייט, מיסטער האַרי—האָט ער אַ זאָג געטאָן צום יונגן אָפיציר—זעט, וואָס פאַר אַ שונאים מיר האָבן. מיסיס גאַניי און מיס מאָד קענען אויך גיין מיט אייך. בּ׳פאַרזיכער אייך, אַז קיין שום בייז וועט זיי נישט געשען!

צי דער אַלטער סיגריף איז געווען גערעכט, צי נישט—אָבער דאָס וואָיען האָט יעדנפאַלס געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק. ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלן אַ קאָנצערט פון צוויי-דריי טוץ אינזלען, וואָס שרייען אַלע צוזאַמען, וועט זיך באַקומען אַ געווי-סע ענלאַכקייט צו דעם קאָנצערט אויף דער אינזל, סוף-כל-סוף זיינען אַלע געגאַנגען זען, ווער וואָיעט עס דאָרט הינטערן פעלז.

פלוצלונג האָבן זיך אַלע אַזוי צעלאַכט, אַז זיי האָבן זיך אָנגע-כאַפּט פאַר די בייכער.

דרייהונדערט פייגלאַך זיינען געשטאַנען אויפן ברעג אין אַ לאַנ-

גער גלייכער שורה, ווי זעלנער אויפן פראָנט. דאָס איז אָבער גיכער געווען אַ זיצן, איידער אַ שטיין און דערצו נאָך אָנגעלענט אויף די ווידלאַך. די בייכער האָבן זיי שטאָלץ אַרויסגעשטעלט פאָרויס און אויפגעהויבן די קעפּ. אַלע האָבן געקוקט אין איין זייט, ווי חדר-יינגלאַך קוקן אויף דער טיר, דורך וועלכער דער רבי באַדאַרף אַריינקומען...

אַ צייט לאַנג איז מען געזעסן שטיל און אַכטיק, אָבער באַלד דערויף האָט איינער אַ געשריי געטאָן און אַלע—נאָך אים.

מאַנכע פייגלאַך פונם זעלבן מין האָבן זיך אַרומגעשפּאַצירט אי-בערן קעלפּן-פעלד און געכאַפּט מושליעס אין וואַסער. דאָס זיי-נען געווען פּינגווינען—פייגלאַך, וואָס באַנוצן די פליגלען, ווי פיס. דער קאַפּיטאַן האָט זיי גלייך דערקאָנט.

—זיי מוזן דאָ האָבן זייערע נעסטן אין גראָז,—האָט פרוי גאַניי באַמערקט.

—דאָס איז ריכטיק, מאַדאַם—האָט סיגריף געענטפערט—אין די נעסטן לייגן זיי זייערע אייער, וואָס זיינען זייער באַטעמט. מען באַדאַרף זיך באַנוצן מיט דידאָזיקע אייער...

—מיר האָבן נאָך גאַרנישט פאַרלאָרן—האָט האַרי געזאָגט—מיר קענען אָנקלייבן אייער צו מיטאָג...

אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט קלעטערן נאָך אייער אין די נעסטן.

—איך וואָלט אויך געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין זייערע נעסטן...—האָט מיס מאָד זיך אָנגערופן.

סיגריף איז אַוועק און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ דראָנג און אַ רודער.

—וואָס רעכנט איר צו טאָן דערמיט?—האָט זיך מאָד צעלאַכט.— אפשר ווילט איר זיך אַ ביסל שיפן איבערן ים?

—האָט געדולד מיס—האָט דער אַלטער טשעסלער באַשיידן געענט-פערט,—לאַכט נישט פונם אַלטן סיגריף. איר וועט זען, איר וועט זיך נאָך בעטן, איך זאָל אייך דערלאַנגען דעם דראָנג.

דידאָזיקע ווערטער זיינען געווען געצילט אין האַריך. קיינער אָבער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן.

דער עולם האָט זיך צעשפּרייט איבער דער אינזל, וואו מען האָט געפונען גאַנצע קאָלאָניעס פון פּינגווינען.

אַ גרויסער שטח איז געווען געדיכט באַדעקט מיט פּינגווינישע נעסטן—אייגנטלאַך מיט טויזנטער איינפּאַכע גריבער, אויסגעגראָבן אין דער ערד.

קיין אייער האָט מען אָבער אין ערגיץ נישט געפונען. דערפאַר האָבן זיי אין יעדן נעסט געזען אַ יונגן פּינגווין. וואו אַ נעסט— אַ יונגער פּינגווין. די פּינגווינען זעצן נישט מער אויס, ווי איין איי אויף אַ מאָל. די יונגע פּינגווינען זיינען געווען זייער דיק, אָבער נאָך גאָרנישט באַדעקט מיט פעדערן.

אין יעדן נעסט האָבן די יונגע פּינגווינען געדולדיק געוואַרט אויף זייערע מוטערס, וואָס האָבן גענערט די קינדער אויף אַן אויסטערלישן אופן. אַזוי ווי אונזערע פריינט האָבן געהאַט גענוג צייט, האָבן זיי געקאָנט באַאָבאַכטן דעם נערונגספּראָצעס.

די מוטער קומט פונם ברעג מיט אַ וואָליע, וואָס איז שטאַרק אָנגעשטאָפּט מיט פיש און ראַקעס. דערנענט זיך צום נעסט, און בעת-מעשה אונטערשפּרינגענדיק ווי אַ האָז, זעצט זי זיך אַוועק און ציט קאָנוואולסיוו אויס דעם האַלז. דערביי לאָזט זי אַרויס איר משונהדיקן געשריי, וואָס דערמאָנט אָן דעם קוואַקען פון אַ קאַטשקע און אָן דעם געשריי פון אַן אייזל. אין אַזאַ פּאָזע איז זי ענלאַך צו איינעם פון יענע רעדנערס, וואָס דרשענען אין לאָנדאָן פאַרן המון, שטייענדיק אויף אַ באַנק אונטערן פרייען הימל. דאָס קינד וואַרט געדולדיק, וואָס ווייטער וועט זיין. אין אַ צוויי מינוט אַרום שטעקט די מוטער אַריין דעם קאָפּ אין נעסט און עפנט אויף דעם שנאָבל. שטעקט דער יונגער פּינגווין אַריין דאָס קעפּל צו איר אין האַלז און שלעפּט אַרויס אַ פישל אָדער אַ ראַק, וואָס ווערט תיכף ומיד אויפגעפרעסן. דאָס חזרט זיך איבער אַזוי לאַנג, ביז דער מוטערס וואָליע ווערט אינגאַנצן ליידיק. פליט די מוטער צוריק אַוועק נאָך פיש און ראַקעס און דער איבערגעזעטיקטער פּינגווין שלאָפט דערוויילע איין. אָבער אין אַ שעה אַרום פרעסט ער ווידער...

האַרי און מיסיס גאַני האָבן זיך אַזוי אַריינגעטאָן אינם בילד,

אַז זיי האָבן עטוואָס אויפגעציטערט, ווען זיי האָבן דערהערט סיגריפס קול:

—אַ שאָד,—האָט ער געזאָגט,—קיין אייער זייבען שוין נישטאָ, ווייל עס איז שוין שפּעט אין הערבסט. דערפאַר אָבער וועלן מיר געברויכן די יונגע פּינגווינען, וואָס זיינען זייער בעטעמט... די אַלטע קען מען נישט עסן, ווייל זיי זיינען האַרט, ווי לע־דער און שמעקן שטאַרק מיט פיש. פון די יונגע אָבער וועלן מיר הנאה האָבן.

באַלד דערויף האָט מען זיך דערנענט צו די נעסטן. מיסיס גאַ־ביי האָט אויסגעשפּרייט דעם פאַרטוך. ס׳איז אָבער נישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך צו פּאַקן די יונגע פּינגווינען. די אַלטע פּינג־ווינען זיינען בעת-מעשה מיט שרעקלאַכע קולות באַפאַלן אונזערע יעגער און האָבן זיי געוואָלט צעפּיקן און מיסיס גאַביי מיט דער טאָכטער האָבן געמוזט מאַכן פליטה. סיגריף אָבער האָט זיך גע־לאָזט דעם דראַנג און האַרין האָט ער געגעבן דעם רודער און ביידע האָבן מוטיק אויסגעהאַלטן דעם אָנפאַל. דאָס איז געווען אַ קאָמישע שלאַכט. די פּינגווינען האָבן אויך אַרויסגעוויזן אַ סך העלדישקייט און עקשנות. סוף-כל-סוף אָבער זיינען זיי אָפּגע־שטויסן געוואָרן.

נאָך דעם נצחון איבער די אַלטע איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט די יונגע. זיי האָבן זיך געוואָרפן און געביסן די יעגערס אין די הענט און געשריען, ווי גענז. ס׳האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די יעגערס האָבן געפּאַקט ביי אַ פופצען שטיק און אין אַ האַלב שעה צרום האָט פּאָלוקס צוגעגרייט פון זיי אַ געשמאַקן בראָטן.

—וואָס וואָלט איר געזאָגט, מיינע ליבע הערן און דאַמען, מכּוח שפּאַראַגעס?—האָט סיגריף געפרעגט,—דוכט זיך, אַז ס׳וואָלט אונז גאָרנישט געשאַדט, ווען מיר זאָלן באַקומען אַ ביסל גריגנס צום אָוונטברויט...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט פון סיגריפס איינפאַל. דאָ, אויף דער אינזל און אין דערדאָזיקער צייט פון יאָר, זוכן שפּאַראַגעס! דאָס איז דאָך אויסגעשלאָסן!

סיגריף אָבער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט אַלעמען געוויזן אַ ביגטל זומפּגראָז. צווישן דעם וואָרצל און שטום פֿון דעמדאָזיקן גראָז איז געלעגן אַ ווייסער צאַרטער טייל, וואָס האָט געהאַט דעם טעם פֿון אַ נוס און האָט באמת אויסגעזען, ווי די בעסטע שפּאַרגעס.

פֿאַר דער צייט האָט דער קאַפּיטאַן זיך נענטער באַקאַנט מיט דער אינזל. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז קיין מענטשן וואוינען דאָרט נישט. דערפֿאַר אָבער האָט ער געטראָפֿן אַ זומגעהיער גרויסע צאָל חיות, בפֿרט אויף די ברעגעס פֿון אינזל. דער ים האָט געשווימלט און געגריבלט מיט הונדערטער פֿישן, הייפֿישן און ים-חזירימלאַך. אין דער לופֿטן האָבן זיך געטראָגן גאַנצע מחנות ים-פֿייגלאַך: מעוועס, שטורעמפֿייגלאַך, שוואַנען מיט שוואַרצע העלזער און באַקלאַנעס. אויך האָט מען דאָרט געזען מאַסן רויבפֿייגלאַך פֿון דיזעלבע מינים, וואָס טרעפֿן זיך אין די אַנדן, ווייל די בערג פֿון דער פֿייערדיקער ערד זיינען נישט מער, ווי אַ המשך פֿון די קאָרדילירן. אַ טייל פֿון די פֿייגלאַך האָבן רוהיק געכאַפּט פֿיש אָדער האָבן זיך אַרומגעוויגט אויף די כוואַליעס. אַנדערע ווידער פֿלעגן זיך פֿייל פֿון בויגן וואַרפֿן אויף זייער רויב, וואָס פֿלעגט תיכּף ומיד אַרויסגעריסן ווערן פֿון אַנדערע פֿייגלאַך און פֿון יענע—ווידער אַנדערע, שטאַרקערע און אַזוי כּסדר אָן אַן אויפֿהער.

נאָך מער האָט געקאָכט און געווימלט דאָס לעבן אין וואַסער, צווישן די בלעטער און די צווייגן פֿון די קעלפּעס. דאָרט האָבן געלעבט מיליאָנען פֿאַרשידענע מינים חיות און חיהלאַך. דאַרווין איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַ גרויס בוך וואָלט זיין וויניק אויסצורעכענען בלויז די נעמען פֿון די אַלע מינים, ווען זיי וואָלטן אונז געווען באַקאַנט, נאַטירלאַך. אַלע בלעטער פֿון די ריזיקע וואַסערפֿלאַנצונגען זיינען געווען באַדעקט מיט וואַסערקאָראַלן און האָבן זיך דעריבער געהאַלטן אַזוי פֿעסט. אַלע צווייגעלאַך און יעדער שטאַם האָט געטראָגן אויף זיך גאַנצע וועלטן פֿון קליינע לעבנס... די אומגעהויערע אונטערוואַסערוועלדער פֿון דרום-אַמעריקע קען מען פֿאַרגלייכן מיט די גרויסע

טראָפּישע וועלדער, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס אויף איין קוואַדראַט-מייל פון קעלפּן-וואַלד האַלטן זיך אויף מער מינים חיות, ווי אין אַ גאַנצן טראָפּישן וואַלד.

אַ מערקווירדיק שיין בילד פלעגט אַנטפּלעקט ווערן פאַר אונזערע לייט אין דער צייט פונם אָפּפלוס, ווען אויף די ברעגן פלעגט בלייבן ליגן טויזנטער ים-היגט אָנגעוואָרפן איינער אויפן צווייטן. פון דערווייטנס האָבן זיי אויסגעזען, ווי גרויסע שוואַרצע באַ-וועגלאַכע וואָלקנס...

—ס'אַ שאָד,—האָט סיגריף באַמערקט.—ווען מיר וואָלטן געהאַט עפּיס אַ שיף, וואָלטן מיר געקאָנט באַפעלצן אַלע ניו-יאָרקער דאַמען און מיר וואָלטן זייער רייך געוואָרן. אָבער אַזוי מוז דאָס אַלץ גיין לאבוד.

אַלע האָבן געשוויגן און סיגריף האָט ווייטער באַמערקט:

—די חיות לייגן גאָרנישט קיין אַכט אויף אונז. דאָסזעלבע איז אויך געווען אין דערפרי מיט די פּינגווינעס. ערשט דעמאָלט, ווען מיר זיינען אָנגעפאַלן אויף זייערע קינדער, האָבן זיי אונז באַמערקט. דאָס באַווייזט, אַז די פּועדזשינער שמעקן דאָ קיינ-מאָל נישט אַריין און די חיות זיינען נאָך גאָרנישט באַקענט מיט מענטשן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אַלטער ווידער געזאָגט:

—וועלן מיר פאַנאַנדערלייגן אונזער פייער פון יענער זייט באַרג, וועלן די מענטשנפרעסער נישט באַמערקן דעם רויך און וועלן נישט קומען צו אונז. דאָס איז זייער וויכטיק. מען קאָן אויך אויסבויען זיך עפּיס אַ הויז. צו עסן וועט אונז דאָ נישט פעלן, פאַלן פון מוט איז דעריבער נישטאָ וואָס. איצט דאַרפן מיר נאָר רוהיק זיצן און וואַרטן, וועט זיך ווייזן עפּיס אַ שיף וועט זי אונז מיטנעמען אַהיים. מיין נאָמען איז נישט סיגריף, אויב דאָ וועט זיך נישט ווייזן עפּיס אַ שיף אין אַ משך פון צוויי-דריי יאָר. פאַר דעראָזיקער צייט וועלן מיר זיך באַרייכערן מיט די פעל פון ים-היגט, וואָס וועלן אונז אַריינטראָגן אַ פיין ביסל געלט.

דעמאָלט האָט זיך אָנגערופן דער קאַפּיטאַן:

—איר פאַרגעסט אָבער, ליבער סיגריף, אַז אַ שיפל מיט עלף מאַטראָזן און מיטן לייטענאַנט גאַניי בלאָנדזשעט ערגיץ אַרום אויפן ים, מיר ווייסן גאָרנישט, וואָס איז געשען מיט זיי. אפשר זייַנען זיי צוגעשטאַנען צו אַ ברעג. דאָס וואָלט, נאַטירלאַך, געווען דער בעסטער אויסוועג פאַר זיי. אָבער איר ווילט, מיר זאָלן דאָ רוהיק בלייבן זיצן און לאָזן אויף הפקר די פאַראומגליקטע?..

סיגריף האָט זיך עטוואָס פאַרשעמט.

—איך מיין דאָס גאָרנישט..—האָט ער געזאָגט.—פאַרגעסט אָבער נישט, אַז מיט אייך געפונען זיך דאָ מיסיס גאַניי און מיס מאָד...

דער קאַפּיטאַן האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט:

—מייַנע פרויען זייַנען דרייסטע מענטשן. זיי וועלן אונז קיינמאָל נישט זיין קיין מניעה, אויב מיר וועלן זיך לאָזן זוכן געדן...

דער אַלטער סיגריף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט דעם גאַנצן טאָג געשוויגן. פאַרנאַכט אָבער האָט ער געבעטן ביים קאַפּיטאַן דעם שפּאַקטיוו און האָט פון באָרג לאַנג באַטראַכט דעם שטח ערד, וואָס איז געלעגן קעגנאיבער דער אינזל.

דער לאַוועשטראָם.

אויף צעמאָרגנס האָט די זון העל געשייגט. אַן אויסגעלייטערטער הימל איז געהאַנגען איבערן קאָפּ. אַזוינס געשיט דאָ זעלטן, ווייל די פייערדיקע ערד איז תמיד איינגעטונקט אין אַ נעבל. באַלד נאָכן פרישטיק האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן זיך גרייטן אין וועג אַריין, וואָס האָט אַלעמען שטאַרק געפרייט. די מאַטראָזן האָבן אויך איינגעפונען, אַז אין זייערע אייגענע אינטערעסן מוזן זיי וואָס שנעלער אויפזוכן די פאַרלאָרענע חברים, ווייל אויפן דריטן שיפל האָט זיך געפונען כמעט דער גאַנצער פּראָוויאַנט, דאָס גאַנצע געווער, וואָס מען האָט געהאַט מיטגענומען פון דער „קאַליפּסאָ”. סיגריף האָט שוין אויך נישט געהאַט וואָס אָנצעווענדן געגן דעם. ער האָט נאָר אָפּגערופן דעם קאַפּיטאַן אָן אַ זייט און האָט געזאָגט:

—איר טוט זייער גלייך, קאַפּיטאַן, וואָס איר פּאָרט אויפזוכן דעם לייטענאַנט און די איבעריקע מאַטראָזן. דער וועג אָבער וועט זיין זייער אַ שווערער און אַ געפערלאַכער איך מיין, אַז איר וועט אויך איינגעפונען, אַז איידער מען לאָזט זיך אַוועק אין אַזאַ וועג, מוז מען

פֿריִער אויסאַרבעטן עפּיס אַ רעכטן פּלאַן...

דער קאַפּיטאַן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

—נו, געוויס, סיגריף! אויב איר האָט עפּיס אַ פֿאָרשלאַג, טאָ רעדט. אדרבה, איך וועל זייער דאַנקבאַר זיין...

דעמאָלט האָט דער אַלטער געזאָגט:

—אָט וואָס איך קאָן אייך זאָגן, קאַפּיטאַן. איך בין אַן אַלטער ים־מענטש, און שוין דרייסיק יאָר, ווי איך פּלאָנטער מיך אַרום אין די־דאָזיקע געגנדן... איך קאָן זיי דעריבער אויסגעבונדן. נעכטן פֿאַרנאַכט האָב איך דורכן שפּאַקטיוו באַטראַכט אָט יענעם שטיק ערד. ווייסט איר, וואָס איך האָב דערזען אין דער צפֿון־מזרח־ריכטונג? איך האָב דערזען אַ פּאַקאַנטן באַרג מיט אַ וואָלקאַנישן שפּיץ באַדעקט מיט שניי. דער באַרג איז מיט אַ פּאָר הונדערט פֿוס העכער פֿון די איבעריקע. איך האָב אים באַלד דערקאָנט. דאָס איז ס אַ ר מ י ע נ ט אָ...

—דער באַרג סאַרמיענטאָ!—האָט דער קאַפּיטאַן פֿאַרוואונדערט אויסגערופֿן—איך האָב גאָרנישט גערעכנט, אַז מיר זיינען אַזוי ווייט פֿאַרפֿאָרן קיין דרום. הייסט עס, אַז מיר געפֿינען זיך נישט ווייט פֿונם ים־אויסגוס „פֿ אַ ר צ ו ו יי פֿ ל ו נ ג“?

—אויב איך האָב נישט קיין טעות, געפֿונען מיר זיך טאַקי ביי דעם עק פֿון דער „פֿאַרצווייפֿלונג“,—האָט סיגריף געענטפֿערט—גוט איז וויניקסטנס דאָס, וואָס מיר ווייסן וואו מיר געפֿינען זיך. מיר וועלן זיך קאָנען אַוועקלאָזן אויפֿזוכן נעדס שיפֿל, אויב מיר וועלן זיך נאָר נישט אָנטרעפֿן מיט די ווילדע.

—פֿאַרוואָס?—האָט דער קאַפּיטאַן געפֿרעגט.

—ווייל דאָס איז גאָרנישט קיין ים־אויסגוס, נאָר אַ וואַסער־דורכגאַנג... וואַלפֿישפֿאַנגער קאָנען זייער גוט דעמדאָזיקן דורכגאַנג. ער פֿאַראייניקט זיך מיט דאַרווינס גרויסן וואַסער־דורכגאַנג און פֿירט גלייך צום ביגלישן קאַנאַל.

—און איר זענט פֿעסט איבערצייגט דערין?—האָט דער קאַפּיטאַן אַ פֿרעג געטאָן און האָט אָנגעכאַפּט דעם טשעסלער פֿאַר דער האַנט—אַלע געאָגראַפֿישע קאַרטעס ווייזן דאָך אָבער, אַז די „פֿאַרצווייפֿלונג“ איז אַ ים־אויסגוס?

—די קאַרטעס ליגן, קאַפּיטאַן!—האָט סיגריף רוהיק באַמערקט—גלויבט אַן אַלטן מאַטראָז, וואָס ווייסט, וואָס ער רעדט. די, וואָס צייכענען די קאַרטעס, שמעקן דאָ אַפּילו נישט אַריין. זיי שטיצן זיך אויף די אָנווייזונגען פון די וואַלפישפאַנגער און די פּאָקניעגערס. די לעצטע ווילן אָבער נישט אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת וועגן די נייע וועגן, וואָס זיי אַנדעקן...

—דאָס לאָזט זיך גלויבן,—האָט דער קאַפּיטאַן פאַרטראַכט געזאָגט.—אויף אַזאַ אופן דאַרפן מיר שווימען גלייך צום ביגלישן קאַנאַל, און נאָכדעם צום ים-אויסגוס „ערפּאָלגרייכער" דורכן לעמער וואַסער-דורכגאַנג. דאָרט וועלן מיר זיכער טרעפן אַ וואַלפיששיפל און מיט דער הילף פונם דאָזיקן שיפל וועלן מיר קענען אויספאָרשן די ברעגעס און נאָכזוכן נעדס שיפל.

—גאַנץ ריכטיק, קאַפּיטאַן! דאָסזעלבע האָב איך אייך אויך געוואָלט פאָרלייגן,—האָט סיגריף געזאָגט

—מיינט איר, אַז אַזוי איז עס גלייכער, איידער צו שווימען קיין צפון, צום מאַגעלאַנישן ים-דורכגאַנג?—האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

סיגריף האָט אַ צי געטאָן מיט די ליפּן.

—אָ, יאָ, טויזנט מאָל גלייכער. ווען מיר לאָזן זיך אין דער מזרח-ריכטונג, קאָנען מיר זיך באַנוצן מיטן ווינט און מיטן שטראָם און די יבשה וועלן מיר שטענדיק האָבן פאַר די אויגן. מיר וועלן שווימען אַזוי לייכט ווי איבער אַ טייך, זאָל נאָר קיין מניעה נישט זיין פון די ווילדע. איצט וועל איך אייך נאָך וואָס זאָגן: דאָס שיפל האָבן מיר פאַרלאָרן אין דרום, באַדאַרפן מיר עס אָבער זוכן אין מזרח, אויב עס האָט זיך נאָר דערשלאָגן צו אַ ברעג... וואָס וועט איר איצט זאָגן דערויף?..

—איר זיינט גערעכט, מיין טייערער סיגריף. איר זיינט טויזנט מאָל גערעכט. איך וועל מיך אויפהויבן באַרג, אפשר וועל איך אויך עפּיס זען פון דאָרטן. האַרי, איר וועט גיין מיט מיר?

—דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט מיסיס גאַניי אַ פרעג געטאָן:

—פֿאַרוואָס זאָלן מיר אויך נישט גיין?

געמיינט האָט זי זיך און די טאָכטער.

דער אָרימער פֿרוי איז שווער געווען זיך צו שיידן מיטן מאַן אַפֿילו אויף אַ פּאָר שעה, בפֿרט איצט, ווען זי האָט גאָרנישט געוואוסט פֿון איר זונס גורל. סיגריף, וואָס האָט ליב געהאַט אומעטום זיך אַרייַנצעמישן, האָט דאָסמאָל אונטערגעהאַלטן די בקשה פֿון די דאַמען.

—קאַפּיטאַן, נעמט מיט די מאַדאַם מיטן פֿרייַלן... דער אַרויפֿגאַנג אויפֿן באַרג איז זייער אַ לייַכטער. אַ פֿיר־יאָריק קינד וואָלט מען אויך געמעגט מיטנעמען!

דער קאַפּיטאַן האָט צוגעשטימט. אַ סך מאַטראָזן האָבן אויך אויסגעדריקט דעם ווונטש מיטצוגיין, און מען האָט אים געדרן אָנגענומען, ווייל סיי ווי האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו טאָן אויפֿן ברעג. אָבער פּאָלוקס האָט דערקלערט, אַז דאָ איז אים אויך גוט און ער זעט נישט איין קיין נויטווענדיקייט, מיד צו ווערן אומזיסט און אומנישט.

—בעסער וועל איך דאָ וואַרטן אויף אייַך—האָט ער אַ זאָג געטאָן און האָט זיך צעלאַכט מיט געזונטע ווייסע ציין.—איך וועל דערווייַלע צוגרייטן דעם מיטאָג.

ס'איז שווער געווען צו געפֿונען אַ מער פֿוילן מענטשן, ווי פּאָלוקס, וואָס זיין גרעסטער פֿאַרגניגן איז געווען צו זיצן תמיד בײַם פֿײַער און צו וואַרימען זיך דעם רוקן.

צוערשט איז דער אַרויפֿגאַנג ווירקלאַך געווען זייער אַ לייַכטער, ווי סיגריף האָט געהאַט געזאָגט. וואָס ווייטער אָבער, איז דער באָדן געוואָרן אַלץ טרוקענער און האַרטער, און גראָז האָט מען געזען אַלץ ווייניקער. אָפֿט פֿלעגן דורכלויפֿן קליינע חיהלאַך. צוערשט האָבן אונזערע וואַנדערער געמיינט, אַז דאָס זייַנען האָזן, שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זייַנען פּינגווינעס. זיי זייַנען שוין געווען אָנגעלערנט פֿון פֿרימאָרגן און פֿלעגן זיך שנעל באַהאַלטן פֿאַר די מענטשן.

ס'האָבן זיך אויך באַוויזן אַנדערע פֿייגלאַך, און צווישן זיי אויך דער שטורמפֿויגל, וואָס איז גרויס, ווי אַ טויב, מיט בלוי־גרויע

פֿעדערן. די שטורעמפֿייגלאַך לייגן זייערע אייער צווישן די פֿעלזן אָדער צווייגן און נישט אין זאַמד, ווי די פּינגווינעס. די ווילדע כאַפּן זיי מיט דער הילף פֿון אַ סאָווע. אַן אויסגעלערנטע סאָווע ווערט אַריינגעלאָזט אין די נעסטן פֿון די שטורעמפֿייגל. ווערן יענע שטאַרק אויפֿגערעגט און קריכן אַרויס פֿון זייערע באַהעלטעניש. דעמאָלט פֿאַלן זיי אַריין אין די הענט פֿון די יעגערס, וואָס שטייען בײַ די נעסטן.
דער אַרויפֿגאַנג איז געוואָרן אַלץ שווערער, שוין גאָרנישט אַזוי, ווי סיגריף האָט פֿאַרזיכערט. די דאַמען זיינען געגאַנגען מיט גרויס מי. מען האָט זיי געמוזט פּשוט העלפֿן גיין באַרג-אַרויף.

צולעצט זיינען זיי צוגעקומען צו אַזוינע גלאַט-אַראָפּגעהאַנגענע ווענט, אַז ווייטער גיין איז געווען לחלוטין אוממעגלאַך. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז טויזנטער יינגלאַך האָבן זיך יאָרנלאַנג געטאָטשעט איבערן באַרג און מיט די קערפּערלאַך אויסגעגלעט זיינע זייטן. סיגריף אָבער האָט געמיינט, אַז דאָס האָבן די ים-הינט אַזוי באַאַרבעט דעם באַרג.
—קיינער ווייס נישט, ווי הויך די ים-הינט קענען אַרויפֿקלעטערן. הגם זיי זיינען אַזוי אומגעלומפּערט,—האָט ער דערקלערט—פֿאַר זיי איז נישטאָ קיין אָנגענעמערע זאַך, ווי צו וואַרימען זיך אויף דער זון, אויף אַ הויכן באַרג. דאָרט מוזן איצט אויך ליגן גרויסע מחנות ים-הינט.
ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן דידאָזיקע ווערטער, ווי אַ ים-הונט האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פֿון איבערן באַרג. דערזען די מענטשן, האָט ער אַ געשריי געטאָן און באַלד האָבן אים געענטפֿערט הונדערטער ים-הינט.
—בלייבט שטיין!—האָט סיגריף אויסגערופֿן צו די וועגלייט—איך וועל גיין זען, וואָס דאָרט הערט זיך און איר דריקט זיך דערווייל צו צום באַרג.
אַלע זיינען געבליבן שטיין און סיגריף האָט מיט גרויס שוועריקייט אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן באַרג. האַרי טשעסטער וואָלט גערן אים נאָכגעגאַנגען און וואָלט אים זיכער דעריאָגט, אָבער ער

האָט געמוזט געפֿונען פֿאַר די דאַמען אַן אָרט צו זיצן.

אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן שפּיץ באַרג, האָט סיגריף דערזען פֿאַר זיך אַ משונהדיק בילד. אויף אַ שטח פֿון אַן אַקער ערד זײַנען גרויסע מחנות ים־הינט געלעגן אין שורות, ווי סאַרדינקעס אין אַ שאַכטל. דערזען סיגריפֿן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און האָבן אָנגעהויבן צו לויפֿן צום ברעג באַרג־אַראָפּ.

—צו אַלדי שוואַרץ יאָר!—האָט סיגריף אַראָפּגעשריִען פֿון באַרג—האַלט זיך פֿעסט פֿאַר די פֿעלזן, אַ נישט וועלן אײַך די ים־הינט מיטשלעפּן אין וואַסער.

סיגריפֿס וואָרנונג איז געקומען אַקוראַט צו דער צײַט. וואָרום די ים־הינט האָבן זיך געלאָזט לויפֿן, ווי אַ לעבעדיקער לאַוועשטראָם. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד, וואָס האָט געקאָנט אַרויפֿוואַרפֿן אַ פּחד אויף די סאַמע דרייסטע מענטשן.

צום גליק האָבן זיי קיינעם נישט מיטגעשלעפּט מיט זיך, ווײַל אַלע האָבן באַוויזן זיך אָנצוכאַפּן פֿאַר די פֿעלזן און קוסטאַקעס. און די ים־הינט גופֿא האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַנטרונען ווערן אין ים.

עס איז געווען אַ גרויסער פּחד, אָבער ער האָט זיך שנעל געענדיקט. ווען דער לעצטער ים־הונט איז אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער, האָבן אונדזערע וואַנדערער אַליין געלאַכט פֿון זייער אומזיסטן שרעק און נאָכדעם ווײַטער געקלעטערט.

פֿון דאָרט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ברייטער שטח. אין צפֿון־מזרח האָט זיך געהויבן אַ הויכער קאָנוסאַרטיקער באַרגשפּיץ, באַדעקט מיט שניי.

דער קאַפּיטאַן האָט באַטראַכט די געגנט מיט און אָן אַ שפּאַקטיר און האָט אַ זאָג געטאָן אַלעמען, אָבער באַזונדערס צו סיגריפֿן:

—דאָס איז ס אַ ר מ י ע נ ט אָ! אַזוי ווײַניקסטנס שטעלט מען פֿאָר דעמדאָזיקן באַרג אויף אַלע קאַרטעס. פֿון ווײַטן זעט מען דאַר־ווינט באַרג. אַ דאַנק סיגריפֿן, ווייסן מיר שוין, וואו מיר געפֿי-

בּען זיך! דערמיט האָט ער אונז געטאָן אַ גרויסע טובה!

סיגריף איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון דעמדאָזיקן שבח און האָט זיך אפילו פאַררויטלט. זיך געגנוג אָנגעקוקט אויפן שטריינגן באַרג־שפּיץ פון סאַרמיענטאָ, איז די גאַנצע געזע, שאַפּט אראָפּ צום ברעג.

די איילי‌קאָליעפֿן.

אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען שוין אונזערע פריינט פאַר-
טיק געוואָרן מיט די רייזע-הכנות. נאָכדעם האָבן זיך אַלע
אויסגעזעצט אין די צוויי שיפלאַך, אין דערזעלבער אָרדנונג וואָס
פריער. מען האָט מיטגענומען נייעם פראָוויאַנט פון די יונגע
פינגווינעס און גראָז-שפּאַראַגעס און מען האָט זיך געלאָזט אין
וועג אַריין. האַריס שיפל איז געפאָרן פאָרויס.
אַ שעה צייט זיינען זיי געשוואומען גאַנץ באַקוועם, געטריבן פון
אַ גינסטיקן ווינט. גערודערט האָבן זיי ווינציק, כדי זיך נישט אָנ-
צעמאַטערן אומזיסט. דער קאַפּיטאַן האָט די גאַנצע צייט באַ-
טראַכט דעם ים דורך אַ שפּאַקטיוו. פּלוצלונג האָט ער זיך אָנגע-
רופן צו האַרין:

—האַרי! שווימט נענטער צו אונז! איך זע, אַז פונם ברעג האָט
זיך אָפּגעטיילט אַ שיפל.

האַרי האָט זיך באַלד דערנענטערט צום קאַפּיטאַנס שיפל. סיגריף האָט
דערווייל באַטראַכט דאָס פרעמדע באָטל.

—דאָס איז אַ מאָדנע שיפל!—האָט ער אַ זאָג געטאָן.—מיר

שיינט, אַז דאָרט, פאָרן איילֿיקאָליעפן.

אויסער דעם קאַפּיטאַן, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ געפאַר זיי שטייט פאָר, ווייל סיגריף האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער גאַנץ רוהיק. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן שווימען אָן אַן אָפּשטעל, ווייטער. אָבער דאָס פועדזשינער שיפל איז זיי געפאָרן אַנטקעגן. אונזערע פריינט האָבן בשום אופן נישט געקענט אויסמיידן דאָס באָטל, אויב זיי האָבן געוואָלט אַריינדרינגען אינם ים-דורכגאַנג. באַלד האָבן זיך אַלע שיפלאַך אויף אַזוי פיל דערנענטערט, אַז מען האָט געקענט זיך דורכריידן. דער קאַפּיטאַן האָט באַמערקט אינם פועדזשינער באָטל דריי פרויען, צוויי קינדער און זיבן מאַנסלייט. דערפון האָט ער געדרונגען, אַז די ווילדע האָבן נישט קיין שום בייזע כוונות. צוויי פון די ווילדע זיינען אויפגעשטאַנען, גענומען פאָכן מיט אַ פאָר פעלכלאַך איבערן קאָפּ און אויסגערופן:

—האָ—סיי, האָ—סיי!

—זיי זאָגן, אַז זיי ווילן זיך טוישן מיט זייערע סחורות,—האָט סיגריף דערקלערט.

—זייער גוט!—האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט—זאָלן זיי זיך דערנענטערן צו אונז!

די מאַטראָזן האָבן אויפגעהערט צו רודערן און דאָס פועדזשינער באָטל איז צוגעפאָרן נענטער.

דאָך איז דאָס באָטל געבליבן שטיין אויף אַ בכבודיקער שטרעקע פון אונזערע פריינט, וואָס איז אייגנטלאַך געווען אַן אומזיסטע פאָרזיכטיקייט. פאַר אונזערע דאַמען איז דאָס אָבער געווען אַ גרויסע טובה. פאַר זיי איז דאָס גענוג געווען אָנצוקוקן די ווילדע פון דערווייטן. די נייע באַקאַנטע האָבן אויסגעזען שמוציק און העסלאַך. יעדער האָט געהאַט אַ נידריקן שטערן, מיט אַ גרויסן קאָפּ, באַדעקט מיט געדיכטע האָר, וואָס זיינען קיינמאָל נישט געקעמט געוואָרן. קליינע רויטע אויגעלאַך, אַ גרויטער מויל ביז צו די אויערן. די מאַנסלייט האָבן געטראָגן קורצע פעלענע פעלצלאַך, פאַרגאַרטלט ביי דער ברוסט מיט אַ רימען. דאָס לייב איז זיי געווען אויסגעשמירט מיט פעץ

פֿון ים־הינט און וואַלפֿיש, און באַשאָטן מיט אַן עקלהאַפֿטן געמיש פֿון קרייד און קוילן. די פֿרויען זיינען געווען נאָך העסלעכער, געטראָגן האָבן זיי אַ מין קליידונג פֿון פּינגווין־פֿעדערן. איינע פֿון זיי האָט געהאַלטן אַ קינד צוגעבונדן צום רוקן. אויפֿן שיפֿל האָבן זיך אויך געפֿונען אַ פּאָר הינט, ענלאַכע צו קליינע פֿוקסן, מיט שפּיציקע פּיסקעס און שפּיציקע אויערן. די אַלע ווילדע פּונם באָטל האָבן געשריען און געכאַפּט מיט די הענט

סיגריף, וואָס האָט געקענט אַ פּאָר פּועדזשער ווערטער, האָט געדינט אַלס איבערזעצער. ער האָט געצוואונגען די ווילדע צו פֿאַרהאַלטן זיך אַ ביסל רואיקער און דער האַנדל האָט זיך אָנגעהויבן. די ווילדע האָבן פֿאַרקויפֿט פֿאַרשידענע פֿעלכלאַך און דערפֿאַר האָבן זיי באַקומען מאַנכע קלייניקייטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן שיפֿל: אַ ליידיק סאַרדינענשאַכטל, אַן אַלטן שליסל, אַ פּאָר אַלטע העקלאַך, אַ צוויי־דריי מעשענע קנעפּ. צוערשט האָבן זיך די ווילדע נישט געדונגען, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן סוף־כּל־סוף פֿאַרבלייבן די זיגער.

ווען זיי האָבן שוין געהאַט אויספֿאַרקויפֿט אַלע פֿעלכלאַך, האָבן זיי גענומען פֿאַרהאַנדלען זייער געפֿעס, מכּשירים צו כאַפּן פֿיש און אַפֿילו זייער איינפֿאַך געווער. סיגריף האָט געזען איינצעקויפֿן וואָס מער פּיקעס, בויגנס און שטיינערנע העק, און דערפֿאַר האָט ער זיי געגעבן סך־הכּל אַ צוויי־דריי טיכלאַך.

דערזען די טיכלאַך זיינען די ווילדע גאָר אויפֿגעקאָכט געוואָרן. די ווייבער האָבן זיך ערשט מיט גרויס ברען גענומען צום טוישהאַנדל. זיי האָבן אַלץ געוואָלט אַוועקגעבן, אַפֿילו זייערע טייערע האַלזבענדער. די פֿרוי, וואָס האָט געטראָגן אויפֿן רוקן דאָס קינד, איז אַזוי ווייט אוועק, אַז זי האָט גיס מאָד געוואָלט פֿאַרהאַנדלען איר אייגן קינד, כּדי צו באַקומען אַ קליין, רויט ציצנטיכל, וואָס יענע האָט געטראָגן אויפֿן האַלז. ווי עס פֿירט זיך ביי אַ מסחר, האָט זי שטאַרק געלויבט איר קינד, כּדי צו ווירקן אויף דער קויפֿערין.

—וואָס וויל די פֿרוי?—האָט מיסיס גאַניי געפֿרעגט.

—זי וויל אַוועקגעבן איר קינד פֿאַר מאָדס שאַל,—האָט סיגריף געזאָגט.

און אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

—איך האָב שוין אַ סך מאָל געזען, ווי די פֿאַרקויפֿן זייערע קינדער פֿאַר אַ שטיקל באַנד אָדער ציץ...

אַלע האָבן פּלוצלונג דערפֿילט עפּיס אַן עקל צו די פּועדזשינער. קיינער האָט מער נישט געוואָלט מיט זיי האַנדלען און דער קאַפּיטאַן האָט באַפֿוילן צו פֿאָרן ווייטער.

די פֿרוי, וואָס האָט באַגערט מאָדס טיכל האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויפֿן דעק פֿון שיפֿל, אויסגעצויגן די הענט און געוואָלט אַראָפּכאַפּן דאָס טיכל פֿון מאָדס האַלז. האַרי האָט איר אָבער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן רודער איבער די הענט.

די שוואַרצע פֿרוי האָט אָנגעהויבן ווילד צו שרייען. די ווילדע האָבן אונטערגעהאַלטן אירע קולות און געדראָט מיט די רודערס. זיי האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט ראַנגלען, ווײַל זייער גאַנץ געווער האָבן זיי פֿריער פֿאַרקויפֿט סיגריפֿן. די אַמעריקאַנער האָבן זיך רויִק דערווייטערט פֿון זיי.

—גאָט צו דאַנקען! ווי גוט דאָס איז, וואָס מיר האָבן נישט באַדאַרפֿט שיסן אין זיי,—האָט סיגריף געזאָגט און בעת מעשה לײַכט אָפּגעאָטעמט. — וואָלטן מיר אָנגעהויבן אַ שלאַכט מיט זיי, וואָלט אונדז תּיכּף באַפֿאַלן אַ גאַנצער לעגיאָן פֿון שדים.

—און אייך קומט אַ גרויסן דאַנק, וואָס איר האָט פֿריער אָפּגעקויפֿט בײַ זיי דאָס געווער, אַנישט וואָלט עס אַזוי גלאַט נישט אַדורכגעגאַנגען,—האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט.

—אַ גייע מעשה!—האָט האַרי מיט גרינגשעצונג אויסגערופֿן—וואָס קענען אונדז טאָן די מנוולים? פֿאַרגעסט נישט, אַז מיר זײַנען גוט באַוואָפֿנט.

—לאַכט, לאַכט, סער!—האָט סיגריף געזאָגט—איר ווייסט גאָרנישט, ווער די פּועדזשינער זײַנען. אַז זיי פֿאַלן אַרײַן אין גרימצאָרן, קען מען זיי גאָרנישט אָפּהאַלטן. זיי זײַנען זייער פֿאַרביסן. אַזוי ווי איר קוקט זיי אָן, זײַנען זיי דאָך, דאַכט זיך, קליין און

שוואַך, אָבער איר באַדאַרפט וויסן, אַז זיי זיינען זייער געשיקט, ווי אמתע מאַלפּעס. אויסערדעם קענען זיי זייער גוט טרעפן מיט אַ שטיין, אפילו אויף אַ שטרעקע פון הונדערט מעטער. איך בין נישט קיין פּחדן, נאָר איר מעגט מיר גלויבן, אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט האָבן צו טאָן מיט דריי שטאַרקע איראָפּייער, איידער מיט איין פּועדזשער מכשפה.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. סיגריף אָבער האָט נישט געלאַכט, נאָר שאַרף און אויפמערקזאַם געקוקט אויפן שיפל פון די ווילדע.

—איר זעט, איר זעט, איך האָב באַלד געוואוסט!—האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען—די שדים גיבן דורך רויך אַ צייכן צו זייערע חברים, אַז מיר פאָרן. אַ שלאַק זאָל זיי טרעפן!

פונם שיפל האָט זיך ווירקלאַך אויפגעהויבן אַ דינער ווייסער רויך. זיי האָבן געמוזט, קענטיק, ברענען עפּיס אַ באַזונדער מין גראָז, וואָס האָט זיך זייער געטויגט פאַר אַ סיגנאַל.

אויך אויפן ברעג האָט זיך באַלד באַוויזן אַזאַ מין רויך, נאָך אים—אַ צווייטער, אַ דריטער, כסדר. די אַלע צייכנס האָבן זיך באַוויזן צוערשט אין דער צפונזייט, נאָכדעם אויך אויפן דרומברעג.

—אַ שלעכטע מעשה—האָט דער טשעסלער שטיל אַ זאָג געטאָן צום קאַפּיטאַן—זיי ווילן אונז באַפאַלן פון צוויי זייטן. שלעכט, גאַנץ שלעכט. פון לינקס געפינט זיך די „פאַרברענטע" אינזל און פון רעכטס—די „קאַטערינע-אינזל." אויף ביידע וואוינען איי-ליקאָליעפן. זעט איר דאָרט דעם איינגאַנג אינם ים-קאַנאַל? אויב מיר וועלן באַוויזן זיך אַריינצעכאַפּן אַהין, וועט זיין גוט...

דער קאַפּיטאַן האָט דערווייל באַטראַכט די ברעגן דורכן שפּאַקטיוו.

—זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט ביז צוואַנציק שיפלאַך—האָט ער זיך אָנגערופן.—אויף יעדן ברענט אַ פייערל. זיי פאָרן אַלע צום ים-קאַנאַל, כדי אונז אַרומצערינגלען פון אַלע זייטן...

—אפשר וועלן מיר צוריקפאָרן?—האָט די פרוי גאַניי געפרעגט אַ דערשראָקענע.

—דאָס איז אוממעגלאַך.—האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט.—אויף די שיפלאַך זעט מען נישט קיין ווייבער און קינדער. דאָס באַווייזט, אַז זיי הויבן אָן אַ מלחמה אויף לעבן און טויט.

באַלד זייגען די שיפלאַך פון אונזערע פריינט אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן.

די ווילדע האָבן זיך געדרייט מיט זייערע שיפלאַך אַזוי נאָנט, אַז מען האָט דייטלאַך געקענט זען די מלחמה-טאַטואירונג פון די ווילדע, די פעדערן, וואָס זיי האָבן אין איילעניש אַריינגעשטעקט אין די שוואַרצע האָר. זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ מאַסע פּיקעס, שטיינער און פייל-און-בויגנס. די פנימער האָבן זיי געבערענט, פון די העלזער האָבן זיך אַרויסגעריסן משונהדיקע קולות פון רויב-פייגלאַך, וואס האלטן אין די נעגל זייער זיבערן רויב.

די קאַטאַסטראָפע.

די שיפלאַך פון די ווילדע האָבן פאַרשמעלערט דעם קרייז, כדי וואָס בעסער אַרומצערינגלען די פיינטלאַכע שיפלאַך, איידער יענע וועלן באַוויזן אַריינצעגיין אינם ים-קאַנאַל. די אייראָפּייער האָבן אָנגעווענדט אַלע כּוחות צו צעשטערן דעם פּלאַן פון די ווילדע. די האָפנונג זיך אַרויסצערייסן, איז אָבער געווען זייער אַ קליינע. אונזערע פריינט האָט געדראָט דער טויט, אָדער געפאַנגען צו ווערן, וואָס איז געווען נאָך ערגער ווי דער טויט. קאַפּיטאַן גאַניי האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב. דאָס ווייב און די טאָכטער האָבן אויף קיין איין רגע נישט פאַרלאָזט זיי-נע צעטרייסלטע מחשבות. ער האָט אַלץ געשריען צו די מאַ-טראָזן:

—לעבעדיקער, לעבעדיקער ברידער! אַרבעט! אַרבעט! מיר מוזן זיך ראַטעווען! נאָך אַ ביסל, נאָך איין אָנשטריינגונג! שטאַר-קער! לעבעדיקער! העפטיקער!

די ווערטער פלעגןווירקן. די צוויי שיפלאַך זיינען געפלויגן איבער די כוואַליעס, ווי ים-פייגל. די הינטערשטע שיפלאַך פון

די ווילדע זיינען שוין אפילו אָפּגעשטאַנען, אָבער די פּאָדער־שטע האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענט.

די ווילדע, וואָס זיינען דאָרט געזעסן, האָבן שוין געמאַכט די נויטיקע הכנות צום קאַמף. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, גענומען פּאַכן מיט די פּיקעס, און געשריען, ווי ווילדע חיות. דאָס איז געווען אַ שרעקלאַך און פיינלאַך בילד.

זיי האָבן שוין געפּרובט צו וואַרפן אַ שטיין, אַ פייל. אָבער זיי האָבן נישט געטראָפן, ווייל דער מהלך איז נאָך געווען אַ צו־ווייטער מיט יעדער רגע אָבער איז ער אַלץ קלענער געוואָרן.

דעמאָלט האָט האַרי איינגעפונען, אַז ס'איז שוין געקומען די רעכטע צייט אַרויסצוטרעטן ענערגיש. ער האָט געגעבן אַ באַפעל: „שיסט!" די מאַטראָזן האָבן אויסגעשאָסן. דריי ווילדע זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס האָט אָבער נאָכמער צערייצט די איבעריקע. זיי האָבן זיך גענומען צאַפּלען, ווי שדים און שליידערן שטיינער אָן אַן אויפהער. אַ פּאָר מאַטראָזן זיינען פאַר־וואונדעט געוואָרן.

די געפאַר איז געוואַקסן מיט יעדער רגע.

די שיפלאַך זיינען שוין אָבער געווען גאַנץ נאָנט צום קאַנאַל. פּלוצלונג איז פון דער קאַנאַל־זייט אַרויסגעשוואומען אַ גרויס שיפל מיט ווילדע און האָט אָפּגעשניטן דעם וועג פאַר אונזערע פריינט. איצט איז זיי פאַרבליבן נאָר איין מיטל: זיך דורכצו־שלאָגן אַ וועג מיטן געווער אין דער האַנט. די אייראָפּייאישע שיפלאַך האָבן זיך דערנענט צו איינאַנדער. די דאַמען האָט מען באַפוילן זיי זאָלן זיך אַנידערלייגן אויפן דעק. מען האָט באַ־שלאָסן צו דערטרינקען דאָס שיפל פון די ווילדע, וואָס האָט זיי אָפּגעשניטן דעם וועג. דערצו האָט מען באַדאַרפט איבערקערן דאָס שיפל. אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. בלויז צוויי ווילדע זיינען אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער, דאָס שיפל אָבער האָט זיך נישט איבערגעקערט. דעמאָלט האָבן די אייראָפּייער אויסגעהרגעט די ווילדע מיט די רעוואָלווערן, ביקסן און העק, און דער וועג איז געווען פריי.

די צוויי שיפֿלאַך זיינען באַלד אַריין אין קאַנאַל, פֿאַרפֿאָלגט פֿון די ווילדע. די לאַגע פֿון די אַמעריקאַנער האָט זיך אָבער שטאַרק פֿאַרבעסערט. ווייניקסטנס האָבן זיי געהאַט צו טאָן מיט די פֿאַרפֿאָלגער נאָר פֿון איין זייט. דערצו זיינען זיי נאָך געשוואומען אַ סך שנעלער ווי די ווילדע. יענע האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער און מער אָפּצעשטיין פֿון זיי און באַלד האָט מען, אָנשטאָט זיי, געזען בלויז אַ שורה פֿינגטלאַך, ענלאַך צו רויטפֿייגלאַך, וואָס רוען זיך אָפּ אויף די כוואַליעס. די פֿרייד פֿון די געראַטעוועטע לאָזט זיך ממש ניט באַשרייבן. מען האָט געזונגען און געלאַכט, ווי די גליקלאַכסטע מענטשן אין דער וועלט. די מאַטראָזן האָבן באַקומען קליינע וואונדן און דער ווי איז זיי תיכּף אויפֿן אָרט געלינדערט געוואָרן. די ווילדע האָבן שוין, קענטיק, מער ניט געהאַט בדעה זיי צו פֿאַרפֿאָלגן, דאָך האָט דער קאַפּיטאַן גאַניי באַשלאָסן זיך ניט אָפּצעשטעלן, ביז ער וועט ניט צריינפֿאָרן טיפֿער אין קאַנאַל.

אָבער אַז עס איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפֿן גאַנצן ברעג זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן וואַכפּאָסטנס פֿון די ווילדע און מאַסן פֿייערלאַך האָבן געציטערט דאָ און דאָרטן. נאָך מיט דרייהונדערט יאָר צוריק האָט מאַגעלאַן באַמערקט די טבע פֿון די אייליקאָליעפֿן, אָנצעצינדן אַ סך פֿייערלאַך מיט דער כּוונה צו וואָרענען איינאַנדער און דעריבער האָט ער די אינזלען, וואָס זיי באַוואוינען, אָנגערופֿן „פֿ י י ע ר ד י ק ע ע ר ד“.

דידאָזיקע פֿייערלאַך האָבן די אַמעריקאַנער אויסגעזען, ווי אַ סימבאָל פֿון האַס, וואָס די פֿועדזשינער האָבן געפֿילט צו די אייראָפּייער. און מען קען ניט זאָגן, אַז דערדאָזיקער האַס זאָל אינגאַנצן זיין אומבאַגרינדעט.

—מיר מוזן שווימען אַזוי ווייט, ביז די פֿייערן וועלן בלייבן הינטער אונז,—האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט.—אַ גליק, וואָס די ווילדע קענען אונז ניט זען צוליב דער פֿינסטערער נאַכט.

די פֿינסטערניש האָט באמת געשיצט די אייראָפּייער. ס'איז גע-

ווען שטאָקפינסטער, שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן הימל. מען האָט נישט געזען אויף צען טריט פון זיך. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ממש געווען אַן אומזין צו שווימען אין אַזאַ פינסטערניש. איצט אָבער האָבן דיזעלבע פייערן געוויזן די אַמעריקאַנער דעם וועג. זיי זיינען געשוואומען אַזוי ווי איבער אַ ברייטן טייך, צווישן צוויי פלאַמענשורות. צום גליק איז דער קאַנאַל געווען אַזוי ברייט, אַז די ווילדע האָבן פונם ברעג נישט געקאָנט באַמערקן די זעגלען.

די גאַנצע נאַכט זיינען זיי געשוואומען ביי אַזעלכע גינסטיקע באַדינגונגען. אין איין אָרט איז דער קאַנאַל געווען אַזוי שמאָל, אַז די ווילדע וואָלטן זיכער געקאָנט באַמערקן די שיפלאַך, ווען אַ געדיכטער נעבל וואָלט זיי נישט באַהאַלטן אונטער זיינע שיצנדיקע פליגלען. לייכט און אָן שטערונגען זיינען די שיפלאַך אָנגעקומען אין דאַרווינס ים-דורכגאַנג.

איצט האָבן זיי שוין אַלע פייערן געהאַט הינטער זיך. דאָס האָט שוין אַזוי גוט ווי געהייסן, אַז זיי האָבן זיך איינגאַנצן באַפרייט פון די ווילדע. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט אויסנוצן דעם גינסטיקן ווינט, און געטריבן ווייטער די שיפלאַך. ערשט צומאָרגנס בייטאָג, ווען זיי האָבן שוין דערגרייכט דעם צפון-מערבדיקן צווייג פונם ביגלישן קאַנאַל, האָבן זיך די שיפלאַך אָפּגעשטעלט אין אַ קליינעם ים-אויסגוס אויפן דרום-ברעג.

ס׳איז שוין געווען פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג. אין דעם ים-אויסגוס האָבן זיי געפונען פאַר די שיפלאַך אַ נאַטירלאַכן באַקוועמען האַפן. דער ברעג איז געלעגן אַ גלייכער, באַוואָקסן מיט געדיכטע ביימער. האָט מען אויפגעשטעלט דעם געצעלט און צעלייגט אַ פייער. הייץ-מאַטעריאַל איז געווען איבערגענוג.

מען איז געווען זיכער, אַז די ווילדע וועלן זיי דאָ נישט געפונען און דעריבער האָבן זיך אַלע מכין געווען זיך גוט אויסצורוען פון אַזויפיל שרעק און פחד און פּאָלוקס האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ גוטן מיטאָג פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע

דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום דעם פריילעך-קנאַקעדיקן פייער, מען האָט זיך לאַנג געקוויקט מיט דעם בלויען הימל און

דער גרינער ערד. אויף אַזאַ שיין גרין ווינקעלע האָט מען זיך גאָרנישט געקענט ריכטן אויף דער פייערדיקער ערד. דאָס איז זיכער געווען איינס פון די שענסטע ווינקעלאַך אין דעמדראָזיקן לאַנד. דער ים-אויסגוס האָט זיך געצויגן ווי אַ האַלבקרייז אַרום דעם ברעג, וואו עס איז געשטאַנען אַ שיינער געדיכטער וואַלד. טאָלן, בערג און בערגלאַך זיינען ווי כוואַליעס געלאָפן צום קעגנאיבער-דיקן האָריזאָנט.

דער וואַלד איז באַשטאַנען הויפּטזעכלאַך פון דריי מינים ביימער: איין מין איז געווען ענלאַך צו די בוקן, דער צווייטער—צו בע-ראָזעס, דער דריטער האָט געהייסן ווינטערס בוים, ווייל דער באַרימטער קאַפּיטאַן ווינטער האָט אים דער ערשטער געבראַכט קיין איינגלאַנד. אונטער דעם האָבן זיך דאָ און דאָרט געזען פאַרשידענע מינים גראָזן און קוסטעס.

דער ים-אויסגוס איז ביסלאַכווייז אַריבערגעגאַנגען אין אַ שמאָלן ים-פּאַס, וואָס האָט אינגאַנצן געהאַלטן אַ מייל די ברייט. אין איין אָרט איז דער ברעג געווען הויך און פעלזיק, און דאָרט האָבן זיך געצויגן צום הימל שאַרפע בערג-שפּיצן, באַדעקט מיט שניי. איינער פון די דאָזיקע בערג האָט געהייסן דאַרווינס באַרג און ער איז געווען באַצויגן מיט אַ מאַנטל פון אייז. צווישן די פעלזן און צווישן די בערג האָט געשלייגלט אַ שוואַר-צער וואַלד-פּאַס, דורכגעשניטן מיט טייכן, וואָס זיינען געלאָפן פון די בערג און זיינען אַריינגעפאַלן אין ים. ערטערווייז האָט זיך צעשמאָלצן דער באַרגשניי, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין רוי-שיקע שטראָמען און וואַסערפאַלן.

די מידע וואַנדערער האָבן געגלאָצט מיט די אויגן אויף די שיי-נע לאַנדשאַפטן און האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן די אַלע צרות און יסורים וואָס זיי האָבן נאָר-וואָס איבערגעלעבט און וואָס דער סוף צו זיי האָט זיך נאָך נישט געזען. די אַמעריקאַנער האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט ווען זיי האָבן דאָ באַמערקט דיזעלבע מינים פייגלאַך, וואָס וואוינען אויך אין די טראָפּישע לענדער, ווי פּאָפּוגייעס און קאָליבריס. די ערשטע האָבן גיריק געפרעסן די רויטע יאַגדעס פון ווינטערס בוים, און די צווייטע האָבן זיך

אַרומגעטראָגן ווי בינען איבער די בלומען און קושאַקעס. אין וואַלד, פון ווייטן, האָט געשריען אַ שוואַרצער פייגל מיט אַ שאַר־פער שטימע, וואָס האָט דערמאָנט דעם געלעכטער פון אַ שוטה. פון צייט צו צייט פלעגט אים פון ברעג אָפּענטפערן אַ ים־פייגל. אין ים־אויסגוס האָבן אַרומגעשוואומען מאַסן פעליקאַנעס, וואָס האָבן שאַרף אַריינגעקוקט אין דער ים־טיפעניש און האָבן אָנגע־ווענדט אַלע כּוחות, צו פּאַקן מיט די לאַנגע שנאָבלען וואָס מער פיש. אַרום יעדן פעליקאַן האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע אומ־פאַרשעמטע מעוועס, וואָס האָבן געקוקט דעם פעליקאַן אין שנאָבל אַריין. ווי נאָר דער פעליקאַן פלעגט כאַפּן אַ פיש, פלעגט זיך דערהערן אַ שרעקלעכער געשריי און אַ קלאַפּעריי מיט די פליג־לען. כּדי צו דערשלינגען דעם פיש, פלעגט דער פעליקאַן אַ וואָרף טאָן דעם פיש אין דער הויך און אונטערשטעלן זיין אָפּע־נעם שנאָבל. עפּטער פלעגט זיך אָבער טרעפן, אַז דעמדאָזיקן פיש פלעגט אַרויסכאַפּן די מעווע. עס פלעגט זיך אָנהויבן אַ קריגעריי און אַ רייסעניש צווישן די מעוועס, אָבער דער פעלי־קאַן פלעגט על־פּי־רוב בלייבן מיט אַ נאָז און איז געווען גע־צוואונגען צו זוכן ערגעץ נייע פיש.

ס׳איז געוואָרן נאַכט, אָבער גישט פינסטער. אַ לאַנגע צייט נאָכן זונפאַרגאַנג האָבן די אייז־טייכן און שניי־בערג־שפּיצן אָפּגעשלאָגן פון זיך אַ העלן, מערקווירדיקן שיין, וואָס איז געווען ענלאַך צום צפונליכט. ערשט צען אַ זייגער אין אָוונט איז געוואָרן רעכט פינסטער און די מידע וואַנדערער זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן איי־נער נאָכן צווייטן.

אויף צומאָרגנס איז געווען אַ שיינער טאָג און אַלע האָבן איינ־שטימיג באַשלאָסן צו פאַרבלייבן נאָך אויף אַ טאָג אין דעמדאָ־זיקן גן־עדן־ווינקעלע. האַרי טשעסטער האָט זיך איינגעגעבן צו פּאַקן אַ גרויסן פיש צום פרישטיק. דאָס איז געשען אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן. האַרי האָט זיך אויסגעטאָן אויפן ברעג, און זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. נישט ווייט פון די שיפלאַך האָט ער באַמערקט אַ באַקלאַן, אַזאַ מין ים־פייגל, וואָס האָט זיך

געשפּילט מיט די פיש ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. דער באַקלאַן איז זיך געזעסן אין וואַסער גאַנץ רוהיק און זיך געמאַכט שלאָפנדיק ביז עס פלעגט זיך אונטערדרייען עפּיס אַ פיש. דעמאָלט פלעגט ער אים פלינק אַ פּאַק טאָן פונם וואַסער. ער פלעגט אים אָבער באַלד נישט אויפעסן, נאָר צוריק אָפּלאָזן, ווי דאָס טוט אַ קאַץ מיט אַ מויז. דאָס באַפרייטע פישל האָט, נאַטירלאַך, זיך געאײַלט אַוועקצעשווימען וואָס ווייטער. דער באַקלאַן אָבער פלעגט אים ווידעראַמאָל פּאַקן און ווידעראַמאָל אים אָפּלאָזן און דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלאַכע מאָל.

דאָס מאָל אָבער האָט זיך דאָסדאָזיקע גרויזאַמע שפּיל געענדיקט זייער ביטער פאַרן באַקלאַן.

בשעת דער באַקלאַן האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט אַ גרויסן פיש פון אַ פיר פונט, האָט זיך האַרי שנעל אַ וואָרף געטאָן נאָכן פיש און האָט אים געפּאַקט. דער באַקלאַן איז עפּיס מבולבל געוואָרן און איז אַוועקגעפלויגן אַ דערשראָקענער.

אַלע זײַנען געווען שטאַרק צופרידן מיט האַריס פיש, וואָס איז געווען זייער באַטעמט. דער באַקלאַן איז, אפנים, געווען אַ מבין אויף פיש...

אַז מען האָט געענדיקט דעם פרישטיק האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע קנאַקערײַ אין איינעם פון די אײַז-טײַכן. האַרי האָט דער ערשטער באַמערקט, אַז דער אײַזטײַך האָט זיך עפּיס אַ רוק געטאָן. קיינער אָבער האָט נישט געלייגט דערויף קיין שום אַכט, ווײַל יעדער איז געווען פאַרטאָן אין זײַנע רעיונות—דאָס-מאָל גליקלאַכע, העלע און צופרידענע. די ברייטע אײַז-פעלדער האָבן געבליצט מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגן-בויגן און די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. דער קאַפּיטאַן, וואָס איז געווען אַן אויפגעקלערטער און אַנטוויקלטער מענטש, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָט געשמועסט מיט זײַן טאָכטער וועגן דער אַנטשטייונג פון די אײַז-בערג און די פּאָל-ימים.

—צוליב זייער מאַסיווקייט,—האָט ער איר דערקלערט,—קריכן די אײַז-בערג אַלץ מער אַרונטער פון באַרג, אויף וועלכן זיי זײַנען אַנטשטאַנען, אַזוי דערקריכן זיי ביז צו וואַסער, אויב דער באַרג

איז נאָענט פון אַ ים-ברעג. דאָס דויערט זייער לאַנג, זאָגאַר טויזנ-
טער יאָרן. צוליב דער וואַרימקייט פונם ים-וואַסער, ווערט אַ טייל
אין ים צעשמאָלצן, גרויסע שטיקער אייז רייסן זיך אָפּ און שווימען
אַוועק מיטן וואַסער. דאָס זיינען די אייז-בערג. זיי שווימען אין
ים אַזוי לאַנג, ביז זיי צעשמעלצן. דאָס קען אָבער דויערן אויך
אַ פּאָר הונדערט יאָר.

דעם קאַפּיטאַנסוועדטער זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שטאַרקן
דונער, פּונקט ווי מען וואָלט פאַר איין מאָל אויסגעשאָסן פון
אַ פּאָר האַרמאַטן. די רייזנדע האָבן אינדערוויטנס דערזען, ווי
אַ גרויסער אייזבאַרג האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי ריזיקע
שטיקער. דאָס פאָדערשטע שטיק איז שווער אַריינגעפאַלן אין ים
אַריין. דאָס וואַסער איז באַלד באַדעקט געוואָרן מיט אַ רוישיקן
שוים. אינם ים-קאַנאַל האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכע כוואַליע,
וואָס איז געווען צען מאָל העכער פון יענער, וועלכע האָט אין
זיינער צייט דערטרונקען די „קאַליפּסאָ". דידאָזיקע כוואַליע האָט
אַפילו פאַרגאָסן דעם אָרט, וואו אונזערע פריינט זיינען געזעסן.

דאָס אַלץ איז געשען אין אַ פּאָר סקונדעס. די רייזנדע האָבן
קוים באַוויזן זיך אָנצוהאַלטן פאַר די צווייגן פון די נאָענטסטע
ביימער, די כוואַליע האָט זיך בדייט צעגאָסן איבער זיי, ווי
דער גרעסטער שלאַקסרעגן, האָט זיי דורכגענעצט ביז צום לייב,
האָט אונטערגעשווענקט דאָס געצעלט, דאָס פייער, דאָס געפעס
און דעם פּראָוויאַנט. באַלד האָט זי זיך צוריקגעצויגן און באַדעקט
די אומגליקלאַכע מיט קאַלטע וואַסער-צמחים...

געקומען צו זיך, האָבן די רייזנדע אין ערשטן אויגנבליק זיך
הויך צעלאַכט פון זייער צופעליקער, קאַלטער וואַנע. באַלד אָבער
האָבן זיי איינגעזען, אַז ס'איז נישטאָ, וואָס צו לאַכן, און סיג-
ריף האָט אַ זאָג געטאָן:

—צו אַלדי שוואַרץ יאָר! די שיפלאַך! די שיפלאַך! זיי זיינען
נישטאָ!

אַלע זיינען בלאַס געוואָרן, ווי קאַלך. די כוואַליע האָט די שיפ-
לאַך צעשמעטערט אויף טויזנטער שטיקער אָן די אַרומיקע פעלזן.

און איצט האָבן זיך געטראָגן איבערן וואַסער איינצעלנע שפּענד־לאַך.

אַ גרויסער אייז־באַרג האָט פאַרנומען דריי־פערטל פונם ים־קאַנאַל און האָט פאַרשטעלט פאַר אונזערע פריינט דעם צווייטן ברעג, וואָס האָט אַזוי געקוויקט דאָס אויג מיט זיינע הויכע ביימער און זיינע זאַפטיקע גראָזן...

די עקספּעדיציע.

אונזערע וואַנדערער זיינען פאַרבליבן אָן שיפלאַך, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן פּראָוויאַנט, און אָן געווער. דער ים האָט אַלץ אַראָפּגעשווענקט. זיי האָבן איצט פאַרמאָגט נישט מער, ווי זייער נאַסע קליידונג. צופעליק איז זיי אויך פאַרבליבן סיגריפס רעוואָלווער, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ קוסט. ער איז אָבער אויך געווען איינגאַנצן דורכגענעצט און האָט זיכער צו גאָרנישט געטויגט. קיין גרעסער אומגליק האָט מיט זיי שוין נישט געקאָנט געשען. טויזנט מאָל בעסער וואָלט שוין געווען צו בלייבן אין אַזאַ לאַגע ערגיץ אויף אַ ווילדער אינזל, איידער אויף דעם נישט גאַסטפריינטלאַכן ברעג, וואו אַ ליאַדע מינוט האָבן געקענט אָנקומען מענטשנפרעסער.

די אַרומיקע געגנט איז אָבער געווען אַזוי שיין, אַז ס׳האָט זיך פּשוט נישט געגלויבט, אַז דאָ זאָל קאָנען געשען עפּיס אַן אומגליק. דאָך אָבער האָבן אַלע געוואוסט, אַז נאָכן הערבסט וועט קומען אַ שטרייַנגער, קאַלטער ווינטער, וואָס וועט אַרומכאַפּן דאָס לאַנד, ווי אייזערנע קייטן.

דער קאַפּיטאַן האָט גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ צרות די איירא־פּייער זיינען אויסגעשטאַנען אויף דער פייערדיקער ערד. ער האָט זיך דערמאָנט אָן סאַרמיענטאָס פּראָבע צו שאַפן אַ קאָלאָניע אין מאַגעלאַנס ים־קאַנאַל. די קאָלאָניסטן, דריי הונדערט מאַן, מאַנסלייט, ווייבער און קינדער, זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער. עד־היום הייסט דער דאָרטיקער האַפן „הונגעריקער". דעמזעלבן טרויעריקן גורל האָט אויך געהאַט גאַרדינערס פּראָבע בשעת אַלע נפשות, וואָס זיינען מיט אים מיטגעפאָרן, זיינען אומגעקומען. דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז ביידע קאָלאָניסטן־פּאַרטיעס זיינען געקומען אויף דער פייערדיקער ערד מיט אַלע נויטיקע מכשירים, מיט פּראָוויאַנט, געווער, נעצן און יאַגד־מיטלען. אויף וואָס האָבן זיך, אַלזאָ, געקאָנט ריכטן אונזערע רייזנדער, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף דערדאָזיקער ערד בלויז מיט צען פינגער?

אַפילו די איינגעבאָרענע איינוואוינער, וואָס פאַרמאָגן געװיס מכשירים און געווער, מוזן פירן אַ פאַרביסענעם, אָפט מאָל אומזיסטן קאַמף פאַר זייער קיום. אונזערע פריינט וועלן אַזוי־אַרום מוזן זיך דערנערן מיט מושליעס און מיט דעם אַלעם, וואָס דער ים וואַרפט אַרויס. זיי וועלן זיין געצוואונגען צו וואַנדערן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, פון זומפּ צו זומפּ, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון ים.

אין אַזעלכע פינסטערע רעיונות האָט זיך פאַרטיפט דער קאַפּיטאַן גאַניי, בשעת די דאַמען האָבן הינטער די בוימער געטריקנט מאַנכע טיילן פון זייער טואַלעט. האַרי טשעסטער, סיגריף און די איבעריקע מאַטראָזן זיינען דורך דער צייט נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אַ טייל פון זיי האָבן געשניצט שטעקנס און פּיקעס פון האַרטן האָלץ, אַנדערע האָבן געפלאָכטן אַ גראָז־געצעלט פאַר די דאַמען, צוויי־דריי האָבן זיך געמאַכט פייל און בויגנס און האָבן זיך געלערנט וואַרפן שטיינער. איינער האָט אפילו באַוויזן אויסצעשניצן אַ האַטשעק פון אַ שטיקל בלעך, האָט אים צוגעבונדן צו אַ שנירל און איז אַוועק דערמיט כאַפּן פיש. מיט איין וואָרט, אַלע, אויסער אַ פּאָר ליידיקגייער און פוילער,

האָבן געזען מיט אַלע כּוחות לייכטער צו מאַכן די אַלגעמיינע שווערע לאַגע. אַ דאַנק די אַלע באַמיונגען, האָט פּאָלוקס געהאַט צום פרישטיק פיר פּאַפּוגאַיען, צוויי גוטע פיש, אַ סך ראַקעס און אַ גאַנצן הויפן באַרבאַריס-יאַגדעס, דאָס אַלץ האָט ער צוגע-בראָטן אויף הייסע קוילן, אָן טעפּלאַך, און דער עולם האָט ווי-עס-איז אָפּגעמיטאָגט.

נאָך מיטאָג האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַ קליינע אויספאָרשונגס-עקספּעדיציע אונטער דער אָנפירונג פון האַרין מיט סיגריפן, און דעמאָלט וועט מען זען, וואָס מען האָט ווייטער צו טאָן. פאַר-בלייבן אויף דעם אייגענעם אָרט איז געווען אַן אוממעגלאַכע זאַך. זיי האָבן געמוזט זיך אויסגעפינען אַ פּאַסנדיקן באַרג, כּדי באַמערקט צו ווערן פון אַ דורכגייענדיקער שיף. אַזאַ אָרט און נאָך אַנדערע וויכטיקע זאַכן האָט באַדאַרפט באַשטימען די עקס-פּעדיציע. פריער אָבער האָט מען געזאָלט געפינען אַ פּאַסיקן וועג און זען אויסמיידן אַלע מעגלאַכע שוועריקייטן און געפאַרן.

—מיר קענען נישט גיין מיטן ברעג—האָט סיגריף זיך אָנגערופן צו האַרין.—ווייל דאָרט זיינען לויטער פעלזן און מיר וועלן צע-ברעכן די פיס. מיר מוזן גיין מיט די בערג. דאָס איז אַ ביסל שווערער, דערפאַר אָבער וועלן מיר האָבן פאַר אונזערע אויגן אַ גרעסערן שטח.

—אָבער לאָמיר זיך לאָזן אין וועג אַריין!—האָט האַרי צוגעאיילט דעם עולם. איך בין מסכּים מיט אייך, הער סיגריף...

מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אָבער דער וועג דורך די בערג איז געווען קיין לייכטער. פון אַ דורכגעלייגטן וועג האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. זייער אָפט איז זיי אויס-געקומען צו קריכן אויף אַלע פיר, די גרעסטע שטערונג איז באַשטאַנען אין די אַלטע פאַרפוילטע ביימער, וואָס זיינען אומ-געפאַלן בשעת אַ שטורם און האָבן זיך איצט געוואַלגערט אויף דער ערד. דער וואַנדערער פּלעגט זיכער אַוועקשטעלן דעם פוס אויפן קלאָץ, מיינענדיק, אַז ער האָט פאַר זיך אַ פעסטן באָדן, אָבער דער פוס פלעגט איינזינקען, ווי אין אַ זומפּ.

די וואַלדלופּט איז געווען אַזאַ קאַלטע, אַז אַלע זיינען געפּראָרן געוואָרן. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, וואָס פלעגט טיילמאָל איבערגעריסן ווערן פון אַ שאַרפן סאָווע-געשריי. דאָס האָט שווער געווירקט אויף די וואַנדערער און זיי זיינען פאַמעלאַך געקראָכן און נישט גערעדט קיין וואָרט. אַפילו דער פריילאַכער האַרי האָט פאַרלאָרן זיין הומאָר און האָט זיך שווער געשלעפּט פאָרויס.
ערשט אין צוויי-דריי שעה אַרום איז זיי געלונגען אַרויסצעגיין פון געדיכטן וואַלד.
דאָ זיינען געוואַקסן דיזעלבע מינים ביימער, וואָס אויפן בערג. אָבער דאָ זיינען זיי געווען אַ סך קלענער. זיי זיינען געוואַקסן מער אין דער ברייט, ווי אין דער הויך. אין דער הויך, למשל, האָט אַזאַ בוים געהאַלטן צוואַנציק צאָל, און אין דער ברייט — ביז צוואַנציק פוס, די צווייגן זיינען געווען לאַנג און געדיכט און האָבן געבילדעט אַ פעסטע גלאַטע וואַנט. דער וועג אָבער איז געווען נאָך שווערער, ווייל מען האָט געמוזט זיך דורכרייסן דורך די לאַנגע צווייגן. עפּטער פלעגן די וואַנדערער זיך אויסגליטשן צוליב די פאַררעטערישע וואָרצלען, און די דערנער האָבן צעריסן זייערע לייבער ביז בלוט. אין אַ שעה צייט האָבן זיי דורכגעמאַכט נישט מער, ווי הונדערט מעטער.
צום גליק אָבער איז דער פּאַס פון די נידעריקע ביימער געווען אַ גאַנץ שמאָלער. וואָס העכער די וואַנדערער האָבן זיך אויפגעהויבן, אַלץ פרייער איז געוואָרן דער וועג. איצט האָבן זיי געזען בלויז גראָז און זעלטענע ביימלאַך.
פון אַלע זייטן האָבן זיך אויף אַן אומענדלאַכן שטיק געצויגן פאַרשידנאַרטיקע בערג, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געשפּאַרט איינער אויפן צווייטן אין אַ מאַלערישער אומאָרדנונג. דאָ זיינען געווען קאָנוסאַרטיקע בערג און בערג מיט פלאַכע אָדער מיט פאַרשאַרפטע שפּיצן. אַנדערע בערג האָבן אויסגעזען, ווי טעראַסן. איינער איז געווען ענלאַך צו אַ גאָטישן גלאָקן-טורם, דער צווייטער — צו אַ מיטלאַלטערלאַכן טורם. איבער זיי אַלעמען האָט געוועלטיקט דאַרווינס באַרג, וואָס האָט שטאָלץ געהויבן זיין שפּיץ

קאָנקורירנדיק מיטן סאַרמיענטאָ, וואָס האָט זיך געזען אַ ביסל ווייטער, אין דער צפון-מזרח-ריכטונג. ברייטע טיפע טאָלן, דאָ נאַקעטע און מרה-שחורהדיקע און דאָ זאַפטיקע און גרינע, האָבן דורכגעשניטן די בערג. דאָס רוב טאָלן אָבער האָבן אויסגעזען ווי שוואַרצע לעכער. יענע טאָלן, וואו עס האָבן געדרוישט די שניי-ווייסע אייזטייכן, האָבן געברענט אויף דער זון מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן.

עטלאַכע טאָלן האָבן זיך געצויגן ביז צום סאַמע ים. זיי זיינען געווען אַזוי טיף, ווי דער ים און אַ דאַנק זיי, האָט די פייער-דיקע ערד נישט געהאַט די אייגנשאַפט פון איין שטיק ערד, ווי די געלערנטע האָבן אַ לאַנגע צייט גערעכנט. זיי האָבן געבילדעט אַ מין אַרכיפעלאַג אינזלען, וואָס זיינען געלעגן נאָנט צו איינאַנ-דער.

האַרי טשעסטער און זיינע באַגלייטער האָבן זיך לייכט איבער-צייגט דערין, אָבער די פראַגע האָט זיי נישט שטאַרק אינטע-רעסירט. זיי האָבן מער באַטראַכט דעם ים-קאַנאַל, דורך וועלכן עס זיינען געקומען זייערע שיפלאַך. זיי האָבן איינגעזען, אַז דערדאָזיקער קאַנאַל באַהעפט זיך מיט אַ צווייטן קאַנאַל, וואָס איז טיפער פון דעם ערשטן און וואָס ציט זיך צו מזרח-צו אין אַזאַ גלייכער ליניע, פונקט ווי מען וואָלט אים קינסטלאַך אויס-געגראָבן.

—דאָס איז דער ביגלישער קאַנאַל,—האָט סיגריף געזאָגט.—מיר וואָלטן אים אַדורכגעשוואומען, ווען אונזערע שיפלאַך וואָלטן נישט אומגעקומען אַזוי נאַריש. אויף דער צווייטער זייט ליגט לאַמערס קאַנאַל און דער ים-אויסגוס „ערפאָלגרייכער”. כמעט יעדן חודש קאָן מען דאָרט טרעפן אַ וואַלפיששיפל.

האַרי האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן:

—אויף אַזאַ אופן,—האָט ער געזאָגט,—קענען מיר דאָך דורכגיין צופוס די שטרעקע, וואָס מיר האָבן געוואָלט דורכגיין מיטן ים.

—יאָ, געוויס קענען מיר!—האָט זיך סיגריף טרויעריק צעלאַכט.—דער וועג איז זייער אַ שווערער. איר האָט דאָך אַליין געזען!

מיר זיינען דורכגעגאַנגען בלויז אַ קליינעם טייל, אָבער וויפיל האָבן מיר זיך אָנגעליטן?

—נישקשה, מען באַדאַרף נאָר נישט פאַלן פון מוט,—האָט האַרי באַמערקט און בעת-מעשה געגוי באַטראַכט די געגנט—אָ, גיט נאָר אַ קוק, סיגריף! האָט ער פּלוצלונג אויסגערופן און אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר ווייסע פּינטעלאַך אויפן ים—מיר ווייזט אויס, אַז דאָס זיינען ווידעראַמאָל די שיפלאַך פון די ווילדע!

סיגריף האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אין יענער זייט און נאָכדעם אַרויסגעזאָגט:

—יאָ, איר זענט גערעכט—אָהאָ, גאַנצע צוואַנציק שטיק, דאָס קען זיין אַ ביטערע מעשה! איך זע אָבער, אַז זיי זיינען שוין פאַרבייגעשוואומען פאַרביי אונזער לאַגער אודאי מיט אַ שעה פריער. פּאָלוקס האָט שוין געוויס אויסגעלאָשן דעם פייער און דער לאַגער געפינט זיך אויף אַ הויכן פּונקט. לאָמיר האָפן, אַז די מענטשנפרעסער האָבן אונז נישט באַמערקט!

דערווייל האָט האַרי אָנגעצייכנט אין זיין נאָטיצביכעלע די קאַרטע פון ביגלישן קאַנאַל, אויף וויפיל ער האָט עס געקענט טאָן אָן די נויטיקע אינסטרומענטן.

זיינע באַגלייטער האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט נאָכן שווערן וועג, זיינען געזעסן אָדער געלעגן אויף די שטיינער.

ווען האַרי האָט געענדיקט צייכענען, זיינען זיי געגאַנגען צוריק אין לאַגער.

דאָס גיין צוריק איז, ווי אַלעמאָל אין אַזוינע פאַלן, געווען אַ סך לייכטער. די וואַנדערער זיינען פּראַקטישער געוואָרן, און אַז זיי פלעגן אומפאַלן, פלעגן זיי זיך נישט סטאַרען אויפצעהויבן, נאָר פלעגן זיך אַראָפּקאַטשען גלייך פון באַרג און אַזוי-אַרום האָבן זיי זיך דערנענטערט צום ציל. זיי האָבן זיך שפּעטער אַזוי צוגע-וויינט צום פאַלן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ נאָרמאַלער פאַרקערס-מיטל. כמעט דעם גאַנצן וועג האָבן זיי דורכגעמאַכט דורכן קאַ-טשען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, צעשפּרייט די הענט אין דער לופטן. אויף אַזאַ אופן זיינען זיי געקומען צום ברעג, גאַנץ און געזונט, נאָר שטאַרק דורכגענעצט, ווי זיי וואָלטן

אַדורכגעשוואומען דעם ים.
דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען נישט דאָרט, וואו דער לאַגער איז געווען, נאָר אַ שטיק ווייטער צו מזרח און איצט האָבן זיי געמוזט זיך אומקערן צוריק מיטן ברעג. דאָס איז שוין ווידער געווען אַ שווערער וועג און מיט גרויסע שוועריקייטן איז די קליינע אָפּטיילונג געגאַנגען פאָרויס דורכן געדיכטן וואַלד, האַלטנדיק זיך ביי אַ הונדערט מעטער ווייט צום ברעג. פּלוצלונג האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַ קליינער וואַלדלאָנקע, וואו ס'זיינען פאַרבליבן דייטלאַכע שפּורן פון אַ מענטשלאַכן ישוב. מען האָט געקאָנט זען חורבות פון אַ הייזל און אויפן סאַמע ברעג ים איז געלעגן אַ קופּע מיסט פון ראַקעס. אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, וואו מען האָט צום ערשטן מאָל אַנטדעקט אַזעלכע קופּעס, האָט מען זיי אָנגערופן קאָדיען-מאָד-ינגס, ד. ה. קיך-מיסט. אין אייראָפּע דינען דידאָזיקע קופּעס אַלס דיינקמעלער פון אַ שטיק פּאַרצייטיק לעבן. האַרי טשעסטער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער קופּע, וואָס איז פאַרבליבן פון די ערשטע איינוואוינער אויף דער וואַלדלאָנקע. ער האָט איבערגעוואָרפן די ראַקעס מיט זיין הילצערנער פּיקע און האָט געפונען הינטער זיי אַ גוטע שטיינערנע האַק מיט אַ הילצערנעם הענטל.

—אַ האַק, סיגריף, אַ האַק!—האָט ער פריילאַך אויסגעשריען, און געפּאַכט מיט אים איבערן קאָפּ.—איצט וועלן מיר קענען אויסבויען אַ שיף. האַלץ האָבן מיר גענוג און מיט אַ האַק קאָן מען שוין אויספירן די אַרבעט.

—איר האָט רעכט, מיסטער האַרי!—האָט סיגריף רוהיק אַ זאָג געטאָן און באַטראַכט דעם האַק—פאַר אונז האָט אַזאַ האַק, הגם אַ שטיינערנע, זייער אַ גרויסע באַדייטונג. ווער וואָלט זיך דאָס געריכט מיט אַ חודש צוריק,—האָט ער לאַנגזאַם צוגעגעבן,—אַז מיר וועלן זיין ממש גליקלאַך, ווען מיר וועלן געפינען אַ שטיינערנעם האַק אין אַ פּועדזשינער מיסט!

די וואַנדערער האָבן דורכגעקוקט און דורכגענישטערט די גאַנצע קופּע: זיי האָבן אָבער גאָרנישט געפונען אויסער אַ ביינער-

בע נאָדל, וועלכע האַרי האָט מיטגענומען פאַר מיס מאָד. נאָכ־ דעם איז די קליינע אָפּטיילונג אַוועק ווייטער אין וועג.

די זון איז שוין געווען אונטערגעגאַנגען, ווען זיי זיינען צוגע־ קומען צום לאַגער. דאָרט אָבער האָט אויף זיי געוואַרט אַ ניי אומגליק: דער לאַגער איז געווען פּוסט! דער גאַנצער זאַמדי־ קער ברעג איז געווען באַדעקט מיט שפּורן פון באָרוויסע פיס. דאָס האָט עדות־געזאָגט, אַז דאָ זיינען געווען די ווילדע, וואָס האָבן, קענטיק, אַוועקגעפירט מיט זיך אַלע אַמעריקאַנער, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אין לאַגער.

זיי זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן!..

אַז די עקספּעדיציע איז אַרויס אין וועג אונטער דער אָנפֿי-
רונג פֿון האַרין און סיגריפֿן, האָט דער לאַגער איבערגעלעבט
זייער אַ שווערן מאָמענט.

איינער פֿון די איבערגעבליבענע מאַטראָזן, וואָס איז געזעסן ביים
ברעג ים און געפֿלאָכטן אַ ווענדקע, האָט פּלוצלונג אַוועקגעוואָרפֿן
די אַרבעט, איז צוגעלאָפֿן צום קאַפּיטאַן און האָט אים שטיל אַ
זאָג געטאָן:

—אַהער פֿאָרן ווילדע!

דער קאַפּיטאַן האָט אויפֿגעהויבן די אויגן. אין ים-קאַנאַל האָט
זיך באַוויזן אַ גרויס שיפֿל. נאָך אים אַ צווייטס, אַ דריטס—אינ-
גאַנצן ביי אַ צוואַנציק שיפֿלאַך. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס
זיינען אייליקאָליעפֿן.

וואָס האָבן די אַמעריקאַנער געקאָנט טאָן? אַנטלויפֿן אין וואַלד
אַריין און זיך דאָרט באַהאַלטן? דאָס וואָלט אפשר געווען דאָס
בעסטע, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום געווער און זיך
נישט געקאָנט שיצן געגן די ווילדע. מען האָט אָבער אויך גע-

קאָנט פאַרבלייבן אויפן ברעג, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומ-געריגגלט געווען מיט פעלזן, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט האָפן, אַז די ווילדע וועלן פאַרביישווימען און וועלן נישט באַמערקן דעם לאַגער.

און דער קאַפּיטאַן האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין לאַגער, בפרט נאָך, אַז די דאַמען, וואָס געפינען זיך מיט אים אין לאַ-גער, קאָנען נישט לויפן. מען האָט גלייך אויסגעלאָשן דעם פייער, אַראָפּגענומען דעם געצעלט און אים באַהאַלטן אונטער אַ בוים, און אַליין האָט מען זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד און גע-וואַרט, וואָס וועט זיין ווייטער.

אינגיכן זיינען די שיפלאַך נענטער צוגעפאָרן צום ברעג. זיי האָבן אויך געפירט מיט זיך מאַנסלייט, ווייבער, קינדער און הינט צוזאַמען מיט דער אָרימער באַלאַבאַטישקייט פון אַ ווילדן שבט: געצעלטן פון פעל, געפעס, מכשירים און געווער. ווי ס'האָט אויס-געזען, האָט דער גאַנצער שבט אַריבערגעוואַנדערט אויף נייע וואוינפּלעצער, ווייל די אַלטע זיינען שוין אינגאַנצן אויסגענוצט געוואָרן דורך זיי.

דער קאַפּיטאַן האָט פון הינטער אַ געדיכטן קוסט נישט אַראָפּ-געלאָזט דאָס אויג פון די ווילדע. ער האָט דערזען, צו זיין גרויס שרעק, ווי די שיפלאַך שטעלן זיך אויס פאַרן ברעג, פונקט ווי זיי וואָלטן געהאַט בדעה צו אַטאַקירן די אַמעריקאַנער. דער קאַ-פּיטאַן האָט זיך געשראָקן, אַז די ווילדע האָבן דערשמעקט דעם לאַגער און ווילן זיך איצט אָפּרעכענען מיט זיי.

די שרעק איז אָבער דערווייל געווען אן אומזיסטע. די ווילדע האָבן זיך פשוט מכין געווען צו כאַפּן פיש.

לויטן צייכן, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון אַ גרויסן שיפל, האָבן זיך אַלע שיפלאַך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז און זיינען אַריינגעשוואומען אין ים-אויסגוס. אין דערזעלבער צייט זיינען פון די שיפלאַך אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַ דרייהונדערט הינט, וואָס האָבן שטאַרק געבילט. די הינט האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו דערשרעקן די פיש און זיי צוזאַמענצעטרייבן אין מיטן פון האַלבקרייז. די ווילדע האָבן באַלד פאַרוואָרפן די נעצן

אין וואַסער און האָבן זיי אַרויסגעצויגן צוריק שווער באַלאָדן מיט פיש. עס איז געווען אַן אינטערעסאַנט בילד. מאַסן פעלי-קאַנעס און באַקלאַנעס האָט זיך דערשראָקן געטראָגן איבער די קעפּ פון די ווילדע. די מער דרייסטערע פון זיי זיינען געפלויגן גאַנץ נאָנט און האָבן זיך געסטאַרעט אויך צו געניסן אַ ביסל פון דעם גרויסן פיש-שלל. די איבעריקע זיינען אַוועקגעפלויגן אַ ביסל ווייטער. אין דעם ריינעם דורכזיכטיקן וואַסער האָט מען געקענט דייטלאַך זען, ווי אין אַן אַקוואַריום, ווי די דערשראָקענע פיש האָבן זיך קאָנוואולסיוו געשליידערט צווישן דעם ברעג און די שיפלאַך. פון הינטן אויף די שיפלאַך זיינען געזעסן די ווייבער מיט רודערס אין די הענט, פון פאָרנט זיינען געשטאַנען די מאַנסלייט מיט קליינע נעצן, געפלאָכטן פון פלאַנצונגען. די ווילדע האָבן יעדעס מאָל אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער גרויסע זילבערנע פיש, וואָס זיי פלעגן וואַרפן אין די שיפלאַך אַריין, וואו די קינדער פלעגן זיי שוין איבערשניידן די העלזער.

דער פישפאַנג האָט געדויערט אַ קנאַפּע שעה ביי דער באַגליי-טונג פון אַ מורהדיקן קאָנצערט. די הינט זיינען דריי מאָל אַריינ-געלאָזט געוואָרן אין וואַסער, יעדעס מאָל האָבן זיך די שיפלאַך אַלץ מער און מער דערנענטערט צום ברעג. אין אַ שעה אַרום זיינען אַלע שיפלאַך אָנגעפילט געוואָרן מיט בערג פיש.
די אַמעריקאַנער האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז דער פיש-פאַנג זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיקן און די ווילדע זאָלן אַוועק-שווימען. אַזוי איז אָבער נישט געשען. דער ראָש פון די ווילדע האָט געהייסן מען זאָל צושווימען צום ברעג. דערדאָזיקער באַ-פעל איז באַלד דערפילט געוואָרן און דער קאַפּיטאַן גאַניי האָט קוים צייט געהאַט אָפּצעשפּרינגען פון ברעג און זיך באַהאַלטן.

די אַמעריקאַנער האָבן זיך טיפער פאַררוקט הינטער די ביימער. אַנטלויפן איז שוין געווען צו שפּעט, ווייל אין דעם אַלטן טרו-קענעם וואַלד האָבן געקנאַקט די צווייגן אונטער די פיס.
פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געוואַלטיקער קלאַפּ, וואָס האָט

אָפּגעקלונגען ווי אַ דונער איבער דעם גאַנצן טאָל. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס שפּאַלט זיך ווידער אַן אייזטייך. דאָס איז אומגעפאַלן אַ ריזיקער בוים, וואָס איז שוין אַלט געווען אַ סך הונדערטער יאָרן. זיין ריזיקער שטאַם איז געווען דורך און דורך פאַרפוילט, ביז צו די וואָרצלען. די קלענסטע באַרירונג האָט אים געקאָנט אומוואַרפן. איצט איז ער אומגעפאַלן אַ דאַנק פּאָ-לוקסן, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעשפּאַרט אָן אים, כדי אָנצו-קוקן אויף די ווילדע. דער נעגער איז אומגעפאַלן אויף דער נאָז צוזאַמען מיטן בוים.

אין אָנהויב האָבן אַלע גערעכנט, אַז דער נעגער איז געהרגעט געוואָרן. אָבער באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען אויף די פיס באַ-דעקט מיט אַ געדיכטן שטויב, און האָט זיך טאַקי דערלויבט זייער הויך צו ניסן, גאַנצע זעקס מאָל נאָכאַנאַנד.

די ווילדע, וואָס זיינען אין דעם אויגנבליק אַרויסגעקומען אויפן ברעג האָבן נישט געלייגט קיין שום אַכט דערויף. דאָס איז גע-ווען פּאַר זיי אַ געוויינלאַכע דערשיינונג. זיי וואָלטן אויף זיכער נישט דערהערט פּאָלוקסעס ניסן, שטאַרק אַריינגעטאָן אין זייער אַרבעט און פּאַרטויבט דורכן געפּילדער, ווען נישט די הינט.

אָ, די הינט האָבן קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן עסק.

באַלד ווי דידאָזיקע קלוגע חיות האָבן אַרויסגעקלעטערט אויפן פעלז, האָבן זיי מיט זייער שאַרפן חוש-הריח דערשנאַפּט דעם נעגער און האָבן זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ ווילדן בילן.

און אָט האָבן אַלע הינט אַרומגערינגלט די אַמעריקאַנער. דער קאַפּיטאַן האָט געזען, אַז מען קאָן זיך איצט נישט העלפן, אַז סיי-ווי-סיי וועלן זיי אַריינפאַלן צו די ווילדע אין די הענט, האָט ער געהייסן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין פון זייערע באַהעלטענישן.

אין ערשטן אויגנבליק, ווען די ווילדע האָבן נאָר דערזען די ווייסע, האָבן זיי שטאַרק געגאַפט און געגלאָצט מיט די ווילדע אויגן. זיי האָבן זיך צעגויפגערוקט אינאיינעם, און האָבן מורא געהאַט זיך צו באַוועגן, זיי האָבן זיך מסתמא משער געווען, אַז די רעוואָלווערן און ביקסן וועלן באַלד עפענען זייערע פייערדי-

קע פיסקעס, ווי נעכטן. דערשראָקן האָבן זיי געשעפּטשעט צו איינאַנדער:

—ווייסע מענטשן! (אַקיפּקאַ אַקיניך!)

—וואָס טוט מען?

באַלד אָבער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די ווייסע האָבן נישט קיין שום געווער אויסער צרהדיקע שטעקנס, מיט וועלכע זיי קאָנען אַפילו די הינט נישט אָפּטרייבן. דעמאָלט האָט אַ גערדיל־טער עולם איינג אַרומגערינגלט אונזערע פּריינט פון אַלע זייטן. דאָס איז געווען דער העסלאַכסטער המון, וואָס קען נאָר זיין אויף דער וועלט. די אַמעריקאַנער האָבן געזען פאַר זיך רויט־הויטיקע ווייבער מיט צעשויבערטע האָר, מיאוסע אַלטע מאַנסלייט, וואָס זיינען געווען ענלאַך צו ליליפּוטן פון אַן אָפּערע. אין קיין שום געזיכט האָט מען נישט געקענט באַמערקן עפּיס אַ סימן פון אַ מענטשלאַך געפיל אָדער פון עפּיס אַ חן. אויף אַלע פּנימער האָט מען געקענט לייענען האַס, צאָרן און גייציקייט. פון זייערע דיקע ליפּן האָבן זיך אַרויסגעריסן הייזעריקע קולות, מער ענלאַך צו דעם ברילן פון אַ גאָרילע, ווי צו אַ מענטשלאַכן קלאַנג. מיט מאָד האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָסדאָזיקע אימהדיקע בילד און איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות אויף דער מוטערס אַקסל. דער קאַפּיטאַן, ווידער, האָט אין גרויס אַנגסט און יסורים גע־דריקט צו זיך זיין פרוי און קינד.

אויפן ברעג האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ נייער איילִיקאָליעפּ, וואָס איז מסתמא געווען דער ראש פון די ווילדע, ווייל אַלע האָבן מיט גרויס דרך־ארץ געמאַכט פאַר אים אַ פרייען וועג.

דער איילִיקאָליעפּ האָט געטראָגן עפּיס אַ קורץ קליידל און אַ שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ. פון די ווילדע האָט ער זיך אונ־טערגעשיידט נישט בלויז דורך זיינע „מלבושים", נאָר אויך מיט זיינע געזיכטסשטריכן. ס'איז לייכט געווען צו באַמערקן, אַז ער שטייט העכער פון זיינע לייט סיי פיזיש און סיי גייסטיק.

—איר האָט געשאָסן פון ביקסן אין מיינע זעלנער און האָט דריי

פון זיי דערשאָסן !—האָט דער ראש רוהיק זיך אָנגערופן.
קאַפּיטאַן גאַניי האָט ממש געגאַפט: דער ראש האָט גאָר נישקשה-דיק גערעדט אויף איינגליש.
—אייערע זעלנער האָבן אונז נישט געלאָזט שווימען אויפן ים, וואָס געהערט צו אַלעמען גלייך,—האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט.
—זיי האָבן געהאַט פולע רעכט אַזוי צו האַנדלען,—האָט דער ראש ווייטער געזאָגט—ווייל איר זענט נישט געבליבן אויפן ים, איר האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אונזער ערד. הערט נאָר, איר האָט דאָך געהאַט ביקסן—האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן און זיך אַרומגעקוקט.—וואו זיינען זיי?
—אונזערע חברים האָבן זיי מיטגענומען אויפן יאַגד,—האָט דער קאַפּיטאַן אומישנע אַזוי געענטפערט, כּדי די ווילדע זאָלן אינגאַנצן נישט פאַרלירן דעם פּחד פאַר זיי.—אפשר וועט דער ראש מיר טאָן דעם כּבוד און וועט עסן מיט אונז צוזאַמען, ווען זיי וועלן קומען צוריק? ביים טיש איז אָנגענעם צו שמועסן...

—דער גרויסער ראש פון די אייליקאַליעפן האָט אַליין גענוג פיש און פלייש...—האָט דער אָנפירער דיפּלאָמאַטיש געענטפערט.

דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט:
—דאָס איז זיכער אַזוי. אָבער מיין קיכער קען קאָכן אַזעלכע מאכלים, וואָס דער גרויסער ראש האָט נאָך זיכער נישט געגעסן...

—דער גרויסער ראש פון די אייליקאַליעפן האָט געגעסן די בעסטע מאכלים פון די ווייסע,—האָט יענער שטאָלץ באַמערקט—ער קאָן זייערע געריכטן, אָבער אים געפעלן בעסער די עסנס פון זיינע אורעלטערן.
עס איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיקט דער אָריגינעלער געשפּרעך, ווען נישט דער נעגער. קאַפּיטאַן גאַניי האָט אָנגעוויזן אויף פאָלוקסן מיט דער האַנט. דעמאָלט האָבן אַלע ווילדע איינגעזען, אַז דער קיכער איז אַ שוואַרצער. דאָס האָט געמאַכט אויף זיי אַ געוואַלדיקן רושם. די פּועדזשינער האַלטן

אַן אַפריקאַנישן נעגער פאַר דער סאַמע נידעריקסטער בריאה אויף דער וועלט. הגם זיי אַליין שטייען אויף אַ מדרגה פון חיות, דאָך פאַראַכטן זיי דעם נעגער ווי געטער. דעריבער האָט זיך דערהערט אַ בייז מורמלען, וואָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אין דראָענדיקע געשרייען:

—אַ טויט דעם שוואַרצן הונט! (אינפּאַל כולאָקע! אופּטוקלאַ!)

באַלד האָט אַ גוטער טיך העגט אָנגעכאַפּט דעם אָרימען פּאָלוקסן. דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר די איבעריקע ווילדע. זייער גאַנצע שנאה האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף איין מאָל. אַלע אייליקאָליעפן—מאַנסלייט, ווייבער און קינדער—האָבן אַרומגערינגלט די אַמעריקאַנער, צעשיידט זיי יעדער באַזונדער און גענומען אין געפאַנגענשאַפט. זיי וואָלטן זיכער געגאַנגען אַ סך ווייטער אין זייער גרימצאָרן, ווען נישט דער ראש, וואָס האָט שטרייגג אַ זאָג געטאָן:

—איצט האָבן מיר פיש גענוג! לאָמיר בעסער באַהאַלטן די געפאַנגענע אויף אַ הונגערצייט.

די אייליקאָליעפן האָבן אודאי איינגעשטימט דערצו. אַ קליינע מינדערהייט האָט אפילו פאַרלאַנגט, מען זאָל דעם נעגער טאַקע אויפן אָרט אָוועקפּטרן. אָבער עס איז געבליבן, ווי דער ראש האָט געזאָגט. נאָכדעם האָט מען זיך אַוועקגעזעצט עסן. די געפאַנגענע האָבן זיי געבונדן און אַריבערגעשלעפּט זיי אויף די שיפלאַך.

צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג איז שוין געווען נאָך זייער סעודה. די ווילדע האָבן זיך אָנגעפרעסן מיט פיש, וואָס זיי האָבן אָפּגעבראָטן אויף אַ ביסל קוילן, וועלכע זיי האָבן געפונען אין פאָלוקסעס פייער. דערנאָך זיינען די שיפלאַך אַוועקגעשוואומען ווייטער קיין מזרח, מיטפירנדיק מיט זיך אויך די געפאַנגענע. דעם קאַפּיטאַנס פאַמיליע האָט זיך געפונען אין באַזונדערע שיפלאַך. און ער האָט זיי קוים געקאָנט זאָגן אַ פּאָר טרייסטווערטער. ער און זיין פרוי זיינען געווען זייער צעטרייסלט און נידערגעשלאָגן. מיס מאָד אָבער, וואָס איז שוין געקומען צו זיך, האָט אַלץ אויפ-

נענומען זייער לייכט און האָט געהאָפּט אויף האַריס הילף.

דער קאַפּיטאַן האָט נישט געגלויבט דערין, אַז האַרי טשעסטער זאָל זיי קענען אַרויסהעלפן פון אַזאַ גרויזאַמער לאַגע. דערצו באַדאַרף מען האָבן אַנדערע כוחות, אַ סך געווער און אַ סך מענטשן.

אויף דער יבשה.

באַלד ווי האַרי און סיגריף האָבן זיך עטוואָס באַרוהיקט, האָבן זיי גענומען געניי באַטראַכטן די גאַנצע געגנט. קיין סימנים פון קאַמף האָבן זיי נישט געפונען. זיי האָבן אָבער אויך נישט געפונען קיין שום צייכן, וואָס זאָל עדות זאָגן, אַז דער קאַפּי־טאַן גאַניי האָט פרייוויליק פאַרלאָזט דעם לאַגער. איז נאָר פאַר־בליבן די איינציקע השערה, אַז די ווילדע האָבן מיט געוואַלט אַוועקגעפירט די ווייסע מיט זיך. האַרי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פריער געזען שווימען די שיפלאַך אין דער מזרח־ריכטונג, צום ביגלישן קאַנאַל. דאָס האָט אים אַזוי דערפרייט, אַז סיגריף האָט געפונען פאַר נויטיק אַדריק צו טאָן מיט די אַקסלען, און ער האָט באַמערקט:

—איז דען נישט אַלצאיינס אין וואָסער ריכטונג מען האָט זיי אַוועקגעפירט? איין זאַך איז קלאָר, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די עקלהאַפטע הענט פון די ווילדע... וואָס קען נאָך זיין ערגער פון זייער גורל?

—דאָס איז אַלץ אמת, מיין ליבער סיגריף!—האָט האַרי געענט־

פּערט.—גוט איז אָבער, וואָס די ווילדע זיינען אַוועקגעשוואומען פּונקט צום בּיגלישן קאַנאַל, וואו מיר האָבּן געהאַט בּדעה צו פאָרן. איר מוזט דאָך מודה זיין, סיגריף, אַז דער וועג צופוס וואָלט דאָך געווען זייער אַ שווערער פאַר אונזערע דאַמען. אַזוי האָבּן די איילּיקאָליעפן פאַרלייכטערט אונזער אויפגאַבּע, אַוועק־פירנדיק זיי אויף זייערע שיפלאַך. ווער ווייס, אפשר וועלן מיר נאָך האָבּן אַ טובה דערפון?

דער אַלטער טשעסלער האָט אַלץ געדריקט מיט די אַקסלען. האַרי איז דאָך אַן ערנסטער יונגערמאַן, פאַרוואָס בּאַנעמט ער ניִשט, ווי געהעריק, דאָס אומגליק? און דעם אַלטן האָט זיך געדאַכט, אַז האַרי וויצלט זיך. האַרי אָבּער האָט געמיינט גאַנץ ערנסט. זיין טבע איז שוין געווען אַזאַ, אַז אין יעדער לאַגע פלעגט ער בּאַלד דערזען די ליכטיקע זייטן. ער האָט שטענדיק געגלויבּט, אַז מיט געדולד און דרייסטקייט קען מען אַלץ דער־גרייכן און די רעזולטאַטן מוזן זיין גוטע. ער איז געווען אַזוי זיכער און פעסט איבּערצייגט דערין, אַז ער האָט סוף־כּל־סוף אויך סיגריפן אָנגעשטעקט מיט גלויבּן און האָפנונג. דעם אַלטן האָט שוין אויך בּאַלד אויסגעוויזן, אַז ס'איז גאַנץ גוט, וואָס די ווילדע האָבּן אַוועקגעפירט די אַמעריקאַנער אין יענער ריכטונג.

—דערווייל האָבּן מיר נאָך ניִשט געגעסן קיין מיטאָג און עס איז מער ווי זיכער, אַז מיר וועלן שוין אויך נישט עסן, ווייל ס'איז נישטאָ וואָס...—האָט זיך פלוצלונג אָנגערופן איינער פון די מאַטראָזן, וואָס האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט אַ צו־גרויסן אַפּעטיט.

אין די ווערטער האָט זיך געלאָזט שפּירן אַ פאָרוואורף פאַרן קאַפּיטאַן גאַניי, וואָס האָט זיך געלאָזט נעמען געפאַנגען און נישט פאַרזאָרגט די מאַטראָזן מיט אַ מיטאָג. אַ שטיקל פאָרוואורף האָט אין דידאָזיקע ווערטער געשטעקט אויך פאַר האַרין, וואָס טראַכט גאָרנישט פון די מאַטראָזן. דערדאָזיקער מאַטראָז האָט געהערט צו יענעם מין מענטשן, וואָס בּשעת אַ מפּלה אויף אַ מלחמה אָדער אין אַן אומגליק אויפן ים, בּאַשולדיקן זיי גלייך

די אָנפירערשאַפט און רופן אַרויס נישט קיין באַראַכטע מרידות, וואָס דאָס פאַרערגערט נאָך די לאַגע.

האַרי האָט פאַרשטאַנען דעם פאָרוואורף און האָט פאַרענטפערט דעם קאַפּיטאַן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, טאָמער וועט ער געפונען עפּיס צו עסן. מער אָבער ווי באַרבאַריס־יאַגדעס האָט ער אויפן ברעג נישט געפונען. אַז ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויפן ים, האָט ער באַמערקט צוויי מעוועס, וואָס האָבן זיך שטאַרק אַרומגעקריגט איבער עפּיס אַ ווייסער זאַך, וואָס איז געשוואומען אויפן וואַסער. איז ער אַראָפּ צום ברעג, און צו זיין גרויסער פרייד, האָט ער דערזען, אַז דאָס זיינען צוויי גרויסע פיש, וואָס האָבן צוזאַמען געוואויגן אַ פונט פופצען. די ווילדע האָבןביידע צעגויפגעבונדן פאַר די ווידלאַך און האָבן זיי, קענטיק, פאַרגעסן מיטצונעמען. די פיש זיינען געווען אַזוי שווער, אַז די מעוועס האָבן זיי בשום אופן נישט געקאָנט אַוועקשלעפּן מיט זיך און פאַר גרויס פאַרדרוס האָבן זיי זיך בלויז אַרומגעקריגט און געפאָכט מיט די פליגלען.

אויסגעצייכנט—האָט האַרי געשעפּטשעט, אַריינגייענדיק אין וואַסער—עס וועט דאָך זיין וואָס צו עסן!..

ער איז צוגעשוואומען צו די פיש און האָט זיי אַוועקגעשלעפּט פון די מעוועס, וואָס זיינען אים נאָכגעפלויגן מיט הויכע געשרייען. דאָס האָט אים אָבער ווינציק געאַרט. אַ צופרידענער, האָט ער געוויזן זיינע פריינט די טייערע מציאה, וואָס האָט זיך אַזוי אַפּעטיטלאַך געזילבערט אין דער לופט.

די מאַטראָזן האָבן באַלד באַקומען אַ גוטע שטימונג, איין פיש האָט מען אָפּגעבראָטן צום אָונטברויט און דעם צווייטן האָט מען איבערגעלאָזט אויף מאָרגן צום פרישטיק. אָפּגעגעסן, האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן און באַלד טאַקי איינגעשלאָפן, ווי די דערהרגעטע.

נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, זיינען שוין די רייזנדער אויפגעשטאַנען און תיכף זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. מען האָט באַשלאָסן זיך צו האַלטן וואָס נענטער צום ים־קאַנאַל: ערשטנס, וועט מען אויף אַזאַ אופן נישט פאַרלירן די נויטיקע ריכטונג,

און צווייטנס, האָט מען דאָ לײַכטער געקענט געפֿונען וואָס צום עסן, האַרי טשעסטער האָט פֿאָרגעלייגט דעם אַזוי־גערופֿענעם זיגזאַג־וועג. זיין פּלאַן איז באַשטאַנען דערין: אַ גאַנצן טאָג זאָל מען גיין דורך די בערג, וואָס האָבן זיך געצויגן לייגנאויס דעם ים־קאַנאַל און פֿאַרנאַכט זאָל מען אַראָפּגיין צום ים, כּדי דאָרט צו עסן און זיך אָפּצורוען. דאָס וועט אפילו שטאַרק פֿאַרלענגערן דעם וועג. אָנשטאָט צען מייל, וועט מען מוזן דורכמאַכן פֿינף־און־צוואַנציק מייל. דערפֿאַר אָבער וועלן זיי זיך באַגעגענען מיט די ווילדע, וואָס וואַנדערן שטענדיק נישט ווייט פֿון ברעג. פֿאַר די אַמעריקאַנער, וואָס זיינען געבליבן אָן שום געווער, האָט דאָס געהאַט אַן אומגעהויער גרויסע באַדייטונג.

פֿאַרנאַכט האָט מען אויסגעזוכט אַ גוט באַהאַלטן ווינקעלע, וואו מען פֿלעגט עסן און זיך אויסרוען.

די וואַנדערער פֿלעגן מייסטנס עסן ראַקעס און פֿאַרשידענע פּירות פֿון די אָרטיקעביימער. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זיי געלונגען צו שעכטן אַ יונגן ים־הונט און דעמאָלט פֿלעגן זיי האָבן פֿלייש אויף צוויי־דריי טעג. נישט אַלע טיילן פֿון אַ ים־הונט לאָזט זיך עסן, אָבער דער קאָפּ און די ברוסט זיינען גאַנץ באַטעמט און זאַפֿטיק, אַזוי ווי יונג שעפּסנפֿלאַש. מיט גרויס מי און געדולד האָט סיגריף אויסגעשניצט פֿון האָלץ אַ מין קעסל און אין דעם־דאָזיקן קעסל פֿלעגן זיי קאָכן אַ מין זופּ פֿון גראָזן, מייסטנס פֿון ווילדן סאַלאַט. איינער פֿון די מאַטראָזן האָט זיך אויסגעלערנט צו שיסן פֿון אַ פֿייל־און־בויגן און אַמאָל פֿלעגט אים געלונגען צו טויטן אַ פּאָר פֿייגלאַך. פֿלעגט ער דערשיסן אַ פּאַפּוגיי, האָט מען פֿון אים געקאָכט בלויז אַ זופּ, ווייל זיין פֿלייש איז געווען זייער האַרט. דערפֿאַר אָבער איז פֿאַר אַלעמען געווען אַן אמתער יום־טוב, ווען ער פֿלעגט דערשיסן אַ ווילדע קאַטשקע. איבערהויפּט האָבן זיי ליב געהאַט איינעם פֿון יענע מינים קאַטשקעס, וואָס ביי די איינגלענדער הייסט ער דאַמפּער־קאַטשקע.

דאָס איז זייער אַ גרויסער פֿייגל פֿון אַ צוואַנציק—פֿינפֿאונצוואַנציק פֿונט. ער האָט אַן אומגעהויער גרויסן קאָפּ מיט אַ זייער שטאַרקן

שנאָבל. מיטן שנאָבל צוברעכט ער אפילו שטיינער. ער האָט קורצע און שוואַכע פליגלאַך, און דעריבער קען ער נישט פליִען. דערפאַר אָבער לויפט ער שנעל, ווי אַ שטרויס. ער קען דורכ־לויפן צען וויאָרסט אין אַ שעה. שווימען שווימט ער אַזוי שנעל, ווי ער לויפט. דערביי קלאַפּט ער מיט די פליגלען אָן וואַסער און מאַכט אָן אַזאַ גערויש, ווי אַ דאַמפער ביים שווימען. דער־פאַר הייסט ער טאַקי דאַמפער־קאַטשקע. דער גרויסער נאַטוראַ־ליסט דאַרווין האָט דער ערשטער באַמערקט, אַז דערדאָזיקער מערקווירדיקער פייגל באַנוצט נישט ביידע פליגלען פּאַראַמאָל, נאָר פריער איינעם, נאָכדעם דעם צווייטן.
יעדן טאָג פלעגן די רייזנדער באַגעגענען ים־הינט און ים־חזירימ־לאַך. איינמאָל האָבן זיי געהאַט די מעגלאַכקייט צו זען, ווי אַ ים־הונט לערנט זיין קינד שווימען. די מוטער האָט געהאַלטן דאָס קינד אין וואַסער פאַרן ווידל, דערנאָך האָט זי עס אָפּגע־לאָזט און פאָרזיכטיק געשטופּט פאָרויס. דער יונגער ים־הונט, וואָס האָט נאָך ווייניק געקאָנט די מלאכה פון שווימען, האָט זיך אָנגעהויבן צו טרינקען. האָט אים די מוטער אונטערגעהאַלטן און געלאָזט קומען צו זיך. באַלד האָט זי אים ווייטער געשטויסן אין וואַסער. די לעקציע איז געגאַנגען זייער גלאַט. דער קליי־נער תלמיד האָט זיך ביסלאַכווייז פאַרבעסערט אין שווימען און האָט אַרויסגעוויזן גאָר נשקשהדיקע פעהיקייטן.
אָבער די צוויי וואַלפישן, וואָס זיינען אַריינגעשוואומען אין קאַ־נאַל, האָבן שטאַרקער פאַרכאַפּט די וואַנדערער. זיי האָבן לאַנג געגלאָצט אויף די צוויי שווערע קערפּערס, וואָס זיינען געשוואו־מען נאָנט איינער פון צווייטן. אָפט פלעגן זיי אַזוי נאָנט צו־שווימען צום ברעג, אַז מען האָט געקענט דערלאַנגען צו זיי מיט אַ שטעקן. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך שווער אָפּעטע־מען און אַרויסלאָזן פון די נאָזלעכער אַ פאָנטאַן וואַסער, וואָס פלעגט באַגיסן די אַרומיקע ביימער, ווי אַ גוסרעגן. פון דער־ווייטנס פלעגט דער פאָנטאַן אויסזען ווי אַ דינער, זילבערנער וואָלקן, וואָס פלעגט זיך האַלטן אַ צוויי־דריי מינוט אין דער הויך און גלאַנצן אויף דער זון. די וואַלפישן זיינען געשוואומען

אַהין און צוריק איבערן קאַנאַל, האָבן זיך געשפּילט און געמאַכט קונצן אין וואַסער און געגאַנגען זיינען זיי פון מערב צו מזרח, אין איין ריכטונג מיט אונזערע וואַנדערער. יענע האָבן זיי שטאַרק מקנא געווען, וואָס זיי קענען נישט דורכמאַכן זייער שווערע נסיעה אויך אַזוי לייכט און באַקוועם, ווי די וואַלפישן.

אָבער אינגיכן איז זייער וואונש דערפילט געוואָרן. אויף צומאָרגנס, נאָך דער באַגעגעניש מיט די וואַלפישן, ווען די וואַנדערער האָבן געוואָלט, נאָכן פרישטיק, זיך ווידעראַמאָל אַוועקלאָזן אין וועג, האָבן זיי פלוצלונג פון ים דערהערט שטימען. האַרי האָט געהייסן די מאַטראָזן זיצן רוהיק און פאָרזיכטיק, פון הינטער אַ פעלז, אַרויסגעקוקט צום ים-ברעג.

אינדערנידער סאַמע אונטערן פעלז איז ביים ברעג געשטאַנען אַ שיפל מיט צוועלף אייליקאָליעפן. זיי האָבן פאַרלייגט אַ פייער און האָבן זיך מכין געווען צו כאַפן פיש.

האַרי האָט באַ״ד באַמערקט, אַז די ווילדע זיינען געקומען אָן הינט. דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אים מיט זיינע חברים וועט געלינגען זיך אויסצובאַהאַלטן, באַלד אָבער איז אים איינגעפאַלן אַ דרייסטער פּלאַן.

„פאַרוואָס זאָלן מיר נישט פּרובן אַוועקנעמען ביי זיי דאָס שיפל? מיר דאַרפן זיך נישט רעכענען מיט זיי, קוים האָבן זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט אונזערע פריינט. אגב וואָלטן זיי אונז זיכער דערהרגעט, ווען זיי וואָלטן אונז נאָר באַמערקט...”

פּאַוואָליע און פאָרזיכטיק איז ער צוגעגאַנגען צו זיינע חברים און האָט זיי שטיל איבערגעגעבן זיין פּלאַן.

דערדאָזיקער פּלאַן האָט זיך געלאָזט אויספירן. די צוועלף ווילדע האָט מען געקאָנט אַנטקעגנשטעלן זיבן אַמעריקאַנער מיט איין רעוואָלווער. ס׳איז געווען מער ווי זיכער, אַז ביים ערשטן שאָס וועלן זיך די ווילדע צעלויפן. עס איז נאָר געווען אַ פראַגע, צי וועלן אויסשיסן די פייכטע פּאַטראָנעס. ביז אַהער האָט מען נישט געשאָסן, ווייל, ערשטנס, איז אַ שאָד אַ פּאַטראָן, און צווייטנס, האָט מען זיך געשראָקן, אַז די ווילדע וועלן אַנטלויפן, ווען זיי וועלן דערהערן אַ שאָס. סיגריף האָט בּיסלאַכווייז געטריקנט

די פּאַטראָנעס אויף דער זון

דאָך האָבן אַלע איינגעשטימט, מען זאָל פּרובן, ווייל ס'איז געווען אַן אוממעגלאַכע זאַך, אַז פון אַכט פּאַטראָנעס זאָלן נישט אויסשיסן ווייניקסטנס אַ צוויי-דריי, און דאָס האָט פולשטענדיק געקענט געניגן צו פאַרטרייבן די איילּיקאָליעפּן.

סיגריף איז געווען אַזוי גרויסמוטיק, אַז ער האָט דורכאויס געוואָלט איבערגעבן דעם רעוואָלווער האַרין, וואָס איז געוואָרן דער אָנפירער פון די וואַנדערער. האַרי ווידער האָט געטענהט, אַז דאָס געווער מוז בלייבן ביי דעם, וואָס האָט עס באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון אַלע בייזע פּאַסירונגען. און דער רעוואָלווער איז געבליבן ביי סיגריפן.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַפאַלן די ווילדע פון צוויי זייטן. האַרי מיט דריי מאַטראָזן האָט געזאָלט אָנפאַלן אויף זיי פון הינטן, סיגריף מיט די צוויי איבעריקע מאַטראָזן—פון פאָרנט. דער אָנפאַל האָט זיך באַדאַרפט אָנהויבן לויט האַריס אַ צייכן.

דער פּלאַן האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן. האַריס גרופּע איז געלונגען זיך צו דערנענטערן פון הינטן גאַנץ אומבאַמערקט פאַר די ווילדע.

איין מאַטראָז איז געווען באַוואָפנט מיט אַ הילצערנע פּיקע, דער צווייטער—מיט אַ שטעקן, דער דריטער—מיט אַ פייל-און-בויגן, האַרי—מיט דעם שטיינערנעם האַק. אַלע איילּיקאָליעפּן זיינען בעת-מעשה געזעסן ביים פייער.

צוגעטראָטן נאָענט צום לאַגער, האָט האַרי אַ פייף געטאָן און מען איז פייל-פונבויגן באַפאַלן די ווילדע.

די דערשראָקענע איילּיקאָליעפּן האָבן גענומען אַרומזוכן זייער געווער, וואָס זיי האָבן לייכטזיניק געהאַט אַוועקגעוואָרפן אָן אַ זייט, און פאַר דער צייט איז זיי סיגריף באַפאַלן מיט די איבעריקע מאַטראָזן.

דער אַלטער טשעסלער האָט אויסגעקליבן דעם ווילדסטן איילּיקאָליעפּ און האָט אין אים אויסגעשאָסן. די קויל האָט געטראָפן דעם ווילדן אין דער רעכטער האַנט, וואָס איז אים געבליבן

היינגען, ווי אַ הילצערנע, און דער ווילדער האָט זיך משונה צע-שריען פאַר ווייטאָק.

די איילִיקאָליעפֿן האָבן זיך געוואַלטיק פאַרלוירן. זיי האָבן זיך אַפילו גישט געפּרובט ווערן און האָבן זיך צעזייט אין אַלע זייטן. די אַמעריקאַנער זיינען שנעל אַריין אין שיפֿל און זיינען אָפּגעשוואו-מען פון ברעג.

אין אַ שעה צייט אַרום זיינען זיי שוין געווען ווייט פון יענעם אָרט, וואו זיי האָבן אַזוי גוט דורכגעפירט זייער פּלאַן. איצט האָבן זיי אין זייער רשות געהאַט אַן איינפאַך, אָבער באַקוועם שיפֿל מיט טייערע פוקסנפעלן און מיט פאַרשידענע מכשירים.

נייע צרות.

דאָס שיפּל איז זייער גוט געשוואומען, אַפילו בעסער, ווי די פריערדיקע פאַרלוירענע שיפלאַך, הגם זיין זעגל איז געווען זייער איינפאַך צוזאַמענגענייט פון פאַרשידענע שטיקלאַך שטאָף מיט דער הילף פון דער ביינערנער נאָדל. ס'האָט געבלאָזן אַ גינסטיקער ווינט, און די מאַטראָזן האָבן אויסגערעכנט, אַז דאָס שיפּל מאַכט דורך נישט ווייניקער, ווי אַכט ים-מיילן אַ שעה. זיי האָבן אַפילו נישט באַדאַרפט אָנקומען צו די רודערס. זייער שנעל זיינען זיי אַדורכגעשוואומען דעם ביגלישן קאַנאַל.

פאַרנאַכט האָבן די וואַנדערער דערזען עפּיס אַן אינזל. סיגריף האָט דערקלערט, אַז דאָס איז די טייוולאינזל און האָט געראַטן מען זאָל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף נאַכטלעגער. לויט זיין מיינונג, איז דידאָזיקע אינזל געווען נישט באַוואוינט. די נאַכט האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַ פינסטערע, איבערן וואַסער האָט זיך געצויגן אַ געדיכטער נעבל. האַרי האָט איינגעשטימט מיט סיגריפס פאָרשלאַג. ער האָט אָבער געהייסן אַרויסשלעפּן דאָס שיפּל אויפן ברעג און באַהאַלטן עס אין וואַלד, כדי צו זיין זיכער מיט אים.

דאָס איז געווען אַ לייכטע אַרבעט. אַז מען האָט זיך גוט אַרומ-
געקוקט אויף דער אינזל האָבן זיי געפונען עפּיס אַ גרויס, פּיר-
קאַנטיק הויז, געבויט פון דיקעביימער און באַדעקט מיט צווייגן.
די באַוואוינער האָבן עס שוין לאַנג פאַרלאָזט, ווייל עס
איז שוין ערטערווייז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז. דאָס הויז
האָט נישט אויסגעזען ווי אַ פּועדזשינער בנין און האָט גיכער
דערמאָנט אָן דער אַרבעט פון איירעפּייאישע הענט. סיגריף, וואָס
האָט שטאָלצירט מיט זיינע ידיעות אויפן געביט פון געשיכטע
פון דער טייוולאינזל האָט דערציילט, אַז דאָס הויז האָבן אויס-
געבויט די מאַטראָזן פון דער שיף „ביגל”, וואָס איז געשיקט
געוואָרן דורך דער איינגלישער רעגירונג אויסצופאָרשן די פייער-
דיקע ערד, אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן פּיצרוי. איך
באָמען האָט די אינזל באַקומען צוליב אַזאַ מין סיבה: איינער
פון די איינגלישע מאַטראָזן האָט זיך אַמאָל געלייגט שלאָפן אונ-
טער אַ בוים, וואו אַ ריזנסאָווע האָט זיך געבויט אַ נעסט. אָבער
דערדאָזיקער מאַטראָז האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן פון די וויל-
דע סאָווע-קולות, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז באַפאַלן
געוואָרן פון בייזע רוחות און שדים, וואָס באַוואוינען די פייער-
דיקע ערד. אויף צומאָרגנס האָט ער דערציילט זיינע חברים,
וואָס ער האָט איבערגעלעבט. ער האָט בעת-מעשה זיכער נישט
געקאָרגט קיין שוואַרצע פאַרבן, און פון דער צייט אָן הייסט
די אינזל „טייוולאינזל”.
דאָס, וואָס סיגריף האָט דערציילט, איז געווען אַן אמת. דאָס
איז אַפילו געווען אָפּגעדרוקט אין אַן איינגליש אָפיציעלן באַ-
ריכט. אָבער מען מוז מודה זיין, אַז די אַמעריקאַנער האָבן זיך
גאָרנישט געפונען אויף דער טייוולאינזל, נאָר גאָר אויף אַן אַנ-
דער שטיק ערד, און דאָס הויז איז אויך נישט געבויט געוואָרן
דורך די מאַטראָזן פון „ביגל”. אונזערע וואַנדערער האָבן אָבער
פון דעם אַלעמען נישט געוואוסט. דערווייל האָבן זיי זיך גע-
פרייט, וואָס זיי געפינען זיך ענדלאַך אין אַ הויז, געבויט דורך
ציוויליזירטע הענט. מיט אַ געפיל פון טיפער יראה האָבן זיי צע-

ליגט אַ פּייער אויף דער קיך, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי שטיינער.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז אַרום פייער, געמיטלאַך געגעסן דאָס געריכערטע ים-הונט-פלייש און געמאָלט זיך שיינע בילדער פון דער צוקונפט. מיט אַ גוט שיפל און מיט זיכערקייט, אַז מען געפינט זיך אויף דער טייוולאינזל, האָבן זיי ווירקלאַך געמעגט בויען שיינע לופטשלעסער. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי דערגרייכן דעם ים-אויסגוס „ערפּאָלגרייכער", דאָרט האָבן זיי געהאָפט זייער שנעל צו באַגעגענען אַן אַמעריקאַנער שיף. מיט דער הילף פון דער שיף וואָלטן זיי געפירט אַ מלחמה מיט די ווילדע, באַפרייט די געפאַנגענע און אַוועקגעפירט זיי קיין ניו-יאָרק מיט גרויס פּאַראַד. ווייניקסטנס איז דער יונגער האַרי טשעסטער געווען זיכער אין אַזאַ אויסגאַנג פון זייער לאַגע.

איין סיגריף האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי שנעל איינריידן. ער האָט געשאָקלט מיט זיין גרויען קאָפּ און אַלץ נאָכאַנאַנד געוואָרנט:

—איר איילט זיך, קינדער, מיר זיינען נאָך נישט אַנטרונען געוואָרן פון דעם וואָלפס לאַפּעס. אונז ליגט נאָך אַ גוטער באַרג אויפן קאָפּ...

אויך דאָסמאָל האָט סיגריף געפּאָדערט, אַז נישט אַלע זאָלן זיך לייגן שלאָפן. צוויי מענטשן מוזן האַלטן וואַך, וואָרום אין דידאָזיקע ערטער טאָר מען קיינמאָל נישט זיין זיכער.

די נאַכט איז אָבער געווען אַזאַ שטילע, דאָס גראָז אַזוי ווייך, אַזוי סאַמעט-צאַרט, אַז די וועכטער האָבן צוגעמאַכט פריער איין אויג, נאָכדעם דאָס צווייטע אויג און זיינען איינגעשלאָפן, ווי דערהרגעטע.

דער אַלטער סיגריף איז אָבער געווען גערעכט. די וועכטער האָבן נישט געטאָרט שלאָפן. אַ זייגער צוויי פאַרטאָג האָט זיך האַרי טשעסטער פּלוצלונג אויפגעכאַפּט: ער האָט דערשפּירט, אַז אַרום אים קומט פאָר עפּיס משונהדיקס און אומפאַרשטענדלאַכס. ער האָט געוואָלט אויפשטיין—האָט ער נישט געקענט. אַ פאַרגאַפּטער

האָט ער אַ טאַפּ געטאָן זיינע פיס און ערשט דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען געבונדן. אין דערזעלבער צייט האָט זיך דערהערט אינדערפינסטער סיגריפס הילכיקע שטים:

—ווער גייט עס דאָ אַרום?

קיינער האָט נישט געענטפערט.

—סיגריף, האָט איר אייער רעוואָלווער ביי זיך?—האָט האַרי אַ פרעג געטאָן.

—איך זוך אים שוין פון לאַנג און קען אים נישט געפונען!—האָט סיגריף געענטפערט אַ פאַרשעמטער.—און די פיס זיינען מיר געבונדן, איך ווייס נישט, וואָס דאָ איז געשען...

—ביי מיר זיינען אויך געבונדן די פיס!..—האָבן אונטערגעכאַפּט אַ פּאָר מאַטראָזן.

—כ׳פאַרשטיי דאָ גאָרנישט! צו אַלדי שוואַרץ יאָר!—האָט האַרי געברומט, ווי אַ געבונדענער לייב. אָבער דער ענין איז באַלד קלאָר געוואָרן.

אויפן שוועל פונם הייזל האָט זיך באַוויזן אַ מחנה ווילדע מיט ברענענדיקער סמאָלע און מיט פייל און בויגן אין די הענט. באַלד נאָך זיי האָט זיך באַוויזן אַ גרויער זקן, וואַרשיינלאַך דער ראש. אין דער באַגלייטונג פון אַכט פאַרשוין, וואָס האָבן גע־טריבן פאָרויס די פוילע וועלטערס מיט געבונדענע הענט.

האַרי האָט אַלץ פאַרשטאַנען. די ווילדע האָבן געפונען די איינ־געשלאָפענע וועכטער. זיינען זיי אָן שום מניעות אַריין אין הייזל און האָבן דאָרט אַלעמען געבונדן. דאָס אַלץ האָבן זיי אָפּגעטאָן אין דערפינסטער און קיינער האָט גאָרנישט געהערט. האַרי האָט זיך אַפילו שטאַרק געחדושט, וואָס די ווילדע האָבן זיי ערשט געבונדן, און נישט באַלד דערהרגעט אויפן אָרט. ער האָט אָבער גאָרנישט באַמערקט, אַז דידאָזיקע ווילדע שיידן זיך שטאַרק אונטער פון די אייליקאָליעפן, באַמערקט האָט בלויז דער אַלטער סיגריף.

דער טשעסלער האָט זיך פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער געפּרובט

פֿאַרפֿירן עפּיס אַ שמועס מיט די ווילדע אויף אַ צעקאַליעטשעטן פּועדזשינער לשון.

—ברידער!—האָט ער געזאָגט.—מיר זיינען די אייליקאַליעפּנס שונאים!—און האָט בעת-מעשה אַרויסגעצויגן אויף זיין געזיכט דעם סאַמע פֿריינטלאַכסטן אויסדרוק.

די עטלאַכע ווערטער האָבן, זעט אויס, געמאַכט אַן איינדרוק. די ווילדע האָט שטאַרק געשמייכלט, וואָס אַ ווייסער קען זייער שפּראַך, אויף זייערע פּנימער האָט זיך באַוויזן אַ גוטמוטיקער אויסדרוק.

דער אָנפֿירער איז צוגעגאַנגען צו סיגריפֿן, האָט אים פֿריינטלאַך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן רוקן און איבער דער ברוסט, און בעת-מעשה געקוואָקעט, ווי אַ הון, וואָס רופֿט צונויף אירע הינדעלאַך. באַלד דערנאָך האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע דרשה, פֿון וועלכער סיגריף האָט גאַנץ ווייניק פֿאַרשטאַנען.

דאָך האָט ער פֿאַרשטאַנען אַזויפֿיל, אַז דער אָנפֿירער רעדט עפּיס וועגן געדולד און צרות, וועגן העלדישקייט און פּיין און פֿרעגט אים, פֿאַרוואָס זיינען עס די ווייסע שונאים פֿון די אייליקאַליעפּן.

מיטן ערשטן טייל פֿון זיין ענטפֿער, וואָס איז באַשטאַנען אין אויסדריקן די פֿריינטלאַכסטע געפֿילן און האַרצלאַכסטע וואונטשן, האָט זיך נאָך סיגריף ווי-עס-איז געגעבן אַן עצה. אָבער מיטן צווייטן טייל, אין וועלכן ער האָט באַדאַרפֿט ענטפֿערן אויף די פֿראַגן פֿונם ראש, האָט געהאַלטן גאַנץ שלעכט. דאָך האָט ער זיך נישט פֿאַרלוירן און דורך רמזים און האַנטצייכנס האָט ער דערציילט די ווילדע, אַז זיי זיינען געקומען צופֿאָרן פֿון מערב, אַז זייער שיף איז צעבראָכן געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך געטראָפֿן מיט די אייליקאַליעפּן און האָבן מיט זיי ערלאַך געהאַנדלט. יענע אָבער האָבן ביי זיי צוגענומען די טייערסטע זאַכן, און האָבן זיי פֿאַרשאַפֿט גרויסע צרות.

די ווילדע האָבן זייער אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט די לעבעדיקע דערציילונג און יעדעס מאָל, ווען סיגריף האָט דערמאָנט דעם נאָמען אייליקאַליעפּן פֿלעגט ער בייז פֿאַרקרימען דאָס געזיכט

און די ווילדע פלעגן עס באַלד נאָכמאַכן.

הגם די ווילדע האָבן סיגריפן נישט איינגאַנצן פאַרשטאַנען, דאָך האָט מען געקאָנט מערקן, אַז ער האָט ביי זיי אָנגערירט די סאַמע פילבאַרסטע סטרונעס פון האַרצן. די ווילדע אָבער האָבן נישט פרייגעבונדן—נישט אים און נישט זיינע חברים. סיגריף האָט דערפאַר געפונען פאַר נויטיק זיך צו באַליידיקן און ער איז מאַיעסטעטיש אַנטשוויגן געוואָרן.

די ווילדע אָבער האָבן דאָס גאַנץ ווינציק זיך גענומען צום האַרצן. זיי האָבן זיך אַלע אויסגעצויגן אויף דער ערד, מיט די פיס צום פייער און זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן, צוזאַמען מיט זייער ראש. צו היטן די געפאַנגענע האָבן זיי אויך געלאָזט צוויי וועכטער, וואָס האָבן אָזוי טריי דערפילט זייערע פליכטן, אַז זיי האָבן נישט דערלויבט די געפאַנגענע צו מאַכן די מינדעסטע באַוועגונג. קוים האָבן די אַמעריקאַנער זיך צוגערירט צו זייערע שטריק, האָבן די וועכטער זיי גלייך גענומען דרויען מיט די פיקעס און האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי וועלן באַלד אויפוועקן די איבעריקע חברים. סיגריף און האַרי האָבן איינגעזען, אַז דאָ וועט גאָרנישט העלפן, האָבן זיי זיך באַמיט צו ליגן רוהיק און זיינען אַפילו איינגעשלאָפן.

באַגינען זיינען אַלע ווילדע אויפגעשטאַנען. אַ טייל פון זיי צוזאַמען מיטן אָנפירער זיינען אַוועקגעגאַנגען ערגיץ ווייט, און האָבן זיך נישט געוויזן אַ פּאָר שעה צייט.

די איבעריקע האָבן שטריינג געהיט די געפאַנגענע, הגם זיי האָב. מיט התמדה געשפילט אין ביינדלאַך און אין קליינע העלצעלאַך איינמאָל האָט איינער פון זיי באַמערקט, אַז סיגריף באַמיט זיך צוצעשניידן מיט אַ מעסער די שטריק און דערפאַר האָט ער אים געבונדן די הענט הינטערן רוקן. מען האָט געגעבן סיגריפן צו פאַרשטיין, אַז ער וועט מאוס באַצאָלן, אויב ער וועט זיך נישט האַלטן רוהיק.

מיטאָגצייט זיינען געקומען די ווילדע, וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען אינדערפרי צוזאַמען מיטן ראש. זיי זיינען געווען שטאַרק אויפגעלייגט. אַממערסטן האָט געאַרבעט דער ראש. ער איז הויך

אונטערגעשפרונגען כדי צעוויין, ווי גרויס איז די זאך, פון וועלכער ער רעדט. די איבעריקע ווילדע האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. סיגריף האָט צום סוף פארשטאַנען, אַז דער ראש מוז ריידן פון אַ גרויסן וואַלפיש, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אויפן מזרח-ברעג. דאָס איז מסתמא געווען איינער פון יענע צוויי וואַלפישן, וואָס די וואַנדערער האָבן געזען אינם ים-קאַנאַל.

די לאַגע פון די געפאַנגענע האָט זיך דערווײַלע נישט פאַרבע-סערט און נישט פאַרערגערט. די ווילדע האָבן זיי געלאָזט ליגן אין ווינקל געבונדענע, און האָבן זיי נישט געגעבן צו עסן נישט צו טרינקען. צוערשט האָבן זיי די ווייסע מענטשן שטאַרק פאַר-אינטערעסירט מיט זייערע פנימער און געוויינהייטן, איצט אָבער האָבן זיי זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף זיי און נישט געזען צו פאַרלײַכטערן זייער לאַגע. די געפאַנגענע זײַנען געלעגן גע-בונדן ווי בהמות פאַרן שלאַכטן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די שטימונג פון די געפאַנגענע איז גע-ווען זייער אַ געדריקטע. צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט זיך פאַרן הייזל דערהערט אַ גרויסער גערויש און געפילדער פון אַ פילקע-פיקן המון, וואָס האָט, קענטיק, געמוזט הויפּטזעכלאַך באַשטיין פון ווייבער, ווײַל זייערע קוויטשערייען האָבן פאַרהילכט די לופט.

דערנאָך האָבן זיך אַלע איינגעשטילט און איינע פון די פרויען איז אַריין אין הויז. אַלע האָבן איר אָפּגעגעבן גרויס כבוד. דאָס איז, וואַרשיינלאַך, געווען די מלכה פונם שבט.

די מלכה פון די טענעקאסן.

אינם ערשטן אויגנבליק האָט זי, ווי עס ווייזט אויס, נישט באַמערקט די געפאַנגענע, ווייל איר אויג האָט זיך נאָך נישט צוגעוויינט צו דעם האַלבפינסטערן הייזל. די געפאַנגענע אָבער האָבן זי באַלד דערזען. זיי האָבן באַטראַכט איר קלייד, גענייט פון אַ וואָלענעם שטאָף לויטן מוסטער פון די אייראָפּייאישע קליידער. אויסערדעם, האָט זי געטראָגן זילבערנע בראַנזאָלעטן, לעדערנע שיך און אַ רויטן, לייוונטענעם שירם. ס'האָט אויסגעזען משונה, וואָס אַן אייגעבוירענע אייגוואוינערין פון דער פייערדי־קער ערד גייט אייראָפּייאיש געקליידט. אַז זי שטאַמט פון די ווילדע, האָט מען דייטלאַך געקענט זען פונם ערשטן אויגנבליק. זי איז אויך געווען קליינוואוקסיק, האָט געהאַט אַ טונקל־רויטע הויט, אַ גרויסגערוקטע קינבאַקן, אַ ברייט מויל, קוילן שוואַרצע אויגן און פעכשוואַרצע האָר. אָבער אַ מאָדנע זאַך, דידאָזיקע קעניגין איז נישט געווען מאוס, בשעת די אַרומיקע ווילדע זיינען געווען מער ענלאַך צו מאַלפּעס איידער צו מענטשן. אַן אויסדרוק פון מענטשלאַכקייט און גוטסקייט האָט באַחנט איר געזיכט. פון אָנ־

הויב האָט מען געקענט מיינען, אַז דערדאָזיקער אויסדרוק איז בלויז אַ פּשוטער צופאַל, אָבער די אויגן אירע האָבן געשטראַלט מיט שׂכל און מענטשלאַכער ווירדע. אויסערדעם איז זי געווען זייער גראַציעז, לייכט און שלאַנק.

האַרי טשעסטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ערנבויגן און האָט בע־סער באַטראַכט די קעניגין. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט שוין אַמאָל געהאַט געזען דאָסדאָזיקע ליבע געזיכט, אָבער וואו? ווען? האַרי האָט גאָרנישט געוואָלט אָנשטרייגגען דעם זכרון, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט קיינמאָל אין ערגיץ נישט געזען אַזאַ מין געשטאַלט.

פלוצלונג האָט האַרי באַמערקט אין דער מלכהס סוויטע אַ געשטאַלט, וואָס האָט אים גלייך דערמאָנט אָן אַ האַלב פאַרגעסענער פּאַסירונג פון זיין יוגנט. דאָס איז געווען אַ ווילדער יונג, אָבער טיילווייז אָנגעטאָן אייראָפּייאיש. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַן אַלטן צילינדער, אויף די פיס אַ פּאָר אַלטע שוואַרצע הויזן, וואָס זיינען שוין אָפּגעקראָכן פון אַלטקייט. אויפן האַלז — אַ ווייסן שמאָלן קראַגן. ער איז געשטאַנען און האָט זיך העכסט עלעגאַנט געשפּילט מיט אַ שטעקעלע.

דאָס שטעקעלע האָט האַרין אַלץ קלאָר געמאַכט.

ער האָט זיך באַלד דערמאָנט אינם געראַנגל פון די דריי רויט־הויטיקע אויסלענדער מיט די האַפּנמייז, בשעת ער, האַרי, האָט זיך גרויסמוטיק אָנגענומען פאַר זיי צוזאַמען מיט נעד גאַנייען.

די אַלע ערינערונגען האָבן ווי אַ בליץ אַדורכגעפלויגן אין זיין זכרון. באַלד האָט ער זיך אויך דערמאָנט די נעמען פון די ווילדע. מיט גרויס מי האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע געבונדענע פיס און האָט זיך אָנגערופן:

— אָקאַכלו! אָרונדעליקאָ!

די קעניגין און אירע באַגלייטער האָבן ממש אויפגעציטערט דער־הערנדיק פלוצלונג זייערע נעמען. די מלכה האָט טיפער אַריינ־געשטאָכן אירע אויגן אין דער טונקעלער לופט פונם הייזל און

האָט, קענטיק, גלייך אויפן אָרט דערקאָנט איר פֿאָרטסמוטער באַשיצער.
אויף וואָס פֿאַר אַ מדרגה די ווילדע אָקאַכלו זאָל נישט שטיין סיי גייסטיק און סיי פיזיש, איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרן, אַז זי באַזיצט נישט דעם פעלער פון אומדאַנקבאַרקייט. האָט זי נאָר דערקאָנט האַרין, איז זי געפאַלן פאַר אים אויף די קני און האָט אים אַ קוש געטאָן אין האַנט, ווי זי האָט עס געטאָן מיט פינף יאָר צוריק, אין פאָרטסמוטער האַפן.
אין דערזעלבער צייט האָט זי זיך אָנגערופן צו אים אויף איינגליש:

—איר זענט דאָ, מיין טייערער סער, איר זענט דאָ, מיין גרויסמוטיקער באַשיצער! איך קאָן אַפילו נישט אייער נאָמען. איך האָב אייך אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן. געבענטשט זאָל זיין די שעה, ווען איך האָב אייך ווידער דערזען. אָ, מיין ליבער, דורך מעשים וועט איר דערקאָנען מיין דאַנקבאַרקייט!
אָרונדעליקאָ האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע: ער האָט זיך געוואָרפן מיט דער גרעסטער ליבע און אָנערקענונג צו האַרין, צום אומגליק אָבער האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן די איינגלישע שפּראַך, און וועלכער ער האָט מסתמא שטענדיק שטאַרק צוגעהינקט. דעריבער האָט ער גאָרנישט געקאָנט זאָגן און האָט באַגלייט זיין אייראָפּייאישע באַגריסונג מיט אַן עכט פועדזשישן קוואָקען...

—איר קענט אונז שוין טאָן אַ גרויסע טובה, אויב איר האָט נאָר די אמתע מאַכט דערצו—האָט האַרי געזאָגט.—באַפרייט אונז פון די שטריק, מיט וועלכע מען האָט אונז געבונדן.
ערשט איצט האָט אָקאַכלו באַמערקט, אַז האַרי איז געבונדן און זי האָט אינגאַנצן אויפגעציטערט פון פאַרדרוס.
—ווי אַזוי איז עס געשען?—האָט זי אויסגערופן—מיין באַשיצער ליגט געבונדן ווי אַ שקלאַף, און וואו? אויף מיין ערד! באַפרייט די אייראָפּייער!—האָט זי זיך אָנגערופן צו אירע שוואַרצע לייט—און גיט זיי אָפּ דעם גרעסטן כבוד, ווייל זיי האָבן אים פאַרדינט. זיי זיינען מיינע פריינט און פאַרבינדעטע.

דער באַפעל איז תּיכף אויסגעפירט געוואָרן. די ווילדע האָבן באַפרייט די אייראָפּייער און האָבן זיי באַגריסט מיטן גרעסטן פועדזשישן דרך-ארץ. די ווייסע האָבן זיך לאַנג נישט געקווייקלט און האָבן ג[illegible]עטן עפּיס צו עסן.
אָקאַכלו האָט [illegible]ייסן, מען זאָל באַלד אַריינטראָגן פיש און גערויכערט פלייש. [illegible]ן זי אַליין האָט באַדינט די ווייסע געסט.

ביים עסן האָט איר האַרי פאַרציילט, ווי אַזוי דאָס בייזע מזל האָט אים פאַרטראָגן אַהער.
עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האַרי מיט זיינע פריינט האָבן זיך גאָרנישט געפונען אויף דער טייוולאַינזל נאָר אויף אַ האַלבאינזל, אין דער מדינה פון די טענעקאָסן, איבער וועלכע אָקאַכלו איז געווען די הערשערין. דאָס הויז, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט די נאַכט, איז אויסגעבויט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויף אָקאַכלוס באַפעל, אָבער זי האָט דאָס הויז פאַרלאָזט און האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ נייעם הויז, אויף דער צווייטער זייט פון דעם האַלבאינזל. אינדערפרי, ווען מען האָט איר געבראַכט די ידיעה, אַז אירע זעלנער האָבן גענומען געפאַנגען אַ פּאָר ווייסע, איז זי בעת-מעשה געשטאַנען ביים ברעג ים און זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי מען האָט אויפגעשניטן אַ וואַלפיש, וואָס די ים-כוואַליעס האָבן אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג. דערהערט, אַז מען האָט גענומען געפאַנגען עטלאַכע ווייסע מענטשן, האָט זי תּיכף פאַרלאָזט דעם ברעג און איז אַוועק צום הייזל. די ווייסע מענטשן האָבן איר שטענדיק שטאַרק אינטערעסירט.
ווי אַזוי האָט זי זיך אייגנטלאַך באַקענט מיט די ווייסע און ווי אַזוי איז זי געקומען קיין פאָרטסמוט?
מיט אַ יאָר אַכט צוריק, איידער די „קאַליפּסאָ” איז אונטערגעגאַנגען, האָט דער אַדמיראַל פירצאָי, דער קאַפּיטאַן פון דער שיף „ביגל”, באַזוכט די פייערדיקע ערד, צו מאַכן דאָרט אויספאָרשונגען און באַצייכענען דידאָזיקע ערד אויף דער מאַפּע. די ווילדע האָבן ביי אים צוגעגנבעט אַ שיפל, האָט ער דערפאַר גענומען ביי זיי געפאַנגענע. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. דאָס

שיפֿל האָט זיך נישט געפֿונען. דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעלאָזט די געפֿאַנגענע, ער האָט אָבער פֿאַרהאַלטן דריי נפשות פֿון זיי. דעם עלטסטן פֿון די דריי געפֿאַנגענע, וואָס האָט געהייסן עלעפֿאַרי, האָט דער קאַפּיטאַן פֿאַרהאַלטן אַ לייַנגערע צייט, ווייל ער איז געווען זייער ווילד און שלעכט, און האָט געוואָלט אַ ביסל אויסווייַכערן זיין כאַראַקטער. דער צווייטער איז געווען אַ יינגל פֿון אַ יאָר צוועלף, מיטן נאָמען אָרונדעליקאָ, וואָס האָט אַרויסגעוויזן געוויסע פֿעיקייטן. קאַפּיטאַן פּירצאָי האָט אים אָפּגעקויפֿט ביי זיינע עלטערן פֿאַר אַ מעשענעם קנאָפּ. דער דריטער, אָדער ריכטיקער, די דריטע איז געווען אָקאַכלו, אַ יתומה און אַ קרובה פֿונם ראש פֿון די טענעקאַסן.

דער קאַפּיטאַן פּירצאָי האָט גערעכנט, אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, וואָס ער פֿירט זיי אַוועק קיין איינגלאַנד. דאָרט האָט ער זיי געוואָלט דערציען און נאָכדעם איבערלאָזן זיי די ברירה: אָדער פֿאַרבלייבן אין איינגלאַנד אָדער זיך אומקערן אַהיים, וואו זיי וועלן קאָנען אַרייַנטראָגן ליכט אין די פֿינסטערע מוחות פֿון די ווילדע שבטים. דער קאַפּיטאַן האָט אַרייַנגעגעבן די געפֿאַנגענע אין די בעסטע שולעס און האָט גענומען צו זיי גענייטע און באַוואוסטע לערער.

אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט ציוויליזירן, אָבער נישט אין אַ גלייַכער מאָס און אויף איין שטייגער. די יונגע אָקאָכלו האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעיקייטן און אַ סך פֿלייס. די שול-חברטעס האָבן איר אָנגערופֿן פּועדזשיאַ, אַזוי הייסט אויף פּאָרטוגאַליש די פֿייערדיקע ערד. אָרונדעליקאָ האָט זיך געלערנט זייער אויבערפֿלעכלאַך. ער האָט באַוויזן איבערצונעמען נישט מער ווי אַ פּאָר אויסערלאַכע זייטן פֿון דער ציוויליזאַציע. אַזוי, למשל, האָט ער שטאַרק געזאָרגט וועגן דעם, ער זאָל אויסזען פּאַצעטיש, מעשהפּראַנט. אָן אַ שטעקעלע אין דער האַנט און אָן אַ פּאָר עלעגאַנטע הענטשקעס פֿלעגט ער זיך נישט ווייזן אין גאַס. קיין שום ערנסטע קענטנישן אָבער האָבן אים נישט אינטערעסירט און מען האָט אים אויך נישט געקאָנט אַרייַנקלאַפּן אין קאָפּ. מיט עלעפֿאַרין האָט געהאַלטן נאָך ערגער. נישט געקוקט אויף די אַלע

באַמיונגען פון זיינע אַפּטרופּסים, איז ער דאָך פאַרבליבן דער־זעלבער ווילדער, ווי ער איז געווען. ער האָט אינסטינקטיוו גע־האַסט די ווייסע מיטן גאַנצן ברען פון זיין פּרימיטיווער נשמה און קיין שום גוטסקייט און ליבע האָט אים נישט געקענט ווייכער מאַכן. ער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין זיי. אין אַ געשלעג וואָלט ער זיך אַפילו נישט אָפּגע־שטעלט פאַר אַ רציחה. נאָך אַ פּאָר, גאַנץ טראַגישע צופאַלן זיינען זיינע מדריכים געקומען צום באַשלוס, אַז פאַר אים וועט זיין געזונטער, ער זאָל פאָרן צוריק אַהיים, ווייל דאָ וועט ער זייער שלעכט ענדיקן. אויך אָרונדעליקאָ האָט געזאָלט פאָרן מיט אים, ווייל צוליב זיין לייכטזיניקייט און פוסטקייט האָט ער אין איינג־לאַנד נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אָקאַכלון צו שיקן אַהיים, שוין צוליב אַנדערע השערות.

אירע מדריכים האָבן גאַנץ ריכטיק אָיינגעפונען, אַז אַזאַ יונג, קלוג מיידל, ווי אָקאַכלו, וואָס איז שוין מער־ווייניק באַקאַנט מיט דער אייראָפּייאישער קולטור, וועט קענען האָבן זייער אַ גרויסע און גוטע השפּעה אויף אירע ברידער, בפרט אויב מען וועט איר נאָך פאַרזאָרגן מיט די נויטיקסטע מיטלען צו איר ציווילזירטער אַרבעט. האָט מען איר געקויפט אַ פולן אויסשטייער, אַ סך מכשירים, אינסטרומענטן און קולטור־מיטלען.

מען האָט איר געגעבן די נויטיקע אָנווייזונגען, ווי אַזוי זי באַדאַרף זיך אויפפירן צווישן די פועדזשינער. אויך האָבן זיי אויס־געדריקט די האָפענונג, אַז זי וועט חתונה האָבן מיט אָרונדעליקאָן און וועט אים מאַכן פאַר אַן ערלעכן מענטשן. דערנאָך האָט מען זיי אַלע אַוועקגעשיקט אויף דער פייערדיקער ערד מיט אַ ספּע־ציעלער שיף.

אָבער יעדער פון די דריי האָט געהאַט אין דערהיים אַן אַנדער גורל.

קודם־כל האָט אָקאַכלו־פועדזשיאַ איינמאָל פאַר אַלעמאָל דער־קלערט, אַז זי וועט בשום־אופן נישט חתונה האָבן מיט אָרונדע־ליקאָן און איבערהויפּט נישט מיט קיין שום איינגעבוירענעם איינ־וואוינער און וועט איר גאַנץ לעבן פאַרבלייבן אַ מיידל. קיינער

האָט איר נישט געקענט אין דעם שטערן. אָרונדעליקאָ האָט דער־ווײלע געקאָנט מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ טיף פאַרצווייפלטן מענטשן. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געוואַנדערט איבערן ים־ברעג, געגלאָצט מיט די אויגן אויפן הימל און אויף דער ערד און דערווייל נישט אַריינגעטאָן קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער. אויב מען קאָן זיך אַזוי אויפפירן אין אַ ציוויליזירטן לאַנד, הגם דאָרט פאַרדינט עס אויך נישט קיין גרויסן שבח, איז עס אָבער אַבסאָלוט אוממעג־לאַך אין אַ ווילדן לאַנד, וואו יעדער איינער מוז פאַר זיך אַליין זאָרגן. אינגיכן וואָלט אָרונדעליקאָ אַריינגעפאַלן אין גרויס אָרימ־קייט און וואָלט מסתמא געשטאָרבן פאַר הונגער, ווען אָקאַכלו וואָלט אים נישט געגעבן עפּיס אַ באַשעפטיקונג אין איר הויף און אַזויאַרום אויפגעהאַלטן אים ביים לעבן.

וואָס אָנבאַלאַנגט יִלעפּאַרין, האָבן אים די פּאָר ציוויליזאַציע־ברעקלאַך געדינט בלויז דערויף, צו פאַרכאַפּן די מאַכט איבער דעם שבט, צו וועלכן ער האָט געהערט. קוים האָט ער פאַרמאָגט אַ ביקס, אַ מאַטראָזן־קאָסטיום, אַ טוץ מעשענע קנעפּ און אַ גאַנצע קאָלעקציע װענדקעס, איז ער אין צוויי־דריי חדשים געוואָרן איי־נער פון די מעכטיקסטע אָנפירער. די אייראָפּייער האָט ער גע־האַסט אַזוי ווי פריער און האָט נאָר געזוכט די קלענסטע גע־לעגנהייט זיי אָנצעטאָן צרות־צרורות. צום גליק האָבן זיך אַזעל־כע געלעגנהייטן געמאַכט זייער זעלטן. איצט האָט עלעפּאַרי גע־קענט עטוואָס שטילן זיין גרימצאָרן דורך די יסורים פון די ווייסע וואַנדערער.

איבערהויפּט האָט זיך פון דעם אַלעם, וואָס פירצאָי האָט אויפ־געטאָן פאַר עלעפּאַרין און אָרונדעליקאָן אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אין פינף יאָר אַרום, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, זיינען זיי ווידער אינגאַנצן ווילד געוואָרן, פּונקט ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט זיין אין אייראָפּע. אין באַצוג צו אָקאַכלון איז דעם קאַפּיטאַנס טרחה נישט געגאַנגען לאיבוד אין דעם איצטיקן פאַל מיט די געליטענע מאַטראָזן פון דער „קאַליפּסאָ״ זיינען מקוים געוואָרן זיינע נביאישע ווערטער:

—ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען פועדזשיא אָדער אירע קינדער וועלן

פריינטלאַך אויפנעמען בײַ זיך אַן אייראָפּייאישן מאַטראָז נאָך אַ שיף-קאַטאַסטראָפע, ווייל זיי וועלן געדיינקען, וואָס מען האָט זיי דערציילט וועגן די איינוואוינער פון פרעמדע לענדער, און ווייל אין זיי וועט נישט אויסגעלאָשן ווערן דאָס געפיל פון רחמנות און בארימהאַרציקייט צו מענטשן.

אין אָקאַכלוס הויף.

נאָך דעמזועלבן טאָג זיינען אָקאַכלו מיט אירע געסט, האַרי טשעסטער, סיגריף און די איבעריקע מאַטראָזן, אין דער באַגלייטונג פון איר סוויטע אַוועק צו איר אין פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אַכט מייל ווייט פון דעמדאָזיקן פּאַרוואָרפענעם הייזל.

דער פּאַלאַץ האָט געהאַט עפּיס אַ נאַאיוון חן. די ווענט און די פּאָדלאָגעס זיינען באַדעקט געווען מיט מאַטראַצן, מיט טייערע פעלן און מיט מאַנכע אייראָפּייאישע קלייניקייטן, וואָס אָקאַכלו האָט געבראַכט מיט זיך פון איינגלאַנד. מיט אַ האַרצקלאַפּעניש האָט האַרי טשעסטער דערזען אויף דער וואַנט אַ פּאָטאָגראַפיש בילד פון דעם פּאַרטסמוטער האַפן, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אָקאַכלען.

דער אַלטער ראש, וואָס האָט געהייסן אַמאַקאַ, האָט אַרויסגעוויזן די ווייסע אַ סך פריינטשאַפט. ער האָט זיי אָן אויפהער געקלאַפּט איבערן אַקסל און בעת-מעשה גוטמוטיק געקוואָקעט. געהאַנדלט אָבער האָט ער אַנדערש, ווי ער האָט גערעדט. ער האָט צוגע-

גנבעט ביי די געסט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט. אַזוי, למשל, האָט ער געוואָלט צולקחנען ביי סיגריפן זיין מעסער, וואָס יענער האָט געהאַט פאַרשטעקט אונטער זיין גאַרטל, ווי עס טראָגן על-פי-רוב די אייגגלישע מאַטראָזן. פאַר דער גנבה האָט ער אויסגעקליבן אַקוראַט יענעם מאָמענט, ווען ער האָט פריינטלאַך געקלאַפט סיגריפן איבער דער פלייצע. אָבער האַרי טשעסטער האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט. דער ווילדער האָט זיך הויך צעלאַכט, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען נישט מער ווי אַ וויץ, אָבער דאָס מעסער האָט ער נישט אָפּגעגעבן. האַרי האָט נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט אים אין אַ קריג און האָט אויסגעטוישט דעם מעסער פאַר אַ מעשענעם קנאָפּ.

—אַך, ס'איז אַ אַלטער דעלפין דאָס איז!—האָט סיגריף בייז געוואָרטשעט,—דאָס איז אַ גנב און אַ רוצח.

אַן אויסטערלישע אייגנשאַפט האָבן די ווילדע—זיי שלאָפן ווייניק. על-פי-רוב האָבן זיי אַ גאַנצע נאַכט געפלוידערט. ביי דער מינדסטער באַרישקייט פלעגן זיי זיך הויך צעלאַכן. די הינט פלעגן זיך דערשרעקן פאַר די דונערדיקע קולות און פלעגן אָנהויבן צו בילן. אַזוי־אַרום האָט זיך יעדע נאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן קאָנצערט. ביי דעם קליינעם וואוקס האָבן די ווילדע געהאַט זייער אַ שטאַרקן האַלז, און מיט זייערע שאַרפע קולות האָבן זיי געקענט פאַרהילכן אַ גאַנצע שטאָט.

די טענעקאָסן זיינען דאָך געווען מער אַנטוויקלט ווי די איילי־קאָליעפן. זיי האָבן גאַנץ קונציק געבויט זייערע וויגוואַמען. די קלענערע הייזלאַך האָבן זיי קאָנוסאַרטיק געבויט, די גרעסערע אָבער האָבן שוין געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אייראָפּייאישן הויז. די טענעקאָסן, וואָס זיינען געווען מער געניט ווי די אי־בעריקע ווילדע, האָבן גערויכערט פלייש און פיש, און האָבן זיך באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט אויף דער קאַלטער צייט פון יאָר. זיי האָבן כמעט נישט געוואוסט פון הונגער—דער גרעסטער פּלאָג פון די אַלע ווילדע שבטים, וואָס באַוואוינען די פייערדיקע ערד. זיי האָבן אויך געוואוסט, ווי אַזוי אויסצענוצן די נאַטירלאַכע רייכטימער פון זייער לאַנד, זיינען געווען געניטע פישער און

יעגער, הגם מיט ערד־אַרבעט האָבן זיי זיך נישט באַשעפֿטיקט. ווען אָקאַבלו איז געקומען צוריק אַהיים, האָט זי לכתּחילה גערעכֿנט צו פֿאַרזייען מאַנכע תּבֿואות און דערמיט אויפֿהויבן דעם וואוילשטאַנד פֿונם לאַנד. די פֿייגלאַך אָבער האָבן אויסגעפּיקט די פֿאַרזייטע קערנער און קיינער פֿון די טענעקאַסן האָט זיך נישט געוואָלט באַשעפֿטיקן מיט אַזאַ אַרבעט, וואָס מען דאַרף וואַרטן אויף זיינע רעזולטאַטן אַ לייַנגערע צייט. סוף־כּל־סוף האָט זיך אָקאַבלו אָפּגעזאָגט פֿון איר פּלאַן און איז געקומען צום באַשלוס, אַז אויב די טענעקאַסן לעבן גליקלאַך אָן ברויט און אָן בראָנפֿן, לוינט זיך נישט צו פּטרן אַזויפֿיל צייט אויף דער ערד.

זי האָט מיט ליבע באַשריבן פֿאַר די אייראָפּייער דעם לעבנס־שטייגער און די מנהגים פֿון אירע ברידער און שוועסטער און די שיינע נאַטור פֿון איר פֿאָטערלאַנד. ווי זי האָט דערציילט, זיינען די טענעקאַסן געווען אַ פֿרידלעכער שבֿט וואָס האָט ווי ווייט מעגלאַך אויסגעמיטן צו פֿירן מלחמות. דאָך זיינען זיי פֿון צייט צו צייט געווען געצוואונגען צו פֿירן מלחמות מיט די אַרומיקע שבֿטים, וואָס פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף זיי. די סאַמע פֿאַרביסנסטע און געפֿערלעכסטע שונאים זייערע זיינען פֿון תּמיד אָן געווען די אייליקאָליעפּן, ווי אויך די זשאַפּוסן. צווישן די טענעקאַסן און די שונאים האָט זיך געצויגן אַ גאַנץ ברייטער נייטראַלער פּאַס, וואָס האָט זיי מער אָדער ווייניקער פֿאַנאַנדערגעשיידט. איבערהויפּט פֿלעגן די אומגליקלאַכע שבֿטים אָנפֿאַלן אויף די טענעקאַסן נאָר דעמאָלט, ווען יענע פֿלעגן שוין שטאַרבן פֿאַר הונגער. אָקאַבלו האָט דאָס גוט פֿאַרשטאַנען און פֿלעגט זיי אָפּט צושיקן אַ ביסל פּראָוויאַנט אָנשטאָט שטייגער און פֿיילן. נאָך אַ סך געפֿערלאַכער פֿאַר די אייליקאָליעפּן זיינען געווען די אָקוסמענער, וואָס האָבן געוואוינט אין צפֿון פֿון ים־קאַנאַל, אויף דער צווייטער זייט פֿון דער בערג־קייט. די אָקוסמענער זיינען, לויט איר פֿאָרשטעלונג, געווען גרויסע קריגער, וואָס האָבן גענייט זיך באַנוצט מיט דער באָלע, אַ שרעקלאַך געווער, ענלאַך צו לאַסאָ. צום גליק, זיינען די אָקוסמענער געווען שלעכטע פֿאָרער אויפֿן

ים, ווייל זיי האָבן זיך אויסשליסלאַך פאַרנומען נאָר מיט יאַגד.
אַריבערקריגן זיך אויפן צווייטן ברעג פון ים-דורכגאַנג האָבן זיי
געקענט נאָר מיט דער הילף פון די אייליקאָליעפן אָדער זשאַ-
פוסן. יענע אָבער האָבן זיך אַליין געשראָקן אַריינצעבריינגען אין
זייער לאַנד דידאָזיקע שרעקלאַכע מענטשן.

ווייטער האָט אָקאַכלו דערציילט, אַז איר שבט פאַרנעמט זיך מיט
געיעג אויף ביבערס, ים-הינט און אַנדערע חיות.

ביים יאַגד אויף די ים-הינט באַנוצן זיי זיך געוויינלאַך מיט הינט.
די הינט שווימען אַריין אין אָפענעם ים און יאָגן אַרויס די
ים-הינט אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, וואו די יעגערס
טויטן זיי. ביבערס כאַפן זיי אויף די ברעגעס פון די אָזערעס,
וואָס ליגן אין צפון פון זייער לאַנד.

פיש פאַנגען זיי אויף אַ זייער פרימיטיוון אופן. זיי האָבן אַפילו
ווענדקעס אָן האַטשיקעס. צו אַ לאַנגן שטריק געפלאָכטן פון האָר,
בינדן זיי פשוט צו אַ שטיקל פלייש. דער פיש שלינגט איין דאָס
פלייש און איידער ער באַפרייט די ציין פון דעם האַרטן קלע-
פיקן פלייש, ציט דער פישער אים אַרויס פון וואַסער. דער
שטריק ווערט צוגעבונדן צו אַן איינפאַכן שטעקן, וואָס איז לאַנג,
ווי אַ בייטש. די טענעקאַסן שלאָגן אויס פייער פון קראַמשטיין, וואָס
זיי האָבן תמיד מיט זיך, ווי אַן אייראָפייאישער רויכערער האָט
תמיד זאַפאַלקעס ביי זיך אין די קעשענעס. די פונקען שלאָגן זיי
אַריין אין פייגלשן פוך, אָדער אין אויסגעטריקנטן מאָך, אָדער
אין אַזאַ מין שוואָם.

אָרונדעליקאַ האָט מיט גרויס פאַרגניגן אויסגעהערט אָקאַכלוס
דערציילונגען וועגן זיין שבט. ער האָט געוואָלט אויסנוצן די
געלעגנהייט און באַווייזן די געסט, אַז ער שטייט העכער פאַר
די אייליקאָליעפן בכלל און פאַר זייער העכסטן אָנפירער, עלע-
פאַרין בפרט, און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ מינע פון דער גרעס-
טער גרינגשעצונג:

עלעפאַרי איז אַ שלעכטער מענטש! ער האָט מיך באַגנבעט באַלד
ווי מיר זיינען אַראָפגעגאַנגען פון דער איינגלישער שיף... ער
איז זייער אַ שלעכטער מענטש!.. גאָר אַ שלעכטער מענטש!.. ער

עפּעס דעם וואָלפיש-טראָן!

באַלד דערויף האָט אָרונדעליקאָ זיך אָנגעשטאָפּט אַ פול מויל מיט רויען יפּ-הונט-פלייש. איז דען פאַראַן כאָטש איין פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט זיך האַלטן בעסער פאַר אַלע איבעריקע פעלקער?

דערווייל האָט האַרי געקענט זאָגן אויף זיכער, אַז מיסטער גאַני מיט זיין פאַמיליע און מיט די איבעריקע מאַטראָזן זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט דוקא צו עלעפאַרין, אַקאַכלו האָט געהערט מיט אַ וואָך צוריק, אַז אין עלעפאַריס נייעם לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ברעג פון ביגלישן קאַנאַל, האָבן זיך באַוויזן ווייסע געפאַנגענע. האַרי האָט זיך אַפילו דערפרייט, וואָס די געפאַנגענע געפינען זיך ביי עלעפאַרין, דאָך איז ער געווען דער דריטער פון יענע דריי פּועדזשיבער, וואָס האַרי טשעסטער מיט נעד גאַריען האָבן זיי באַפרייט פון די בייזע האַפּנמיין. אַקאַכלו האָט זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס די פאַמיליע פון אירע באַשיצערס געפינט זיך אין די הענט פון די אייליקאַליעפן. זי האָט געלייגט זייער ווינציק האָפענונג דערויף, אַז מען זאָל עפּיס קאָנען מאַכן מיט די אייליקאַליעפן.

— עלעפאַרי פאַרהאַסט די ווייסע אין דערזעלבער מאָס, אויף וויפיל איך שעץ זיי און האָב זיי ליב, — האָט זי געזאָגט. — ווי אַלע שלעכטע מענטשן, האָט ער בכלל פיינט די יעניקע, וואָס האָבן אים אַמאָל געטאָן אַ טובה. איך גלויב נישט, ער זאָל באַפרייען די געפאַנגענע. אַלנפאַלס וועלן מיר פּרובן אונטערהאַנדלען מיט אים. אויב דאָס וועט נישט העלפן, וועלן מיר מוזן קעמפן מיט אים.

האַרי האָט איר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און געזאָגט:

— מיר מוזן טאָן אַלץ, וואָס מיר וועלן נאָר קענען. אָבער מיר מוזן זיך פריער פאַר אַלעם איבערצייגן, צי די מיסטער גאַני מיט די איבעריקע געפינען זיך ווירקלאַך ביי די אייליקאַליעפן און צי זיי לעבן גאָר בכלל. אודאי מוזן מיר קעמפן, אויב מיר וועלן נישט קאָנען דורכקומען מיט גוטן.

די שליחות.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיסטער גאַניי, זיין טרוי און מאַכטער, דער באַצמאַן לייאָנס, מאַלוקס און נאָך דריי מאַטראָזן האָבן זיך געפונען אין עלעפאַריס לאַגער, ווי אַקאַבלו האָט פאָרויסגעזען.

די געפאַנגענע האָבן די גאַנצע וואָך געלעבט אין אויסערגעוויינלאַך שלעכטע באַדינגונגען. די ווילדע האָבן פון זיי קיין אויגנבליק ניט אַראָפּגעלאָזט און האָבן זיי יעדע רגע געדראָט מיט די האַרבסטע שטראָפן. געוואוינט האָבן זיי אינמיטן לאַגער אין אַ שמוציקן געצעלט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר שטעקנס, באַצויגן מיט אַ פעל. דער געצעלט איז געשטאַנען ביים הילצערנעם פאַרקאַן, וואָס האָט אַרומגעצוימט עלעפאַריס הייזל. אַרום דעם דאָזיקן „שלאָס" זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן שמוציקע הייזלאַך, וואָס האָבן געהערט צו די איבעריקע איילינקאָליעפן. דער גאַנצער לאַגער האָט זיך געפונען אויף אַ קליינער האַלבאינזל, וואָס איז געווען פאַראייניקט מיט דער יבשה דורך אַ שמאָלן וואַסערדורכגאַנג. אין אַן אָרט, וואו דער וואַסערדורכגאַנג איז געווען

באַזונדערס שמאָל, איז געלעגן אַ ברעט, וואָס האָט פֿאַרייניקט די האַלבאינזל מיט דער יבשה. דאָסדאָזיקע ברעט איז טאָג און נאַכט באַוואַכט געוואָרן פֿון די ווילדע.

אויף אַזאַ אופֿן איז געווען אוממעגלעך, אַז די געפֿאַנגענע זאָלן קענען אַנטלויפֿן, הגם אין געצעלט האָבן זיי זיך געפֿילט גאַנץ פֿריי. דאָרט, אין געצעלט, האָבן זיי געקאָנט הערן און זען אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דערפֿל: דאָס פֿעל פֿון זייער געצעלט איז געווען ערטערווייז שטאַרק דורכגעלעכערט. דאָס אָבער, וואָס זיי האָבן דאָרט געזען, האָט זיי געקענט זייער ווייניק טרייסטן.

יעדן טאָג האָבן די ווילדע געפֿאָדערט, מען זאָל טויטן די געפֿאַנגענע. דאָס האָט מען געקענט גאַנץ לייכט פֿאַרשטיין פֿון זייערע געשרייען, באַוועגונגען און זשעסטן, וואָס זיי פֿלעגן שיקן אין דער ריכטונג פֿון די געפֿאַנגענע.

אַממערסטן האָבן די געפֿאַנגענע געהאַט אויסצעשטיין פֿון די הינט. טאָג און נאַכט האָבן זיי אַרומגעשנאָרט איבערן לאַגער, און אָן אַן אויפֿהער געבילט. קיין זאַך אין דער וועלט האָט נישט געקענט פֿאַרבלענדן דידאָזיקע ערלאַכע, אומערמידלאַכע וועכטער.

און אַ מאָדנע זאַך: פֿאָלוקסן האָבן זיי פֿיינט געהאַט, ווי דעם טויט, אַזוי ווי די ווילדע האָבן אים פֿיינט געהאַט, זיי פֿלעגן זיך תּמיד וואַרפֿן אויף אים און דער אָרימער נעגער האָט אַלעמאָל געהאַט צו זאָרגן, ווי אַזוי צו פֿאַרהיטן בעסער זיינע פֿיס פֿון די געפֿערלאַכע ציין.

אויב די איילעקאָליעפֿן האָבן נאָך אַלץ נישט אויפֿגעפֿרעסן פֿאָלוקסן, האָט ער דאָס געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אויסשליסלאַך זיינע קאָכפֿעיקייטן. נאָר דאָס האָט אים געראַטעוועט פֿון די איילעקאָליעפֿן. הגם זייער אָנפֿירער האָט זייער ווייניק געהאַלטן פֿון דער אייראָפּייאישער קיך, דאָך האָט ער מיט גרויס הנאה געפֿרעסן פֿאָלוקסעס מאכלים. דאָס איז אָבער ווייניק אָנגעגאַנגען די אַלטע מכשפֿות פֿון דעמדאָזיקן דערפֿל. זיי וואָלטן זיך אַ סך מער געפֿרייט, ווען מען דערלאַנגט זיי אַ געבראָטן שטיקעלע נעגער, אָבער נישט אַז דער נעגער זאָל דערלאַנגען אַ געבראָטן

שטיקעלע ים-הונט... יעדעס מאָל, וואָס זיי פלעגן אים דערזען, פלעגן זיי אָנהויבן צו וואָיען, מאַכן גרימאַסן און שטשירען מיט די ציין, ווי אמתע הינט. פאַרשטאַנען די כוונה פון די מכשפות, האָט פאָלוקס געגומען ציטערן אויפן גאַנצן לייב, פלעגט זיך איינשרומפן און פלעגט אַריינלויפן נישט-טויט, נישט-לעבעדיק צו דעם ראש אין הייזל. דאָרט, ביי דעם ראש אין הייזל, האָבן די מכשפות קיין מאַכט נישט געהאַט איבער אים. פאָלוקס פלעגט גאָטירלאַך אויסמיידן זיך צו ווייזן פאַרן המון, מען זאָל אים פשוט נישט צערייסן און אויפפרעסן.

די גאַנצע צייט האָבן די ווילדע אָוועקגעלייגט אַ סך מי און כוחות, כדי זיך צו שאַפן גענוג מיטלען צום לעבן. יעדן פרימאָרגן פלעגן אַלע איינוואוינער פון דערפל, מאַנסליים, ווייבער און קינדער, אָוועקגיין אויפן ברעג פון ים אָדער אין וואַלד, כדי צו געפינען עפּיס אויף צום עסן. זיי פלעגן עטוואָס באַרייכערן זייערע פּרעסזאַפאַסן אין די שעהן פונם אָפּפלוס. פלעגט עס אַמאָל נישט געלינגען, פלעגן די ווייבער זיך אַרונטערלאָזן אין וואַסער נאָך ראַקעס און ים-פירות. אַזאַ מין אַרבעט איז עפּטער געווען פאַרבונדן מיט סכנות-נפשות.

די אַרבעט פלעגט דורכגעפירט ווערן אויף אַזאַ מין אופן. צוויי ווייבער פלעגן אַרויספאָרן אויפן ים. פלעגט איינע איינהאַלטן מיטן רודער דאָס שיפל און די צווייטע פלעגט צובינדן אַ קוישל צום גאַרטל און פלעגט זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער, מיטן קאָפּ אַראָפּ. זי פלעגט זיך באַווייזן אין אַ צוויי-דריי מינוט אַרום מיט אַ שווער פאַרשטיקטן אָטעם. שווימענדיק ווי אַ הונט, וואָס רודערט מיט די לאַפּעס, פלעגט זיך אָנכאַפּן אָן שיפל, אַרויסוואַרפן דער חברטע איר שלל, זיך אָפּרוען אַ פּאָר מינוט און זיך ווידעראַמאָל אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין. דאָס פלעגט זי איבערחזרן אַ פּאָר מאָל, אַזוי לאַנג, ביז די כוחות פלעגן איר פולשטענדיק פאַרלאָזן. דעמאָלט פלעגט זי שוין אויפהאַלטן דאָס שיפל, און די ערשטע פלעגט זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער. די שווערע אַרבעט פלעגט על-פי-רוב דויערן עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד. מיד ביז צום טויט, פלעגן די אומגליקלאַכע ווייבער זיך אומקערן אַהיים.

באַלד פון שיפּל פלעגן זיי שנעל לויפן צום פייער, צו דער־וואַרימען די בלוטן נאָכן קאַלטן וואַסער.

די ים-פּירות זיינען געווען דער ליבסטער מעכל ביי די אייליקאַ־ליעפן, און דער ווילדער המון פלעגט טאַנצן און שפרינגען פון שמחה.

אויסער די אומגליקלאַכע ווייבער, מוזן אויך די הינט שאַפן צום עסן פאַר זייערע הערשער און בעלעבאַטים. זיי ווידער האָט מען אויסגעלערנט צו כאַפּן ים-פייגלאַך, וואָס געפינען זיך צווישן די פעלזן.

די ווילדע האָבן געוויינלאַך געקליבן ראַקעס צווישן די פעלזן, אַזוי לאַנג, ביז דאָס צופלוסוואַסער פלעגט זיי נישט פאַריאָגן פון דאָרט. און דאַך האָבן זיי זייער אָפט געליטן הונגער. אויב זיי האָבן געוואוינט אין עפּיס אַ געגנט אַ פּאָר חדשים נאָכאַנאַנד, איז די פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מדבר. געגנוג צו עסן האָבן זיי געהאַט זומער און הערבסטצייט. פרילינג און ווינטער פלעגן זיי אויסשטאַרבן מאַסנווייז.

איינמאָל האָבן זיי אַ לייגגערע צייט נישט געהאַט וואָס צו עסן. סיי דער יאַגד און סיי דער פישפאַנג האָט זיי גאָרנישט גע־געבן. צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט געווילדעוועט דער שטורעם. מען האָט קיין ראַקעס נישט געפונען. די יאַגדעס און פּירות האָבן זיי שוין לאַנג אויסגעקליבן אויף אַ מיילנווייטער שטרעקע. די פייגלאַך זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. אַפילו שוואָמען און קאָרע האָבן זיי אויך ווינציק געפונען אין די אַרומיקע וועלדער. דער הונגער האָט זיך שטאַרק געלאָזט שפּירן. די לאַגע איז געוואָרן אַ קריטישע.

די ווילדע זיינען אַרומגעגאַנגען איבער דעם לאַגער, ווי הונגע־ריקע וועלף, גרייט צו צערייסן דעם ערשטן געפאַנגענעם, וואָס וועט זיי אַריינפאַלן אין די הענט.

די עלטסטע פון שבט מיט אַ פּאָר ווייבער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ ווינקל און האָבן זיך הייס באַראַטן וועגן עפּיס אַ פראַגע. דאָס האָט געמוזט זיין זייער אַ וויכטיקע, ברענענדיקע פראַגע, ווייל די רעדנער האָבן ענערגיש געמאַכט מיט די הענט און די

צוהערער האָבן זיי זייער ערנסט אויסגעהערט. מיסטער גאַניי האָט אַפילו נישט פֿאַרשטאַנען די ווערטער, דאָך האָט ער געשפּירט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. שטייענדיק פֿאַר דער באַנטער געפֿאַר האָט דער אומגליקלאַכער מאַן און פֿאָטער זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין פֿרוי און טאָכטער פֿון די שרעקלאַכע יסורים, וואָס די ווילדע האָבן זיי געקאָנט פֿאַרשאַפֿן אַ ליאַדע מינוט.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ פּאָר ווערטער, וואָס זייער באַדייטונג איז שוין פֿאַר אים אינגאַנצן קלאָר געוואָרן:

—איפּקאַל אַקינינך! כילאָקע!

די ווערטער האָט אַרויסגעזאָגט עפּיס אַן אַלטע מכשפה מיט אַ חיהשן פּנים. אַלע איבעריקע האָבן באַלד אונטערגעכאַפּט.

—איפּקאַל אַקינינך! כילאָקע!

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז איצט געווען די סאַמע אַנטשיידענע מינוט פֿאַרן נעגער. מען האָט זיך געקליבן שעכטן אים ווי אַ בהמה. דער נעגער האָט עס אויך פֿאַרשטאַנען. מיט פּחד האָט ער געקוקט אויף זיינע חברים, ווי ער וואָלט זיי פֿרעגן, צי וועלן זיי אים טאַקי אַרויסגעבן אין די הענט פֿון די מענטשנפֿרעסער. ער האָט נישט געפֿילט, אַז דער קאַפּיטאַן גאַניי האָט באַשלאָסן צו פֿאַרטיידיקן אים ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. אָבער צי וועט עס העלפֿן—דערין זיינען אַלע געווען זיכער, אַז נישט. וואָס קאָנען אויפֿטאָן זעקס אָפּגעשוואַכטע, אומבאַוואָפֿנטע מענער און צוויי שוואַכע פֿרויען געגן אַזאַ הונגעריקער ווילדער באַנדע?

נאָר אָט איז אַרויס דער ראש צו דער צעווילדעוועטער באַנדע. דער ראש מאַכט מיט די הענט און סטראַשעט זיי שטרייַנג מיטן פֿינגער. דער קאַפּיטאַן גאַניי קוקט דורכן שפּאַלט פֿון געצעלט און גלויבט נישט זיינע אויגן: דער ראש שטעלט זיך, קענטיק, איין פֿאַר די ווייסע. אָבער דער ערפֿאָלג איז אַ שוואַכער. אַ פּאָר רעדנערס ענטפֿערן אים און די דיסקוסיע פֿאַרציט זיך.

ווי ס׳זעט אויס, האָט דער ראש נישט געקענט פּועלן. און אָט דערנענט ער זיך מיטן בלוטדורשטיקן המון צום געצעלט פֿון די פֿאַרשפּאַרטע און צום טויט דערשראָקענע געפֿאַנגענע. די ווייַ-

בער כאַפּן אײליק שטעקנס און שטײנער און פאַרײניקן זיך מיט די מאַנסלײט, װאָס דריקן פעסט אין די הענט די פּיקעס און די העק. אַלע פּנימער דריקן אויס גרימצאָרן און בלוטדורשטי-קײט.

דער טויט איז זײ דײטלאַך געהאָנגען איבערן קאָפּ. דער קאַפּי-טאַן האָט פּײנלאַך געדריקט צום האַרצן זײן טאָכטער און פרוי. אין דעם אויגנבליק האָט ער געהאַט גרויס עגמת-נפש, װאָס עס איז נישטאָ קײן מעסער אונטער דער האַנט, װאָרום ער װאָלט אַלײן, מיט די אײגענע הענט, געטויט זײן װײב און קינד און אַזױ־אַרום באַפרײט פון געװאַלטיקע ענוים און צער. אָבער די דאַמען באַרוהיקן אים:

—שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט... מיר שרעקן זיך אויך נישט... מיר קאָנען רוהיק שטאַרבן.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער געשרײ. דער גאַנצער המון האָט אַ ציטער געטאָן. װי עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, האָט געשריען אײנע פון יענע װײבער, װאָס איז געשטאַנען אויף דער װאַך פאַרן לאַגער. זי האָט פאַרלאָזט איר װאַכפּונקט און איז געלאָפן מיט אימהדיקע קולות און גװאַלדן:

—קאַבּרעלנאַ! קאַבּרעלנאַ! (מען גײט! מען גײט!)

װער גײט?—האָט דער המון געפרעגט.

אָבער קײנער האָט נישט געװאוסט, װאָס צו ענטפערן דעריף. די ידיעה האָט אָבער אַרויסגערופן צװישן המון אַ גרויסע צורו-דערונג. אַלע זײנען זיך צעלאָפן און די װײבער האָבן זיך באַ-האַלטן אין די הײזלאַך. מאַנכע פון די מאַנסלײט באַװאָפענען זיך מיט זײער אויסטערלישן געװער. די פרוי האָט אָבער נישט אומזיסט געשריען. װאָרום אָט גײט באמת אַ מחנה. זי רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער, אָבער אין גרויס אָרדנונג. דידאָזיקע מחנה זעט אָבער משונה אויס: גרויסע קעפּ אָן העלזער און די קעפּ זיצן אויף אומגעהויער ברײטע אַקסלען און די גופים—אויף קורצע, דאַרע פיס.

די מחנה איז צוגעגאַנגען צום לאַגער. ערשט איצט לאָזט זיך מערקן, אַז דאָס איז אַ פרעמדער שבט, װאָס שטײט, קענטיק,

אין פיינטלאכע באציונגען מיט די איילִיקאָליעפן. אויף די פליי־צעס טראָגן זיי ברייטע זעק מיט פעטס פון א וואלפיש, וואָס באדעקט זיי די אַקסלען, ברוסט און רוקן און גרייכן זיי ביז צו די קני. דערפאר האָבן זיי אַזוי משונה אויסגעזען, ווי מענטשן אָן העלזער.

דער ווילדער, וואָס איז געגאנגען פאָרויס, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַקוראַט אויף יענעם אָרט, וואו דער ראש פון די איילִיקאָליעפן האָט געקאָנט הערן זיין שטימע און זיינע ווערטער.

דאָס האָט געהייסן, אַז די געקומענע ווילן אונטערהאַנדלען מיט די איילִיקאָליעפן...

דער אולטימאַטום.

—עלעפאַרי:—האָט אָנגעהויבן דער אָנפירער פון די זעלנער,— די קעניגין אָקאַבלו, די הערשערין איבער די טענעקאַסן, האָט אונז געשיקט צו דיר מיט פרידלאַכע פאָרשלאַגן. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דו האָסט געפאַנגען אַ פּאָר ווייסע מענטשן, אָבער צווישן זיי געפינען זיך דער פאָטער, די מוטער און די שוועסטער פון יענעם מאַן, וואָס האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק, באַשיצט אונזער קעניגין צוזאַמען מיט דיר אינם ווייטן לאַנד פון די ווייסע. זאָלסטו וויסן, עלעפאַרי, אַז אונזער מלכּה פאַרלאַנגט, דו זאָלסט באַפרייען די געפאַנגענע. זי האָט געהייסן זאָגן דיר און דײנע העלדישע זעלנער: מיט צוויי טעג צוריק האָט דער ים אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג פון לאַנד פון די טענעקאַסן אַ גרויסן וואַלפיש. די קעניגין ווייס, אַז די העלדישע איילקאָליעפן האָבן ליב דעם שמאַלץ פון אַ וואַלפיש. שיקט זי אייך אַ מתּנה דעם שמאַלץ אין אַזאַ צאָל, וויפיל דרייסיק מענטשן קענען פאַרטראָגן, דערפאַר אָבער פאַרלאַנגט זי, דו זאָלסט באַפרייען די געפאַנגענע.

די איילִיקאַליעפּן, וואָס האָבן אַרומגעריגלט זייער אָנפירער, זיי- נען פאַרבלענדט געוואָרן פון דעמדאָזיקן גרויסמוטיקן פאָרשלאָג. זיי האָבן גענומען מאַכן מיט די הענט און גלאַנצן מיט די אויגן פון גרויס תּאווה און צופרידנקייט. די דרייסיק זעק מיט שמאַלץ האָבן דאָך געהאַט אַ גרעסערן ווערט, ווי דאָס פלייש פון די געפאַנגענע, בפרט נאָך, אַז דער שמאַלץ פון אַ וואַלפיש איז דער סאַמע באַטעמטסטער מאכל אין דער וועלט...

וואָס ווייטער—האָט זיך דער המון אַלץ מער און מער אויפגע- רעגט: די ווילדע האָבן געהאַלטן, אַז מ׳ז מוז די מינוט באַ- פרייען די געפאַנגענע און ווי היישעריקן זיך צו כאַפּן צו דער אכילה.

עלעפאַרי אָבער האָט געשוויגן. ער האָט זיך טיף פאַרקלערט, און לאַנגזאַם באַטראַכט דעם פאָרשלאָג, אָפּשאַצנדיק אַלץ, וואָס מען וואָלט געקענט זאָגן פאַר און געגן אים.

צולעצט האָט ער זיך אָנגערופן שטיל און באַדאַכט:

—אָקאָכלו איז אַ גרויסע קעניגין און עלעפאַרי—איז אַ גרויסער מושל. איך קאָן אייך זאָגן: עלעפאַרי וועט אָפּלאָזן די ווייסע געפאַנגענע אָבער ער פאַרלאַנגט, אַז אָקאָכלו זאָל געבן מיינע זעלנער נישט דרייסיק, נאָר זעכציק זעק פעטס. אויסערדעם, זאָל אָקאָכלו חתונה האָבן מיט עלעפאַרין, כּדי די איילִיקאַליעפּן און די טענעקאַסן זאָלן זיך צענויפגיסן אין איין ברידערלאַכן שבט.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָבן די איילִיקאָליעפּן גענומען שפּרינגען פון התפּעלות. עס איז דאָך טאַקי נאַריש צו נעמען דרייסיק זעקלאַך פעטס, וויבאַלד, אַז מען קאָן נעמען זעכציק. אָ, זייער מושל איז אַ קלוגער און אַ באַדאַכטער און אַ העלדישער מאַן.

דער באַפולמעכטיקטער פון דער קעניגין האָט זיך אָבער אַרויס- געוויזן פאַר נישט איבעריקט נאָכגיביק. ער האָט אויך באַדאַכט און קלאָר געענטפערט:

—איך האָב נישט קיין רעכט אונטערצעהאַנדלען וועגן אָקאָכלוס חתונה און איך האָב נישט קיין רעכט צו פאַרגרעסערן די פאָר-

ציע פעטס. איך קען נאָר איבערגעבן דעם ענטפער פונם מושל דער קעניגין.
מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז רוהיק אַוועק.
עלעפאַרי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער וועט פאַרלירן זיין גאַנצע השפּעה און מאַכט, אויב די אונטערהאַנדלונגען וועלן אי־בערגעריסן ווערן. האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט אַ זאָג געטאָן צו זיינע זעלנער:
—מיר האָבן דאָ דרייסיק זעק פעטס פאַר אונזערע אויגן. ווער קאָן אונז אָבער פאַרזיכערן, אַז איר פאַרשטייער וועט אונז ברייינגען די הסכמה פון דער קעניגין? זאָג איך אייך: לאָמיר בעסער צונעמען ביי זיי דאָס פעטס. פאַרקערט, דעמאָלט מעגן מיר זיכער זיין, אַז זיי וועלן פאַרטאָפּלען די זעק מיטן פעטס...

דערדאָזיקער פאָרשלאָג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן המון. די הונגעריקע ווילדע האָבן אויסגעשריען אַלע ווי איינער:

—יאָ, יאָ! לאָמיר צונעמען דאָס פעטס ביי די טענעקאַסן!

אַ הונדערט מאַן, מאַנסלייט און ווייבער, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די טענעקאַסן, האָבן זיי אַרומגערינגלט און באַרויבט דאָס פעטס.
עלעפאַרי האָט זיך פאַרענטפערט:
—איר פאַרשטייט? למאי זאָלט איר טראָגן אַזאַ משא אויף זיך? איצט וועט אייך זיין גרינגער... אגב בין איך זיכער, אַז אָקאַ־לו וועט איינגיין אויף מיין פאָרשלאַג...
די טענעקאַסן זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער. די איילעקאָליעפן אָבער האָבן מיט גרויס שמחה געשלעפּט דאָס אָנגעראַבעוועטע פעטס און האָבן זיך נאָכדעם געמאַכט אַ פריי־לאַכן מאָלצייט.
ס'איז שווער איבערצוגעבן אָקאַכלוס כעס, ווען אירע באַראַבעווע־טע שלוחים זיינען געקומען צוריק. זי האָט געזאָגט, אַז אַזאַ מין

סקאַנדאַליעזע געשיכטע, אַזאַ פאַרגוואַלטיגונג פון אַלע אינטערנאַ-ציאָנאַלע רעכט איז נאָך ביז אַהער נישט פאָרלאָפן אויף דער פייערדיקער ערד. נאָר אַזאַ אומפאַרשעמטער אויסוואורף ווי עלע-פאַרי האָט זיך געקענט דערלויבן צו טאָן אַזאַ מין נבלה. וואָס אָנבאַלאַנגט זיין פאָרשלאָג, חתונה צו האָבן מיט אים, האָט זי אין דעם געזען אַ נייע באַליידיגונג. עלעפאַרי האָט אויך פאַר-שטאַנען, אַז אָקאַכלו וועט בשום אופן נישט אָננעמען זיין פאָר-שלאָג, אָבער פאַר אַ קריג האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשראָקן. אַ מלחמה מיט די איילִיקאָליעפן איז אַזוי־אַרום געוואָרן אומפאַרמייד-לאָך.

—אָך, ווען מיר האָבן כאָטש דריי ביקסן!—האָט האַרי אויסגעש-שריען.—מיר מוזן ראַטעווען אונזערע געפאַנגענע.

אָקאַכלו האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און געזאָגט:

—איר ברויכט ביקסן? איך האָב דאָ אַ קאַסטן ביקסן. איך האָב איר נישט געעפנט פון דעם טאָג אָן, וואָס איך בין געקומען אַהער פון איירָאָפּע.

—און פאַטראָנעס האָט איר?—האָט האַרי געפרעגט.

—מסתמא זיינען פאַטראָנעס אויך פאַראַן. איך האָב מיך נישט אומגעקוקט דערויף. דאָס בעסטע וועט זיין, אַז איר וועט אַליין אַ קוק טאָן אין קאַסטן.

מען האָט באַלד געבראַכט דעם קאַסטן וואָס איז געשטאַנען אין אַ צוגעשלאָסן צימער. אין קאַסטן זיינען געלעגן זעקס אַלטע ביקסן, וואָס האָבן אָבער גאָרנישט שלעכט געשאָסן. אויסערדעם זיינען דאָרט געלעגן זעקס פּיסטאָלעטן, זעקס שווערדן און צוויי־הונדערט פּאַקעטן מיט פּאַטראָנעס, צען זעקלאַך קוילן און צען קעסטלאַך פּולווער. דערזען אַזאַ שלל פון געווער, האָט האַרי לאַנג גע-דריקט אָקאַכלוס האַנט.

—מיר האָבן אַ געזיכערטן נצחון!—האָט ער אויסגערופן—אונזערע פריינט זיינען געראַטעוועט.

ער האָט שנעל צעטיילט דאָס געווער צווישן זיינע חברים. אין צימער זיינען געשטאַנען נאָך קאַסטנס, און האַרי האָט אַ פרעג געטאָן:

—אפשר זיינען דאָרט אויך פאַראַן ביקסן און פּאַטראָנעס.
—איך ווייס נישט...—האָט אָקאָלו געענטפערט,—איך מיין, אַז דאָרט ליגן פאַרשידענע אינסטרומענטן.

באַלד דערויף האָט מען אויפגעעפנט אַ צווייטן קאַסטן. און דאָס-מאָל האָבן סיגריפן געטומען גלאַנצן די אויגן פון שמחה און התפעלות: אין קאַסטן זיינען געלעגן פאַרשידענע אינסטרומענטן: זעגן, העק, אָפּצווענגעס, האַמערס, העבלערס און אַז. וו.

דער אַלטער טשעסלער האָט זיך געשטעלט אויף די קני פאַרן אָפענעם קאַסטן און האָט מיט גרויס יראה גענומען איבערקלייבן די אַלע אינסטרומענטן, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר אַזאַ גרויסן מייסטער און וואָס אָן זיי האָט ער צו גאָרנישט געטויגט.

—איצט וועלן מיר קענען אַוועקפאָרן פון דאַנען!—האָט ער אויס-געשריגן.—מיר וועלן אויסבויען אַ שיינע שיף... איר פאַרשטייט?

—יאָ, אָבער מיר וועלן דאָך נישט אַוועקפאָרן פון דאַנען אָן אונזערע פריינט—האָט האַרי איבערגעשלאָגן.—איר וואָלט דען גע-קאָנט אַוועקפאָרן אָן זיי?

—נו, געוויס, מיר וועלן זיי מיטנעמען מיט זיך!—האָט סיגריף געענטפערט.—און אָן מיס מאָד וועלן מיר אויך נישט פאַרגעסן—האָט ער לייכט אַ זאָג געטאָן, אָבער ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך האַרי פאַררויטלט, ווי אַ קינד.

—ניין, אָן מיס מאָד פאָרן מיר נישט,—האָט ער געזאָגט נאָך אַ קורצן שווייגן—אָקאָלו וועט עס אויך נישט דערלויבן. איר ווייסט דאָך,—האָט ער זיך געווענדט צו אָקאָלו—אַז מיס מאָד איז אַ שוועסטער פון נעד גאַנייען, פון יענעם יונגן אָפיציר, מיט וועלכן איר האָט מיך דעמאָלט געטראָפן אין פאָרטסמוטער האַפן...

אַ מאָדנע זאַך, איצט איז די קעניגין רויט געוואָרן. אויף וויפיל איר טונקל-רויטע הויט האָט געקענט בכלל רויט ווערן. די ליפן האָבן איר לייכט אַ ציטער געטאָן, און אין די אויגן האָט אויפ-געבליצט אַ פייערל.

—איז דער יונגער אָפיציר, מיסטער נעד גאַניי אויך אין געפאַנ-

געגשאַפט? — האָט זי געפרעגט מיט עפּיס אַ קענטלאַכער אומרוהיקייט.

— איך האָף, אַז נישט, — האָט האַרי געענטפערט, — אייגנטלאַך ווייסן מיר אַליין נישט, וואָס מיט אים איז געשען. זיין שיפל איז פאַרלוירן געגאַנגען.

די קעניגין האָט אויסגעהערט די דערציילונג מיט טרערן אין די אויגן. דערנאָך איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ מין מרה-שחורה. די טענעקאַסן האָבן זיך דערוווייל געגרייט צו דער מלחמה. זיי האָבן געבראַכט אין אָרדנונג דאָס געווער און צוגעגרייט די שיפלאַך. אָבער די קעניגין האָט אויסגעזען גלייכגילטיק צו די מלחמה-הכנות.

— פאַרוואָס האָט איר די גאַנצע צייט — האָט האַרי געפרעגט, — זיך נישט באַנוצט מיט דעם געווער? איר וואָלט דאָך באַזיגט די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער פייערדיקער ערד?

— איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען — האָט אָקאַכלו געענטפערט. — אַ ביסל צוליב נאַכלעסיקייט און אַ ביסל צוליב פּאָליטישע טעמים. אַליין שיסן האָב איך נישט געקענט, און איבערגעבן דאָס געווער אַן אַנפירער האָב איך נישט געוואָלט, ווייל ער וואָלט דעמאָלט געווען שטאַרקער פון מיר. דאָס איז, מיין איך, די ריכטיקסטע דערקלערונג.

— פאַרוואָס האָט איר פאַר אונז נישט קיין מורא? וואָס וועט איר טאָן, — האָט האַרי געלאַכט, — ווען איך אָדער סיגריף אָדער נעד וועט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסטרעטן אַלס מלך פון דער פייערדיקער ערד? וואָס וועט איר דעמאָלט זאָגן?

— הלואי וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען... — האָט אָקאַכלו אויסגערופן און זיך באַלד אַליין פאַרשעמט פאַר די ווערטער.

נאָך אַ קורצן שווייגן האָט די קעניגין צוגעגעבן:

— אונזער לאַנד נויטיקט זיך אין אַן איירָאָפּייאישן אָנפירער, וואָס זאָל עס קענען פירן אויפן וועג פון ציוויליזאַציע. אַ פרוי איז צו דעם צו שוואַך. איך האָב עס באַלד פאַרשטאַנען... אַ מאַן איז שטאַרקער פון אַ פרוי, און מיר נויטיקן זיך אין שטאַרקע מענטשן...

—יאָ, פּאַר אַ מענטשן מיט אַ גרויסער אַמביציע איז עס אַ שטיקל ענין...—האָט סיגריף באַמערקט, גלעטנדיק זיין באָרד מיט אַזאַ מינע, פּונקט ווי אַקאַבֿלו וואָלט דווקא אים געמיינט, בשעת זי האָט גערעדט וועגן אַן אייראָפּייאישן אָנפירער. דאָך איז גלייכֿער אויסצעבויען אַ שיף, אָנצעלאַדעווען זי מיט פעלן פון ים-הינט און אַוועקפאָרן אַהיים. שפּעטער וועלן מיר זיך רוהיק איינאָרד-נען אויפן ברעג פון הודזאָנאָווס ים-אויסגוס, אויף די קיילעכדיקע פּראָצענטן פון אַ קיילעכֿדיקן קאַפּיטאַלכֿל.

דער חתונה־מאָלצייט.

עלעפאַרי האָט אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַנדלט נישט ערלאַך. ער האָט אויך געוואוסט, אַז די טענעקאַסן זיינען אַ סך צאָלרייכער פון די איילִיקאָליעפן און אַז סוף כּל סוף וועלן זיי אים באַזיגן, אויב די מלחמה וועט זיך פאַרציען. הגם ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשראָקן פאַר מלחמה, דאָך האָט ער געוואָלט געפונען אַזאַ מיטל, וואָס זאָל צווינגען די טענעקאַסן אָנצעהויבן אונטערהאַנדלונגען, באַלד ווי נאָר דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נויטיק. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי אויסצוגעפינען עפּיס אַ מיטל און צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ געוויסן פּלאַן. ער האָט זיך טאַקי באַדאַרפט צואיילן, ווייל אויף צומאָרגנס, אַכט אַ זייגער אין דערפרי האָט זיך אויפן ים באַוויזן דער פלאָט פון די טענעקאַסן. ער איז באַשטאַנען פון פערציק שיפלאַך, צו צוועלף זעלנער אויף יעדן שיפל, וואָס צוזאַמען האָט עס אויסגעמאַכט 480 זעלנער. עלעפאַרי האָט געקענט אַרויסשטעלן 600 מאַן אויסער די ווייבער. דעמאָלט האָט ער זיך דערפילט שטאַרקער

צוליב דעם איבערגעוויכט אין מענטשן. אויסערדעם האָט ער פֿאַרנומען זייער אַ גינסטיקע פּאָזיציע: די טענעקאַסן האָבן געמוזט אָדער זיך אַרויסזעצן אויפֿן ברעג אונטער אַ האָגל פֿון שטיינער און פֿיילן, וואָס וועלן געוואָרפֿן ווערן דורך די אייליקאָליעפֿן, אָדער מאַכן אַ גרויסן אומוועג לייגנאויס דעם ברעג. אין צווייטן פֿאַל אָבער וואָלטן זיי געצוואונגען געווען איינציגווייז איבערצעגיין דעם שמאָלן ים-קאַנאַל, וואָס וואָלט געווען העכסט געפֿערלאַך פֿאַר זיי.
עלעפֿאַרי האָט נאָך געהאַט אַן אַלטע ביקס. אויף איר האָט ער געלייגט גרויסע האָפֿנונגען. ער האָט גערעכנט אָנצעשרעקן מיט איר די טענעקאַסן, וואָס וואָלטן מסתמא אַנטלאָפֿן פֿאַר אַ שאָס.

צו דער גרויסער פֿאַרוואונדערונג אָבער פֿונם אייליקאָליעפֿישן ראש זיינען די שיפֿלאַך פֿון די טענעקאַסן גאָרנישט צוגעשטאַנען צום ברעג, נאָר זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה אויף אַ שטרעקע פֿון 150 מעטער פֿונם אייליקאָליעפֿן-לאַגער, אַזוי, אַז קיין שום שטיינער און פֿיילן האָבן נישט געקענט דערגרייכן צו זיי.
עלעפֿאַרי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט און האָט אויסגעשטעלט זיינע זעלנער אויפֿן ברעג אין צוויי שורות כּדי צו באַגעגענען דעם שונא מיט אַ שטאַרקן פּראַנט.
פּלוצלונג אָבער האָבן פֿון די שיפֿלאַך זיך דערהערט שטאַרקע ביקסן-זאַלפֿ. אַ מאַן פֿינף אייליקאָליעפֿן זיינען מיט אַ ווילדן וואָיען אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד, שווער אָדער לייכט פֿאַרוואונדעט.

דער זאַלפֿ האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די איבעריקע אַ פּאַנישע שרעק. ווידעראַמאָל איז געגעבן געוואָרן אַ זאַלפֿ און די אייליקאָליעפֿן האָבן הענדום-פֿענדום געמאַכט פּליטה. אומזיסט האָט עלעפֿאַרי זיך באַמיט זיי איינצעהאַלטן. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו שיסן אין די טענעקאַסן פֿון זיין ביקס, אָבער מען האָט אים גאָרנישט געוואָלט הערן. מען איז זיך צעלאָפֿן, ווי מייז פֿאַר אַ קאַץ.

צום אומגליק, האָט נאָך זיין ביקס נישט אויסגעשאָסן און זיין שוואַכקייט האָט זיך געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן.

דעמאָלט זיינען די שיפלאַך צוגעשוואומען צום ברעג, פלינק און געשיקט זיך אויסגעזעצט אויף דער יבשה און גענומען פאַרפאָלגן די איילקאָליעפּן, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן דאָס געווער און געבעטן רחמים ביי די זיגערס, אַז יענע זאָלן זיי נישט טויטן. די דערשראָקענע ווייבער האָבן געשלעפּט פאַר די טענעקאַסן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין זייערע הייזלאַך.

די מלחמה האָט זיך, אַלזאָ, פאַרענדיקט זייער שנעל. די איילי-קאָליעפּן האָבן זיך איצט געפונען אין די הענט פון די טענע-קאַסן. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מאַסנווייז אין די הענט פון די טענעקאַסן און די זיגער האָבן זיי אויסגעשטעלט אין באַזונדערע גרופּעס.

האַרי טשעסטער איז, ווי משוגע, געלאָפן איבערן גאַנצן לאַגער, אָבער ער האָט נישט געקענט געפונען די ווייסע געפאַנגענע. עפּיס אַ טיפער פחד האָט אים געקילט די בלוטן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עלעפאַרי האָט אין לעצטן אויגנבליק באַפוילן צו טויטן די שוואַכע פרויען, דעם אומבאַוואָפנטן קאַפּיטאַן מיט די מאַטראָזן. האַרי האָט זיך געביסן די פינגער פון אַנגסט און האָט זיך געשוואָרן צו באַשטראָפן עלעפאַרין מיט דער האַרבסטער שטראָף. וואָס וועט דאָס העלפן? צי דען וועט דעמאָלט מיס מאָד צוריק אויפלעבן?

מיט שרעק האָט האַרי געטריבן פון זיך דעם געדאַנק. אַלץ אָבער האָט גערעדט דערפאַר, דאָס אומגליק איז שוין געשען. האַרי האָט אַדורכגעשניטן אַלע וויגוואַמען און האָט אין ערגיץ נישט געפונען דעם מינדסטן שפּור פון די געפאַנגענע.

דערווייל איז אָקאַכלו אַרויס אויפן ברעג און האָט געהייסן ברייננען צו זיך עלעפאַרין, וואָס איז, נאַטירלאַך, אויך געפאַנגען געוואָרן. ער איז, ווי אַלעמאָל, צוגעגאַנגען צו דער קעניגין, אַ צעפרידענער, מיט אַ גנביש שמייכעלע, אַריינגעקוקט דער קעני-גין אין די אויגן אַריין און באַלד דערויף זיך אָנגערופן:

—דו האָסט געזיגט. דערפאַר אָבער וועל איך מיך נוקם זיין. אין

דער שעה, ווען דו וועסט מיך פאַרמשפּטן צום טויט, ווען די ווייסע געפאַנגענע אויך אומקומען. איך האָב זיי באַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט, וואו קיינער וועט זיי נישט געפינען.
עלעפאַרי האָט עס געזאָגט אויף איינגליש, כדי אָקאַכלוס פאַרבינדעטע זאָלן גוט פאַרשטיין, וואָס ער רעדט. האַרי איז בלאַס געוואָרן, סיגריף האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס. עלעפאַרי האָט געזען, אַז ער האָט גוט געצילט און גוט געטראָפן.

—ווי אַזוי איז דאָס מעגלאַך, עלעפאַרי?—האָט דער יונגער אָפיציר אויסגערופן—צי דען וועט אַזאַ גרויסער אָנפירער, ווי איר זענט, זיך נישט שעמען נקמה צו נעמען אָן אַן אומשולדיק מיידל, אָן איר מוטער און פאָטער, וואָס זיינען גאָט די נשמה שולדיק? און פאַרוואָס? ווייל ער האָט זיך צעקריגט מיט דער קעניגין פון די טענעקאַסן? צי דען געדיינקט איר נישט, אַז דער ברודער פון דעם מיידל צוזאַמען מיט מיר האָט אייך אַמאָל באַשיצט און פאַרהיט אייך פון שווערע קלעפּ?
דעם ווילדנס ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט אין אַ בייזן שמייכל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַקוראַט געטראָפן אין דעם געגנערס שוואַכער זייט און אַז איצט קאָן ער דאָס דיקטירן שלום-באַדינגונגען מיט אַ רוהיקן האַרצן.
—דאָס יונגע מיידל, איר פאָטער און אירע פריינט געפונען זיך אין אַ געהיימער הייל,—האָט ער געזאָגט,—איך האָב זיי דאָרט אַליין אָפּגעפירט ביינאַכט. קיינער ווייס נישט, וואו דאָס איז. זיי וועלן דאָרט שטאַרבן פאַר הונגער, אויב עלעפאַרי וועט נישט באַפרידיקט ווערן.
אָקאַכלו האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אין איר הייסער נשמה האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שווערער, טרויעריקער קאַמף. זי האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן אירע געפילן און האָט מיט פאַראַכטונג אַ פרעג געטאָן דעם באַזיגטן:
—זאָג מיר, וואָס פאַרלאַנגסטו. אויב עס וועט זיין מעגלאַך, וועל איך אפשר טאָן די געפעליקייט און וועל דערפילן דיין וואונש.

עלעפֿאַרי האָט אַ שמייכל געטאָן:

—איך האָב נאָך נעכטן אַרויסגעזאָגט מיין וואונש!—איך פֿאָדער זעכציק זעק פֿעטס פֿאַר מיין שבט און אָקאַכלו מוז מיט מיר חתונה האָבן... די איילילקאָליעפֿן און טענעקאַסן באַדאַרפֿן זיך צוזאַמענגיסן אין איין פֿאָלק.

האַרי טשעסטער האָט נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויף אָקאַכלון, גרייט זי צו בעטן, זי זאָל איינגיין אויף עלעפֿאַריס פֿאָרשלאָג. ער איז אָבער אָפּהענטיק געוואָרן פֿון דער טיפֿער בלאַסקייט, וואָס האָט פּלוצלונג באַדעקט אָקאַכלוס געזיכט. זי האָט באַמערקט האַריס בליק, פֿול פּיין און געבעט, און האָט געמאַכט נאָך אַ פּראָבע.

—עלעפֿאַרי—האָט זי געזאָגט—איך וועל דיר געבן נישט נאָר זעכציק זעק פֿעטס, נאָר דעם גאַנצן וואַלפֿיש, וואָס מיר האָבן געכאַפּט אויף אונזער ברעג. צו דעם וועל איך דיר צוגעבן נאָך צוויי ביקסן מיט פּאַטראָנעס, פֿיר זעגלס, אַ שטיק רויטן שטאָף און צוויי זילבערנע בראַנזעלעטן. אויסערדעם וועל איך דיר דער-לויבן צו גיין אויף יאַגד און צו כאַפּן פֿיש אין מיין לאַנד. פֿאָדער נאָר נישט פֿון מיר, איך זאָל ווערן דיין פֿרוי. דאָס איז די איינציקע זאַך, אויף וועלכער איך קען בשום אופֿן נישט איינגיין.

—דו וועסט נישט איינגיין? וועלן די ווייסע מענטשן שטאַרבן—האָט עלעפֿאַרי געמאָלדן מיט דער קאַלטקייט פֿון אַ גזלן.

אָקאַכלו האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף האַרין, אין זיינע אויגן האָט זי געזען פּחד און טרערן. זי האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קינד.

באַלד אָבער האָט זי זיך באַהערשט, האָט פֿעסט אַ דריק געטאָן האַריס האַנט און זיך אָנגערופֿן:

—קיינער וועט נישט זאָגן, אַז אָקאַכלו האָט נישט געקענט זיך ברייגען אַלס קרבן צו ראַטעווען אירע פֿריינט...

—עלעפֿאַרי,—האָט זי זיך אומגעדרייט צום געפֿאַנגענעם ראש— אַזוי ווי דו פֿאָדערסט דאָס דורכויס, בין איך גרייט צו ווערן דיין פֿרוי. ברייגג אַהער דיינע געפֿאַנגענע און לאָמיר לעבן בשלום!

עלעפֿאַרי האָט געוואוסט, אַז אָקאַכֿלוס וואָרט איז הייליק. אים איז אַפֿילו נישט איינגעפֿאַלן צו פֿאָדערן עפּיס אַ גאַראַנטיע. זיינע אויגן האָבן אויפֿגעבליצט מיט ווילדער שמחה. ער איז אַוועק מיט צוויי זעלנער נאָך די געפֿאַנגענע. צוריקקומען האָט ער געקענט נישט פֿריער ווי אין דריי שעה אַרום. אַלע זיינען אַוועק אין אָקאַכֿלוס פּאַלאַץ צוצוגרייטן דורך דער צייט אַ מאָלצייט לכּבוד דער גרויסער געשעעניש.

די ידיעה וועגן שלום האָט זיך אויגנבליקלעך פֿאַרשפּרייט צווישן די באַזיגטע. זייער פֿרייד האָט גאָר קיין גרעניץ נישט געהאַט. די פֿריערדיקע שונאים האָבן זיך איצט צעשיידט, ווי די בעסטע פֿריינט. די איילִיקאַליעפּן האָבן באַגלייט די טענעקאַסן מיט פֿריילאַכע אויסרופֿן און מיט פֿאַרזיכערונגען, אַז זיי וועלן אייביק לעבן מיט זיי בשלום.

אָקאַכֿלו אָבער האָט דאָס מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. ווי נאָר זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין שיפֿל, האָט זי זיך ביטער צעוויינט. האַרי האָט זיך שטאַרק פֿאַרוואונדערט. ער האָט זי געטרייסט, ווי נאָר ער האָט געקענט און האָט זיך באַמיט פֿאַרצושטעלן פֿאַר איר די גאַנצע גרויסקייט פֿון איר איידעלער טאַט.

—אָ, איך קען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן ווי שווער מיר איז,— האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן.—פֿון אַלע פּועדזשינער איינוואוינער איז עלעפֿאַרי דער איינציקער מענטש, וואָס איך האָב אים פֿיינט ווי דעם טויט.

גרויסע טרערן האָבן איר פֿאַרנעבלט דעם גלאַנץ פֿון די אויגן. זי האָט כליפּענדיק געזאָגט:

—איך האָב מיט אים חתונה, כּדי צו ראַטעווען דעם פֿאָטער, מוטער און שוועסטער פֿון יענעם, וואָס איז מיר אַזוי אומענדלאַך טייער...

יאָ, אַזוי איז טאַקי געווען. אין דעם איז באַשטאַנען די העלדישקייט פֿון דער אָרימער ווילדער קעניגין. פֿון ערשטן אויגנבליק איז פֿאַר איר קלאָר געוואָרן דאָס, וואָס האַרי שטעסטער האָט פֿאַר זיך נישט געוואַגט מודה צו זיין. זי האָט געזען אויף זיין

געזיכט דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט טיף אין דער נשמה.

נאָך פון יענעם טאָג אָן, ווען אָקאַלו האָט דערזען גער גאַנייען צום ערשטן מאָל אין פאָרטסמוטער האַפן, איז דער יונגער דרייסטער אַמעריקאַנער איינגעקריצט געוואָרן אין איר זכרון. אויף אים האָט זי אומבאַוואוסטזיניק קאָנצענטרירט איר גאַנצע דאַנקבאַרקייט, וואָס זי האָט געשפּירט צו די ווייסע בכלל. נאָר אים האָט זי זיך פאָרגעשטעלט פאַרן באַשיצער, אין וועמענס הענט זי האָט געטרוימט מיט דער צייט איבערצוגעבן איר אייגענעם גורל און דעם גורל פון איר פאָלק. איצט, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די „קאַליפּסאָ" איז אומגעקומען ביי די ברעגעס פון דער פייערדיקער ערד, אַז אַלע זיינע פּאַסאַזשירן געפינען זיך נישט ווייט פון איר, האָט זי אין דעם פאַקט גופא געזען עפּיס אַ געהיימע האַנט פונם אומפאַרמיידלאַכן מזל. אַלע אירע טרוימען און געפילן זיינען פון דאָסניי אויפגעוואַכט געוואָרן אין איר נשמה. זי האָט געהאָפט, אַז זי וועט זיך באַגעגענען מיט נעדן, וועט אים געפעלן און דערמאָלט... אָבער פּלוצלונג אָנשטאָט דעם דערוואַרטעטן גליק, איז אַרויסגעשוואומען די נויטווענדיקייט צו ברענגען אַ שווערן קרבן. זי האָט געמוזט אויסקלייבן איינס פון די צוויי: אָדער חתונה האָבן מיטן פאַרשאָלטענעם עלעפאַרי אָדער לאָזן אומקומען אַלע נאָענטע פון איר הייסגעליבטן נעד.

די יונגע קעניגין האָט זיך נישט לאַנג געוואַקלט. זי האָט באַשלאָסן זיך מקריב צו זיין און אַזוי אַרום דערפילן דעם הייליקן חוב פון דאַנקבאַרקייט.

האַרי האָט כמעט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פייער עס ברענט אין דער נשמה פונם יונגן מיידל. אָבער אַ געפיל פון אַכטונג צו איר האָט אים איינגאַנצן באַהערשט. ער האָט געזען, אַז זי קאָן נישט חתונה האָבן מיט עלעפאַרין און האָט אָנגעהויבן איבערצוקלערן, צי דאַרף מען האַנדלען ערלאַך געגן אַזאַ גנב, ווי עלעפאַרי, און צי וואָלט מען אים נישט באַדאַרפט אָפּנאַרן אַזוי, ווי ער האָט אָפּגענאַרט די טענעקאַסן.

לאַנג איז ער געזעסן פאַרקלערט, און עמיצער האָט אים אָנגע-
רירט ביים אַקסל. ער האָט אַ ציטער געטאָן, און האָט דערזען
פאַר זיך אָרונדעליקאָן. דאָסמאָל האָט יענער אויסגעוויזן נאָך פאַ-
צעטישער און לעכערלאַכער, ווי תמיד. דאָס קליינע מענטשעלע
האָט זיך אָנגענויגט האַרין צום אויער, האָט גנביש אַ שמייכל
געטאָן און זיך אָנגערופן:

—קלאָג נישט! איך וועל שוין אַלץ מאַכן אין אָרדנונג.

צוועלף אַ זייגער מיטאָגצייט איז שוין צוגעגרייט געווען דער
חתונה-באַל. ער האָט געזאָלט פאָרקומען אויף אַ לאָנקע אין שאָטן
פון ריזיקע, אַלטע ביימער. אינגיכן האָט מען געמאָלדן, אַז עלע-
פאַרי איז געקומען. ער האָט זיך באַוויזן צווישן די ביימער אין
דער באַגלייטונג פון צוועלף חשובע איילעקאָליעפּן. ער האָט אויך
מיטגעבראַכט מיט זיך אַלע ווייסע געפאַנגענע.

עס לאָזט זיך ממש נישט באַשרייבן האַריס פרייד, ווען ער האָט
דערזען די-יעניקע, צו וועלכע ער האָט געפילט אַזאַ שטאַרקן
צובונד. מאָד האָט אויסגעזען בלאַס, אָבער דאָס איז נאָך אַלץ
געווען דאָס זיסע פריילאַכע מיידל, דורך עפּיס אַ נס האָט זיך
איר איינגעגעבן אָפּצעהיטן איר איינציק קלייד פון גוואַלדריסן
און פלעקן. דאָך האָבן ביידע דאַמען מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענו-
מען אָקאָכלוס פאָרשלאָג זיך צו באַנוצן מיט אירע קליידער. אַ
קליין שפּיגעלע, אַ פלאַש בשמים-וואַסער און אַ שאַכטל וועש
האָבן פאַרשאַפט אונזערע דאַמען אפשר נישט קיין קלענערע פרייד,
ווי די נאַר וואָס געשיינקטע פרייהייט.

באַלד דערנאָך האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש. עלעפאַרי אויס-
געפּוצט אין עטיק און אין האָניק, איז געזעסן נעבן אָקאָכלון
ביי דער רעכטער זייט און האָט אינגאַנצן געשטראַלט פון שטאָלץ.
ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרבאָרגן זיין גאווה און גע-
רעדט האָט ער נאַר איינגליש. אָן אויפהער, צי ס'איז געווען
נויטיק און צי ס'איז נישט געווען נויטיק, האָט ער דערמאָנט
דעם נאָמען פון זיין פריינט, דעם קאַפּיטאַן פירצאָי. אָקאָכלו איז
געזעסן אַ טרויריקע און אַ פאַרקלערטע, האָט האַרציק מחבר גע-
ווען אירע פריינט און האָט פון צייט צו צייט אויסגעשטעלט

אירע אויגן אויף מיט מאָד. סיגריף האָט דערציילט דעם קאַפּיטאַן מיט אַ הויכן, פרײלאַכן געלעכטער, אַז ער האָט באַקומען אַ קאַסטן מיט געצייג און אַז ער וועט אויסבויען אין זעקס וואָכן אַ שיף אַ צאַצקע, די פינגער צו לעקן, און אַז דער ים וועט שטאָלצירן מיט איר.

—האָלץ אין וואַלד האָבן מיר דאָ גענוג,—האָט ער געזאָגט און בעת-מעשה געלייגט אין מויל אַריין גרויסע ביסנס.—שטריק וועלן מיר מאַכן פון צמחים, זעגלען פון ראָגאָזשעס. דאָס וועט זיכער קלעקן. ביז מיר וועלן דערפאָרן ביז מאָנטעווידעאָ און פון דאָרט איז שוין לײַכט צו באַקומען אַ שיף, וואָס פאָרט דירעקט קיין ניו-יאָרק.

—איר זוכט אַ שיף?—האָט עלעפּאַרי, וואָס האָט, קענטיק, געוואָלט זײַן העפלאַך, געזאָגט—איר דאַרפט נישט פאָרן אַזוי ווייט. מיט צוויי טעג צוריק האָט איינער פון מײַנע מענטשן געזען עפּיס אַ שיף אין ים-אויסגוס „ערפאָלגרײַכער”, פופצן מייל ווייט פון דאַנען.

—וואָס רעדט איר? איז עס וואָר?—האָבן גלײַכצײַטיק אויסגערופן צען דערפרייטע שטימען.

—נו, געוויס!—האָט עלעפּאַרי געענטפערט מיט שטאָלץ,—איך האָב אַליין בדעה געהאַט צו באַזוכן די שיף צו נעמען אַ ביסל פּאַטראָנעס פאַר מײַן ביקס. דער עולם האָט געגעסן און געשמועסט און אָקאַכלו האָט באַפוילן צו דערלאַנגען אין איינגלישע פּאַרפּאָר-טעפלאַך דאָס רעשט קאַווע, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן פון יענעם טייל, וועלכן זי האָט געבראַכט מיט זיך פון אייראָפּע. פלוצלונג איז אָרונדעליקאָ אומבאַמערקט אויפגעשטאַנען פון זײַן אָרט, איז צוגעגאַנגען פון הינטן צו עלעפּאַרין און האָט אים אויסגעשאָסן פון אַ פּיסטאָלעט סאַמע אין קאָפּ אַרײַן.

אַלע זײַנען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. אָבער דאָס קליינע מענטשעלע האָט אויפגעהויבן די האַנט און געזאָגט:

—נאַרישקייטן! ווי איר זעט, איז אַלץ אַ נאַרישקייט. איך האָב נישט געוואָלט ער זאָל חתונה האָבן מיט אָקאַכלו. איצט איז עס מײַן אײך, אויסגעשלאָסן

דער סוף.

אזוי איז געפאַלן עלעפאַרי, דער העכסטער ראש פון די איי-ליקאָליעפן, אָרונדעליקאָס סאַט קאָן נישט געלויבט ווערן און אין אַ ציוויליזירטן לאַנד וואָלט ער זיכער שטריינג באַשטראָפט געוואָרן דורכן געריכט. דאָס איז אָבער געווען נישט קיין ציווי-ליזירט לאַנד, נאָר די ווילדע פייערדיקע ערד, וואו די מענטש-לאַכע מעשים ווערן נישט אַזוי שטריינג קריטיקירט. ווי נאָר די ערשטע איבעררּאַשונג איז אַריבער, זיינען אַלע מסכים געווען אַז ס'לוינט זיך נישט איבעריקס אויפצוערעגן און צו באַשטראָפן אָרונדעליקאָן. אַפילו אָקאַכלו האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן איר צופרידנהייט, און האָט נאָר לפנים-וועגן געהייסן דאָס קליינע מענטשעלע, עס זאָל זיך אָפּטראָגן פון אירע אויגן.

די געפאַר איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, אַז די איילִיקאָליעפן זאָלן נישט אָנהויבן פון דאָסניי אַ מלחמה מיט די טענעקאַסן. דאָס אָבער איז נישט געשען. די ידיעה וועגן עלעפאַריס טויט האָט נישט געמאַכט קיין שטאַרקן רושם אַפילו אויף זיינע איי-גענע לייט. זיין גאַנצע מאַכט האָט זיך אין דערווירקלאַכקייט

געשטיצט נאָר אויף זיין ביקס. די אייליקאָליעפּן האָבן געזען, ווי לייכט די טענעקאַסן האָבן געזיגט. דאָס איז פֿאַר זיי געווען אַ גענינגלאַכע לערע. אויסערדעם האָבן זיי באַקומען די ידיעה גראָדע דעמאָלט, ווען זיי זיינען געזעסן ביי דעם רייכן מאָלצייט מיט די טייערע מאכלים, וואָס אָקאַכלו האָט זיי געשיקט, און זיי האָבן זיך נאָר געקענט פרייען, וואָס זיי זיינען איצט אונ־טערגעוואָרפן אַזאַ רייכער קעניגין.

סוף כל סוף האָבן די אָייליקאָליעפן באַשלאָסן, אַז ס'לוינט זיך נישט אָפּצוזאָגן פון אַזאַ גליק בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט זיי באַפרייט פון זייער אונטערדריקער און, אָנשטאָט זיך נוקם צו זיין אָן די טענעקאַסן, האָבן זיי געפונען, אַז ס'איז גלייכער צו באַדאַנקען די קעניגין, און נאָך דעמזעלבן טאָג האָבן זיי אָוועקגעשיקט צו אָקאַכלון אַ דעלעגאַציע, אַז זיי ווילן ווערן אי־רע אונטערטאַנער.

אַזויאַרום איז דאָס קליינע פּאָליטישע וועלטל אויף דער פייער־דיקער ערד נישט געשטערט געוואָרן דורך מרידות און בונטן.

אויף צומאָרגנס האָט די קעניגין איינגעאָרדנט פאַר אירע געסט אַן אויספלוג צום ים־אויסגוס „ערפאָלגרייכער”. צוערשט האָט זי זיך אַפילו געקווינקלט, דאָך האָט זי באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין דער נסיעה, ווייל זי האָט זיך נישט געקאָנט שיידן מיט מיס מאָד, וואָס איז איר שטאַרק איינגעבאַקן אין הארצן.

די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך פייערלאַך אַריינגעזעצט אין די שיפלאַך. מען האָט מיטגענומען געווער, ווענדקעס, פּראָוויאַנט און דאָסגלייכן. דער אויספלוג איז אַזויאַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתער לוסט־רייזע.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט עלעפאַרי דאָס מאָל—מעגלאַך דאָס איינציקע מאָל אין זיין לעבן—נישט געזאָגט קיין ליגן. אין ים־אויסגוס האָט זיך ווירקלאַך געפונען אַ שיף, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרריכטן מאַנכע באַשעדיגונגען. די שיף האָט געהייסן „דער לויפער” און סיגריף האָט אויסגעצייכנט געקאָנט דעם קאַ־

פּיטאַן, ווייל ער האָט אַמאָל דורכגעמאַכט אונטער זיין אָנפירונג אַ פּאָר נסיעות נאָך ים-הינט.

אַלעמענס הערצער האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, ווען זיי האָבן דערזען די אויסגעשטערנטע פאָן. מיט דעם אָבער האָט זיך די זאַך נאָך נישט געענדיקט. נאָך אַ גרעסער גליק האָט גע-וואַרט אויף זיי.

ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום „לויפער", האָבן זיי דער-זען, אַז צום שיף איז צוגעבונדן אַ היבשע שיף מיט אַ דייטלאַ-כער שוואַרצער אויפשריפט „קאַליפּסאָ". דאָס איז געווען דאָס פאַרלאָרענע דריטע שיפל! איצט האָט מען געקאָנט האָפן, אַז אויך נעד מיט זיינע מאַטראָזן געפינען זיך דאָ. די האָפנונג איז געווען אַ שטיק ווירקלאַכקייט, ווייל באַלד, ווען זיי האָבן זיך נאָר דערנעענטערט, האָבן זיי פריער פאַר אַלעמען דערזען נעדן אויפן דעק פון „לויפער". אין דעם אייגענעם מאָמענט האָבן זיי אויך דערזען די גוט באַקאַנטע מאַטראָזן און חברים. די אַלע, וואָס מען האָט זיך אַזוי געשראָקן פאַר זייער לעבן, זיינען איצט געשטאַנען געזונט און שטאַרק און אַ הויכער „הוראַ?" לכּבוד די אָנגעקומענע האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע העלזער.

נאָך אַ רגע—און מען האָט זיך שוין געקושט, געהאַלזט, געדריקט זיך די הענט. איינער האָט אייליק דערציילט דעם צווייטן פון דעם אַלעם, וואָס מען האָט איבערגעלעבט.

אָקאַכלו איז פּלוצלונג געוואָרן אויסערגעוויינלאַך איינגעהאַלטן און פאַרשעמט, ווען זי האָט דערזען נעדן. און שפּעטער, אַז ער האָט איר געדריקט די האַנט, האָט זי אַזוי ווי געטשאָמלט...

וואָס איז מיט איר געשען? נעד גאַניי איז דאָך אויך געווען איר באַשיצער בשעת יענער שוידערהאַפטער פּאַסירונג, טאָ פאַר-וואָס איז זי צוריקגעהאַלטן און פאַרוואָס שטאַמלט זי! געהערט דען די אומדאַנקבאַרקייט צו די מידות פון אַ הערשער אויף דער פייערדיקער ערד?

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין—אויף נעד גאַנייען האָט אָקאַכלוס שטריינג-מאַיעסטעטיש אויסזען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. ער,

וואָס האָט זיך תמיד געהאַלטן אַזוי פֿריי און געשיקט, האָט איצט אויך גענומען שטאַמלען, ווי אָקאַכלו, דאַנקענדיק דער קעניגין פֿאַר איר פֿריינטלאַכער באַציונג צו זיין פֿאַמיליע. און נישט געשיקט און אומגעלומפּערט האָט ער פֿאַרגעלייגט אָקאַכלון זיין אָרים, כּדי איר צו באַגלייטן צו פֿרישטיק.

אינגיכן אָבער איז דער אייז צעשמאָלצן געוואָרן און ס'איז אַוועק אַ סדרה מיט דערקלערונגען. זיי האָבן דערציילט איינער דעם צווייטן אַלץ, וואָס איז געשען פֿאַר די לעצטע צוויי וואָכן.

נעדס שיפֿל איז באַשערט געווען דורכצומאַכן אַ סך געפֿאַרן אויפֿן אָפֿענעם ים. מיט די ווילדע אָבער האָט ער זיך נישט געהאַט באַגעגנט. באַלד אין אָנהויב האָט ער פֿאַרלאָרן דעם וועג, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן די געפֿערלאַכע אונטערוואַסערפֿעלזן פֿון דעם „מילך-וועג”. ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין צפֿון און איז דערגאַנגען ביז לעמערס ים-קאַנאַל. דעם „לויפֿער” האָט ער באַגעגנט ערשט נעכטן. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן, דער בראַווער מיסטער סימסאָן האָט שוין געהאַט באַשלאָסן אויפֿצעזוכן די שיפֿלאַך פֿון דער „קאַליפּסאָ”. קאַפּיטאַן סימסאָן איז געווען אַ גוטער מענטש. ער איז אָבער געווען אַ צו-מרה-שחורהדיקער ים-מענטש אייגנטלאַך האָט זיין מרה-שחורה געהאַט אַ געוויסן גרונט. דער „לויפֿער” האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט כאַפּן ים-הינט. און אָט איז ער שוין גאַנצע זעקס וואָכן אויפֿן ים ביי די ברעגעס פֿון דער פֿייערדיקער ערד און האָט נאָך קיין איין ים-הונט נישט באַגעגנט. דער קאַפּיטאַן האָט געשלאָסן קאָנטראַקטן מיט אַ פּאָר האַנדלס-הייזער, און איצט האָט ער זיי נישט געקאָנט אויספֿירן. אַלע ים-הינט זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן. די פֿאַרשאָלטענע ווילדע האָבן מסתּמא אויסגעהרגעט דידאָזיקע באַשעפֿענישן.

—אָ, קאַפּיטאַן, אויב ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן ים-הינט וועלן מיר אייך ווייזן אַן אָרט, וואו איר קענט געפֿינען אַ גאַנצע אַרמיי פֿון זיי!—האָט האַרי טשעסטער אויסגערופֿן און האָט זיך הויך צעלאַכט, דערמאָנענדיק זיך אָן זייער פּאַטירונג אויף דעם קליינעם אינזעלע.

סיגריף, וואָס האָט געהאַט זיינע אייגענע פּלענער, האָט פאַר־צווייפלט מרמז געווען האַרין, ער זאָל קיין סך נישט ריידן.

—אויב מיר האָבן יאָ געזען אַ פּאָר ים-הינט, הייסט עס דאָך נישט, אַז דאָרט זיינען פאַראַן אַ סך!—האָט ער געזאָגט און אַ קוק געטאָן בייז אויף האַרין.

—ווי געפעלט דאָס אייך! אַ פּאָר ים-הינט!—האָט האַרי נישט אויפגעהערט צו ריידן—איר האָט זיכער געוואָלט זאָגן, אַ פּאָר הונדערט טויזנט! נו, איך בעט אייך, סיגריף, הערט אויף! איך זע אויסגעצייכנט אייערע רמזים, וואָס איר וואַרפט מיר צו. שרעקט אייך נישט! קאַפּיטאַן סימסאָן וועט נישט זיין אימשטאַנד אַוועקצופירן מיט זיך אַלע ים-הינט. פאַר אונז וועט נאָך אויך בלייבן!

מען האָט אָפּגערעדט מיטן קאַפּיטאַן, אַז מען וועט אים ווייזן דעם אָרט פון די ים-הינט, און מען האָט אים אַפילו פאַרגעלייגט צו באַגלייטן אים אין דער מלוכה פון דידאָזיקע ברואים. דער „לויפער" איז פאַררעכט געוואָרן און איז אַוועקגעשוואומען אין יענער ריכטונג.

ווען זיי זיינען צוגעפאָרן צו דער האַלבאינזל פון די טענעקאַסן, האָבן זיי גערעכנט זיך צו געזעגענען מיט דער קליינער קעני־גין. צו דער אַלגעמיינער פאַרוואונדערונג אָבער, האָט זי דער־קלערט, אַז זי וויל אויך באַזוכן דעם אָרט פון די ים-הינט. זי וויל אָבער פאַר איינוועגס אָפּשטייגן אין איר רעזידענצשטאָט, כדי צו זען, וואָס דאָרט הערט זיך. האַרי, מאָד און נעד האָבן זי בעוואָלט באַגלייטן. אויף אַזאַ אופן האָבן די יונגע מענטשן געקענט זיך פאַרשטענדיקן, וואָס האָט געהאַט אומגעהויער וויכ־טיקע פאָלגן פאַר דער גאַנצער פייערדיקער ערד.

האַרי און מאָד, וואָס האָבן זיך געהאַט אַ סך צו זאָגן נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג, זיינען געגאַנגען זאַלבענאַנד פאַרויס איבערן וועג, וואָס האָט געפירט צו אָקאַבלוס פּאַלאַץ. אָקאַבלו איז גע־גאַנגען מיט נעדן. זי האָט געשפּרייזט פאָראויס אַזוי לייכט און

האָט מיט אַזאַ תענוג אָנגענומען נעדן אונטערן אָרים, אַז ער האָט עס געמוזט באַמערקן.

—איך מיין, אַז איר זייט גליקלאַך דעריבער, וואָס איר קערט זיך אום צוריק אַהיים?—האָט ער פשוט אַ פרעג געטאָן, הגם מען האָט געקאָנט באַמערקן, ווי ער וואַקלט זיך עטוואָס אויף די פיס—אַך, מיין ליבע, איר וועט באַלד פאַרגעסן אָן דער גאַנצער צופעליקער באַקאַנטשאַפט מיט אונז?

—אַזוי מיינט איר, מיסטער נעד?—האָט די קליינינטשקע קעניגין געפרעגט און איר קול האָט זיך אַזוי שטאַרק געענדערט, אַז נעד האָט זי שאַרף אָנגעקוקט.

זי איז פלוצלונג בלייך געוואָרן און צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

וואָס האָבן געזאָלט באַדייטן די דאָזיקע טייערע ווערטער? די יונגע קעניגין האָט נישט געוואַגט צו בעטן אַ מער דייטלאַכע דערקלערונג. זי האָט זיך באַגרעניצט באָר דערמיט, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט בלויז געטראַכט פון די עטלאַכע ווערטער, ביז זי איז געקומען מיט נעדן צו איר שלאָס. קיין שום נייס איז אין איר רעזידענץ נישט געשען. אירע טרייע אונטערטאַנען האָבן פאַרטיילט אין חלקים דאָס מעטס פונם וואַלפיש. די אייליקאָליעפן זיינען געווען אַנטציקט פון דער נייער ממשלה. אַמאַקאַ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטן פאַרטרעטער. דעמאָלט האָט זיך די קעניגין אומגעקערט צוריק אויפן ברעג.

מאָד און האַרי האָבן נאָך, קענטיק, געהאַט גענוג וואָס צו ריידן, ווייל אָקאַכלו איז ווידער פאַרבליבן מיט נעדן. איצט האָט דער יונגער אָפיציר געהאַלטן פאַר זיין חוב אויסצעטייטשן די ווערטער, וואָס ער האָט פריער געזאָגט אָקאַכלון.

—איך האָב אייך נאָך נישט געזאָגט, פאַרוואָס איך וואָלט געוואָלט האָבן 20000 דאָלאַרן,—האָט ער זיך פלוצלונג אָנגערופן מיט אַ שאַרפן, אָפנהערציקן טאָן—דעמאָלט וואָלט איך אייך געזאָגט: וואַרפט אַוועק אייערע פועדזשינער און האָט חתונה מיט אַן ערלאַכן אַמעריקאַנער בירגער, מיט איינעם פון מיינע פריינט.

—וואָס רעדט איר?—האָט אים אָקאַכלו אָנגעכאַפּט ביי די האַנט. — איר האָט אַ פריינט, אַן ערלאַכן אַמעריקאַנער בירגער, וואָס וואָלט געוואָלט חתונה האָבן מיט מיר, מיט אַ ווילדער?

—ניין, יענער וואָלט עס געהאַלטן פאַר דאָס גרעסטע גליק! איך קאָן יענעם אַמעריקאַנער זייער גוט, ווייל איך אַליין בין עס!...

די קלייניטשקע קעניגין האָט נאָך אַ ביסל געצווייפלט. זי איז אָבער געווען אַזוי גליקלאַך, וואָס זי הערט דידאָזיקע ווערטער, אַז זי האָט גענומען חלשן פון גליק...

—און צי דען זיינען דערצו אומבאַדינגט נויטיק די 20000 דאָלאַרן?—האָט זי געפרעגט נאָכדעם, ווי זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך.

—מיר מוזן דאָך איינאָרדנען עפּיס אַ לעבן...—האָט נעד עטוואָס געשטאַמלט.—אין אונזער פאַטערלאַנד מוז מען פאַרדינען געלט...

—אויב אַזוי,—האָט אָקאַכלו געזאָגט,—ברויכט איר נישט אַוועקצופאָרן. לאָמיר פאַרבלייבן דאָ, אונטער אונזער שיינעם הימל און צווישן די ווילדע מענטשן, וואָס זיינען בטבע גוטע מענטשן, נאָר זיי נויטיקן זיך אין אַ גוטן וועגווייזער, אין אַ ווייסן מענטשן מיט אַ ברייטער נשמה... נעד, לאָמיר דאָ פאַרבלייבן!..

נעד האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זי טיף אָנגעקוקט, נאָכדעם אַ דריק געטאָן זי צום האַרצן און געזאָגט:

—יאָ, איך פאַרבלייב דאָ... איצט פאַרשטיי איך אייך... איר זיינט גערעכט...

און ביידע האָבן זיך שטיל און געהיים צוקושט.

ביידע פאַרלאַך זיינען, ענדלאַך, געקומען אויפן שיף. די שיף האָט געריסן פון אָרט.

אין אַ שעה אַרום האָט זי זיך דערנענט צו דער אינזל פון די ים-הינט. און דאַן האָט דער קאַפּיטאַן גענקאָנט פינקטלאַך דערפילן דעם קאָנטראַקט.

***

וואָס איז אָבער געוואָרן מיט אונזערע העלדן, וועט איר פרעגן!

איך וועל אייך זאָגן: האַרי האָט חתונה געהאַט מיט מיס מאָר און נעד מיט אָקאַכלו...

אוןביידע פּאָרעלאַך זיינען גליקלאַך געווען.

דער ענערגישער נעד האָט איבערגענומען די ממשלה אויף דער פייערדיקער ערד, און דאָס לאַנד האָט אויפגעלעבט. אָס מאָל האָט אַ וואַרים האַרץ פון אַ ווייסן באמת באַשיצט און באַשירמט די רויטהויטיקע ווילדע, און מען האָט געקאָנט פריילאַך און גליקלאַך לעבן אויף דעמדאָזיקן שטיקעלע ערד. די ווילדע האָבן פאַרלאָרן זייער ווילדקייט און חיהשקייט, און יעדער וואָס איז געקומען אויף דער פייערדיקער ערד, האָט זיך געפילט אַזוי זי-כער, ווי ער פילט זיך ביי זיך אינדערהיים, אין אַן אייראָפּיי-אישער מדינה.

האַרי איז געוואָרן אַ באַרימטער קאַפּיטאַן, וואָס האָט מיט לייב און לעבן ליב געהאַט דעם ים. שפּעטער האָט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי באַזוכט זיינע עלטערן, וואָס האָבן אים אויפגענומען מיט וואַרימע אָרעמס און האָבן אים מוחל געווען זיין יוגנט-חטא: דאָס, וואָס ער איז אַנטלאָפן פון דערהיים...

האַריס שיף האָט געהייסן „ניי-קאַליפּסאָ". דאָס איז געווען אַ ריזיקע האַנדלסשיף, וואָס האָט קרייסירט פון אַמעריקע קיין איי-ראָפּע.

קאַפּיטאַן גאַניי און מיסטער סיגריף האָבן טיילווייז געלעבט אויף דער פייערדיקער ערד און טיילווייז אין אַמעריקע. זיי האָבן געהאַט זייער אַ גליקלאַכע עלטער.

די פייערדיקע ערד, וואָס האָט זיי מקבל-פּנים-געווען מיט אַזאַ רציחה און אכזריות, האָט זיי נאָכדעם באַלוינט מיט אַ סך גליק, שמחה און רום...

אַלע זיינען גליקלאַך געווען.